STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04150

# DERZEUNGEN

Joseph Rubinstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## יוסף רובינשטיין

# דערזעונגען

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל-אביב, תשל״ח — 1978

# DERZEUNGEN

**By Joseph Rubinstein**

Copyright 1978
By Joseph Rubinstein
New York, U. S. A.

J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv, ISRAEL

©

Printed in Israel 1978

נדפס בישראל 1978

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481. ישראל

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון דעם מחברס
איין און איינציקע שוועסטער סימע וואַרשאַווסקי

1981



דאָס בוך „**דערזעונגען**" איז אַ זאַמלונג פון אַכטשורהדיקע לידער, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט במשך פון יאָרן אין פאַר־שידענע צייטשריפטן.

אין אָט די קורצע לידער האָב איך געפרוווט פאַרסכהכלען מײַנע מחשבות און געפילן אין שײַכות פון מענטש צו דער אַרו־מיקער וועלט, וואָס איז פול מיט געהיימער שיינקייט און נישט אַנטפלעקטן סוד.

די קורצקייט פון אַכטשורהדיקן ליד, די געצוימטע פאָרעם און קלאַסישער ריטעם האָבן מיר געהאָלפן אויף אַ געפּאַסטן אופן צו קענען אַרויסוויקלען מײַנע מאָטיוון פון דעם שטאַנדיקן ווערטער־קנויל, וואָס האָט ליב אַ מאָל אין פּאָעזיע צו פאַרהילן אַלץ אין אַ סודותפולן נעפל. אַזוי אַרום האָט די דרויסנדיקע צוימונג בײַגעטראָגן צום אינוווייניקסטן צימצום פון ליד, כּדי אויף דעם באַגרענעצטן שטח פון אַכט געגראַמטע שורות זאָל איך קענען אַרויסברענגען קורץ און קלאָר מײַנע זעונגען פון דער וועלט.

איך האָב זיך טאַקע באַמיט צו מאַכן מײַן ליד **זעעוודיק**־בילדלעך און אַפילו **הערעוודיק**־בילדלעך, ווײַל אין דער רגע פון שאַפונג ווערן אומבאַוווסטזיניק קאָאָרדינירט די וויזועלע און קלאַנגלעכע אײַנדרוקן, זיי דערגאַנצן זיך אַזוי, אַז אויך די מוזי־קאַלישקייט פון וואָרט מאַכט אָפט **דערזען** דורך די קלאַנגען דווקא עפּעס, וואָס מיר האָבן וויזועל נישט באַוויזן אויפצוכאַפּן. צוליב דעם האָב איך מײַן לידער־בוך טאַקע אָנגערופן מיטן נאָמען „**דערזעונגען**".

און נאָך עפּעס וויל איך צוגעבן : דער דיכטער גלייבט און וויל מאַכן גלייבן דעם לייענער, אַז זײַן ליד איז אַ סך מער ווי בלויז אַן

אָפּשפּיגלונג פון זײַן איבערלעבונג, אָדער זעונג. דער דיכטער האָלט, אַז זײַן אינדיווידועלע אַנטפּלעקונג פאַרקערפּערט אין וואָרט איז אין פּראָצעס פון שאַפן געוואָרן אַן אַנדער רעאַליטעט, איז אין ליד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאַנצן אין אַ נײַערווירקלעכקייט, וואָס האָט פריער לגמרי נישט עקזיסטירט. ער גלייבט, דער דיכטער, אַז אַט די באַזונדערע וועלט, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט און איז פאַרבליבן אין זײַן ליד, וועט אויפגיין שפּעטער אויך בײַ דעם לייענער, ווי זײַנע שוין, דעם לייענערס, אַן איינמאָליקע, זיך נישט־איבערחזרנדיקע איבערלעבונג און דערזעונג.

*

ווען דאָס דאָזיקע בוך איז געווען שוין אויסגעזעצט און גרייט צום דרוק איז אומגעריכט אַוועק פון דער וועלט מײַן געטרײַע לעבנס־באַגלייטערין **לערא** (**ריווע**), מיט וועלכער איך האָב אָפּגעלעבט אין ליבע און איבערגעגעבנקייט צענדליקער יאָרן, סײַ אין די שווערע טעג פון ייִדישן חורבן, און סײַ שפּעטער, אין אונדזערע וואַנדערונגען דורך דער וועלט.

זי איז פּלוצלונג נפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק און איך האָב זי געבראַכט קיין ישׂראל צו איר אייביקער רו אין קיבוץ משמר העמק.

יוסף רובינשטיין

**ביים ענדיקן דרוקן דאָס בוך איז אַוועק פון דער וועלט דער דיכטער יוסף רובינשטיין.**

**דאָס איז געשען דעם 24סטן פעברואַר 1978 — צוויי חדשים נאָכן טויט פון זײַן פרוי.**

**לויט זײַן צוואה האָט מען אויך אים געבראַכט צו דער אייביקער רו אויפן בית־עולם פונעם קיבוץ משמר העמק.**

פאַר מײַן פרוי

ל ע ר אַ

# דערזעונגען

## איך זע די וועלט

איך זע די וועלט פון איצט, ווי כ׳וואָלט געזען זי פון דער ווײַטנס,
גאָר ערגעץ ווו — אַ פּישופדיקע, מעשׂהדיקע וועלט,
ווו ס׳פּירט זיך אַלץ אַלטמאָדיש נאָך, קדמונימדיק, פּאַרצײַטנס,
ווו ס׳לעבט נאָך יעדע זאַך געהיים און סודותדיק פאַרשטעלט.

דאָרט קען אַ בוים פון העלער הויט גאָר אָנהויבן צו ריידן,
אַ פעלדז צעטאַנצט זיך, כאַטש פאַרקלעמט אין שטיינערנעם לבוש
און ס׳שמעקן אַלץ נאָך דאָרטן מיט דעם עפּל פון גן-עדן
די הייסע מיידל-ליפּן אין דעם נאַרנדיקן קוש.

## די ערד איז אַלט

די ערד איז אַלט, זי פּרוּווט איר אַלטקייט קונציק צו באַהאַלטן,
פאַרשטעלן, ווי אַ פרוי פאַרשטעלט איר קאָפּ — די גרויע האָר,
נאָר ס׳קריכן פאָרט אַרויס, ווי קנייטשן, אירע טיפע שפּאַלטן
און דעקן אויף איר אמתע, איר נישט-געפעלשטע וואָר.

אַזוי פאַרהילט זי פרילינג זיך און זומער מיט דער גרינקייט,
און ווינטער ליגט זי מיט אַ ציך אַ שנייִיקער באַדעקט,
און נאָר אין האַרבסט גייט אויף אַדורך דער גאָלדענער פאַרשמינקטקייט
דער פּנים אירער פול מיט קנייטשן, שוואַרץ אַדורכגעפלעקט.

## אַ וווּנדערוועלט

איך טראָג נאָך אַלץ אום אין מײַן בלוט די וווּנדער-פּאַנאָראַמעס,
וואָס איך האָב זיי געזען אַ מאָל אין שטעטלשן פּאַרנאַכט,
ווּ ס'זײַנען נישט קיין בערג געווען, ווּ נישט געווען קיין ים איז,
נאָר איך האָב זיי אין חדר גאָר בײַם חומש אויסגעטראַכט.

אַ וווּנדערוועלט מיט זעונגען, ווּ אַלץ געווען איז געטלעך,
ווּ גאָט אַליין גערעדט האָט מיט זײַן דונערדיקן קול —
פון ווײַטע געסלעך האַרבסטיקע, פון ווײַס-פּאַרשנייטע שטעטלעך
טראָג איך נאָך אום די זעונגען פון קינדערשן אַמאָל.

## בײַם לעצטן ראַנד

כ'האָב אָפּגעלעבט מײַן לעבן ערגעץ אויף אַ פרעמדער גאַס,
בײַ פרעמדע טישן בין איך אַ פאַרבלאָנדזשעטער געזעסן,
ווי ס'וואָלט דער גורל צופעליק, צי אפשר גאָר אין שפּאַס,
געלאָזט מיך דאָרטן אין זײַן שפּיל און האָט אָן מיר פאַרגעסן.

און איצט, בײַם לעצטן ראַנד שוין פון דער גאַס, בײַם סאַמע סוף,
איך קוק זיך אום צוריק אַ מאָל און וויל דערזען אַלץ ווידער.
איז דאַכט מיך — כ'בין אַ חלום נאָר געווען אין עמעצס שלאָף
און אויף אַן אמת, איז מײַן וואָר פאַרבליבן אין די לידער.

## ברוגזע מענטשן

די ווענט אין צימער קרישלען זיך פון ברוגזדיקן שווײַגן,
די פענצטער טונקלען שטויביק-מאַט, עס שאָטנט דער סופית.
אַ וואַלד ווערט זומער אָפּגעוועלקט און ס'דאַרן זײַנע צווײַגן
ווען ס'קומען נישט די פייגל אים באַזינגען מיט אַ ליד.

פון שווײַגן ווערן צימערן ווי פּראָסטיק דורכגעקעלטערט,
די שפּיגלען גלאָצן מיד, די שטולן ווינקלען זײַטיק, קרום,
און מענטשן ווערן פאַר דער צײַט גאָר ווי פאַרוועלקט, געעלטערט,
ווען ברוגזע זיי גייען אום אין שטוב, אָן ווערטער, שטום.

## אַ יונגער בוים

אַ יונגער בוים, ער שטייט דער סאַמער זאַפּטיקסטער, דער גרינסטער,
מיט צווייַגן אויסגעצויגענע ער שפּרייט זיך הויך און גרוים.
ער העלט, ער ליכטיקט אין פאַרנאַכט, כאָטש ס'ווערט אַרום שוין פינצטער,
ווי ס'וואָלט דער טאָג אין אים אַרייַן און נישט געוואָלט אַרוים.

די אַלטע ביימער טונקלען זיך אין שאָטנדיקן שווייַגן,
די נאַכט איז שוין צו זיי אַרייַן און זיי פאַרהילט, פאַרשטעלט.
דער יונגער בוים ער רוישט נאָך אַלץ מיט ליכטיק־גרינע צווייַגן,
ווי ס'וואָלט דער טאָג נאָך אַלץ אין אים אַ זוניקער געהעלט.

## די לייַכטער

מיט אויסגעברענטע ליכט די לייַכטער בלייכן אין דער טונקל
מיט חלב־טראָפּנס אָנגעטריפט און שאָטנדיק פאַרהילט
דער בלייכער זילבער שייַנט אַרויס, ווי ס'וואָלט נאָך אַלץ אַ פונק העל
פון פלעמלעך לאַנג־פאַרלאָשענע געשטיפט אין זיי, געשפּילט.

ס'איז טונקל, שטיל, דער נאַכטלאָמפּ וואַרפט אַ ליכט אויף זיי אַ קאַלטן,
די לייַכטער בלייכן זילבערדיק מיט חלב אָנגעטריפט,
זיי שייַנען אין דער טונקל, ווי אין זייער גלאַנץ באַהאַלטן —
וואָלט אַלץ נאָך, אַלץ, אַ קינדער־שבת סודותדיק געשטיפט.

## אין נאַסן גלאַנץ פון טראָטואַר

דער רעגן שטריקט פון טראָפּנס אויס אַ טריפגעוועב פון טרויער,
וואָס הילט, פאַרציט די וועלט אַרום, פאַרשלייערט דעם פאַרנאַכט.
אַ פוסטע גאַס — אַ רויטע וואַנט פון ציגלדיקן מויער
גלאָצט גליווערדיק מיט אַלע פענצטער טרויעריק פאַרמאַכט.

אין נאַסן גלאַנץ פון טראָטואַר די וואַנט דאָרט אָפּגעשפּיגלט
שרייַט אויס, ווי קאָפּ אַראָפּ, די שרעק פון רויטן ציגלהויז.
אַ מענטש קומט מיט אַ שירעם אָן, דער שירעם פאַכט צעפליגלט
און שלאָגט זיך אָפּ אין נאַסן גלאַנץ — אַ שוואַרצע פלעדערמויז.

## דאָס פּנים פון דער וועלט

דאָס פּנים פון דער וועלט גייט אויף צו אונדז פאַרהילט אין פאַרבן,
זיי בײַטן זיך אין לופֿט פון דער אומענדלעכקייט פון קרײַז:
מיט זומערגרין, מיט בלאָנד פון האַרבסט און וועלקנדיקן שטאַרבן,
מיט פרילינגבלוי און מיט דעם ווינטערס קאַלט־צעבלענדטן ווײַס.

אַזוי פאַרוויקלט איז די וועלט מיט פאַרביקע וואַלן,
איר פּנים מיט קאָלירן איז פאַרשלייערט און פאַרשטעלט.
די פאַרבן בײַטן זיך, די שלייערס וויקלען זיך און פאַלן —
אַזוי פאַרהוילן שטענדיק בלײַבט דאָס פּנים פון דער וועלט.

## מײַן עבר

דער איצטער יאָגט, ער טראָגט זיך דורך צעליאַרעמט און צעפלויגן,
די קעגנוואַרט זי אײַלט פאַרבײַ צעשויבערט, האַסטיק־שנעל,
און נאָר מײַן עבר אומבאַוועגלעך שטייט פאַר מײַנע אויגן,
ער רירט זיך נישט, ער שטייט נאָך אַלץ פאַרגליווערט אויף מײַן שוועל.

אַט ווי דו קוקסט פון באַן אַרויס — די וועלט זי לויפט צעשטורעמט.
זי אײַלט פאַרבײַ — אַ שויבער־קנויל אין דעם מהירות־יאָג.
אין ווײַטקייט נאָר פאַרגליווערט שטאַרט בײַם האָריזאָנט אַ טורעם,
ער רירט זיך נישט, ער שטייט דאָרט ווי אַ ווײַטער יוגנט־טאָג.

## אין אַ וועלט וואָס אײַלט

איך לעב איצט אין אַ וועלט וואָס אײַלט, וואָס ענדערט זיך כסדר,
וווּ ס'האָבן זיך די טעג פאַרמישט און אַלץ איז פול מיט סוד —
איך פלי אין רוים, נאָר אין זיכּרון זיץ איך נאָך אין חדר
וווּ ס'רעדט אין חומש אַלץ נאָך פון דעם סנה צו משהן גאָט.

ס'האָט אַלץ אין מיר זיך אויסגעמישט, ס'האָט אַלצדינג זיך
פאַרפלאָנטערט,
איך כאַפּ אַ מאָל אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל, אין געאײַל —
אַ פּנים אַ באַקאַנטער קוקט, אָט דאַכט זיך — מיך דערמאָנט ער,
נאָר כ'בין נישט זיכער אין אַ וועלט וואָס בײַט זיך יעדע ווײַל.

## אַן אַלט־פֿאַרגעסענער ראָמאַנס

אין שפּיל פֿון פֿאַרבן־ליכטער: רויטע, בלויע, גרינע
אַ מיידלש פּנים העלט צום פּובליקום געווענדט.
אין דעם עסטראַדע־ליכט די אַלטע קאָנצערטינע
לויפֿט אום אַהין־אַהער צווישן אירע הענט.

איר שטימע לויפֿט זי נאָך — וואָס זינגט זי, וואָס? אין פּלאַטער
פֿון העלן ליכטער־שפּיל, ווי אין אַ פֿאַרבן־טראַנס,
דער אומעט טאַנצט אין דעם פֿאַרשאָטנטן טעאַטער
מיט טענער פֿון אַ לאַנג פֿאַרגעסענעם ראָמאַנס.

## פֿאַר נאַכט בײַם ים

איך האָב געזען אַ מענטש, וואָס האָט בײַם ברעג פֿון ים געוויינט.
זײַן פּנים, אין די הענט, האָט ער אין הייסן זאַמד באַגראָבן.
דער ים האָט זיך געשוועקט, אַ פּעלז געגליווערט האָט פֿאַרשטיינט
און מעוועס האָבן פֿינצטערע געטראָגן זיך, ווי ראָבן.

איך האָב געזען, ווי זײַן געוויין געצאַנקט האָט און פֿאַרשטומט.
די שקיעה אויף אַ כוואַליע־שפּיץ געלאָשן האָט איר גלִיען.
דער קאָפּ אין זאַמד האָט נאָך געצוקט. דער ים האָט שווער געברומט
און איבער אים די מעוועס האָבן נאַכטיק־שוואַרץ געשריִען.

## אַ מעווע

דער ים האָט פּלוצלונג אויפֿגעכאַפּט פֿאַר טאָג זיך און צערעוועט,
ווי ס׳רײַסט אַ קינד זיך אויף פֿון שלאָף צעיאָמערט און צעקלאָגט.
די כוואַליעס ברויזן, איבער זיי עס גאָרגלט זיך אַ מעווע,
ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פֿון נאַכט אַדורכרײַסן צום טאָג.

עס רוישט דער ים. די נאַכט אַנטלויפֿט. דער ווינט טראָגט אום די בלויקייט
פֿון דעם באַגין, וואָס מישט זיך מיט דעם כוואַליעדיקן ברויז.
די מעווע שרײַט, זי גאָרגלט זיך מיט בייזער, האַרטער רויקייט,
ווי זי וואָלט פֿון דעם נאַכט־געפּלאָנטער נישט געקענט אַרויס.

## לאַנדשאַפט

אין אָונט-נעפּל טויכן אויף אין פאַרט די סילועטן
פון עלעוואַטאָרס טונקעלע. מיט אויסגעשטרעקטע הענט
זיי הענגען גרוי-צעשאָטנטע, געשפּענסטיקע סקעלעטן,
אַריבער פּלייצעס פון פירקאַנטיקע פאַבריקן-ווענט.

די שאָטן-סילועטן פאַלן טויטע אין דעם וואַסער
און לעשן אוים דעם אָפּשײַן פון אַן איינזאַמען לאַמטער,
וואָס שלאָגט זיך אָפּ זיגזאַגעדיק, אַ נעפּלדיקער-בלאַסער
אין גליווערדיקער וואַסערטיף, וואָס טונקלט בלײַיק-שווער.

## האַרבסטיקער פאַרנאַכט

אַ בערגל אין פאַרנאַכט — אין דעם אַדורכגעבלויטן דעמער,
פון הינטער אים אַ מאַטע זון בײַם מערב-ראַנד פאַרגייט,
אַריבער אים אַ בוים, ווי אויף אַ טונקעלן באַלעמער —
אַ דאַוונענדיקער, הוילער בוים אין ווינט צעשאָקלט שטייט.

אין דורכלויכט פון דעם זונפאַרגאַנג אַ האַרבסטיקער, האַלב-נאַקעט,
מיט לעצטע בלעטער שטייט ער, אַ צעוויגטער סילועט.
די בלעטער שאָרכן און די קראָען איבער אים צעקראַקעט
זיי דאַוונען אוים אַ האַרבסטיקן, פאַרנאַכטיקן געבעט.

## אַ צווײַג

דורך וואָלקן-צויטן רײַסט זיך דורך דער זונגלי פון דער שקיעה,
ער טויכט אַרוים מיט רויטן בלענד — דער הימל פינצטערט, גרויט.
אַ לאַנגער צווײַג הענגט אויסגעבויגן ווי אַ שוואַרצע וויִע,
פון אונטער אים די שקיעה גליט — אַן אויג וואָס ווונדיקט רויט.

די נאַכט שאַרט זיך פון וואַלד אַרוים, זי רוקט זיך, קלעטערט, שטאַפּלט,
אַ שאָטנדיקע קריכט זי אויף די ביימער און זי שטײַגט.
דער רויטער גלי פון שקיעה נאָר נאָך ווונדיקט רויט-צעצאַפּלט
אַדורך דער שאָטן-וויִע פון דעם אויסגעקרימטן צווײַג.

## אַן אָפּשײַן נאָר

פון דער מחשבה נאָך אין קאָפּ ביז צו דער שורה אָנגעשריבן —
ליגט אויסגעשפּרייט אַ מרחק רב, און צו דײַן וואָרט אַדורכן וועג
געקומען איז אַן עכאָ בלויז און אין דײַן וואָרט איז ער פֿאַרבליבן
אָט ווי אַ ווײַטער אָפּשײַן נאָר, אַן אָפּגעבלייכטער, קאַלטער פֿלעק.

ווי ס'טרעפט פון ווײַטן שׂריפה-פֿלאַם, גייט אויף צו אונדז מיט ראָז
מיט בלאַסן,
אַ שוואַכער אָפּגלאַנץ נאָר, וואָס טוקט זיך ערגעץ בײַ דעם הימל-ראַנד —
דאָרט ברענט אַ שטאָט דאָך, ס'פֿלאַמט אַ שטאָט, עס פֿאַלן ווענט, עס
קראַכן גאַסן.
און דאָ, צו אונדז, דערגייט נאָר בלויז דער בלאַסער אָפּשײַן פון דעם
בראַנד.

## זעונגען

צו מיר קומען זעונגען מאָדנע, ווי ערגעץ פון ווײַטע פּלאַנעטן,
ווי ווײַטע סיגנאַלן, ווי בילדער פון אַנדערע וועלטן צו מיר.
זיי קומען גאָר שטום אויף אַן אופן אין גאַנצן אַ נישט גאָר געוועדטן,
ווי איך וואָלט געזאַנט זיי, געפילט זיי, ווי נאָר דורך אַ בלויזן באַריר.

ווי כ'וואָלט מיט מײַן הויט זיי באַנומען אין גאַנצן אָן קלאַנגען,
אָן ווערטער,
דורך זעונגען מאָדנע, וואָס זײַנען אויף יענער זײַט זין פון די רייד,
וווּ וואָרט איז נישט מער קיין גערעדטער, וווּ וואָרט איז נישט מער
קיין געהערטער,
נאָר בילדער וואָס האָבן אין גאַנצן אַן אַנדער באַטײַט און באַשייד.

## אין יעדן ניגון

מיר דאַכט, אין יעדן ניגון ליגט באַהאַלטן דאָרט אַ פּנים,
דו הערסט די טענער און דו זעסט פאַר זיך גאָר אַ געזיכט,
וואָס ס׳האָבן איצט די קלאַנגען דיר געגעבן אַ דערמאָן אים
און האָט פאַר דיר אַנטפּלעקט זיך אין דעם דמיון אומגעריכט.

זעט אויס אין יעדן ניגון ליגט אַ זעונג אויסבאַהאַלטן,
עס ליגט אין יעדן קלאַנגען־שפּיל אַ פּנים דאָרט פאַרוועבט,
וואָס טיילט אים אויס פון אַלע פרעמדע, אַנדערע געשטאַלטן,
ווי ער וואָלט נאָר אין אָט דעם ניגון דאָרט פאַרשטעלט געלעבט.

## דער שטיין

דער גרויער שטיין איז טאַקע אייביקער פון מיר —
איך לעב דאָך קורץ און ער, ער לעבט נישט איין יאָרהונדערט —
נאָר קאַלט איז ער דער שטיין, און קאַלט איז זײַן באַריר,
און קיינער האָט נאָך נישט זײַן אייביקייט באַוואונדערט.

און ס׳טרעפט אַ מאָל, מיר דאַכט — ער לעבט דער שטיין פאַרשטעלט,
מיט מאָך באַדעקט, ווי מיט יאָרהונדערטער־סימנים.
ער קוקט מיר נאָך געהיים, ווי פון אַן אַנדער וועלט,
מיט ברעמען מאָכיקע — אַן אויסטערלישער פּנים.

## ווינטן

די ווינטן האָבן ליב בײַ נאַכט אין גאַס אַרומצופלאַוען,
זיי האָבן ליב דעם שאָטנברוק, די טונקלקייט פון ווענט,
דעם קאַלטן גרוי פון הארבסטיקע, פון פײַכטע אינדערפריִען,
ווען ס׳פאַלט צו שויבן־צו דער טאָג מיט פאַלש־געמאַכטן בלענד.

די ווינטן ליגן גאַנצע טעג ווי אײַנגעלייגט, באַהאַלטן,
זיי שלאָפן אויף די דעכער, אונטער בריקן ווי פאַרשטעקט.
זיי כאַפּן זיך פאַר נאַכט אויף אין לאַמטערן־ליכט דעם קאַלטן
און טראָגן איבער גאַסן אום דעם אומרו־הילך פון שרעק.

## אַ גערוויטער

דער בוים האָט פּלוצלונג זיך צערוישט און זיך צעפּלאָטערט ווינטיק,
ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פֿאַר אַ פֿליִענדיקער שטרוי.
דער הימל ווי אַ קינדער־העפט זעט איצטער אויס פּאַרטינטיקט,
מיט אויסגעשמירטע פֿליאַמעס פֿון די וואָלקנס, שוואַרץ און גרוי.

אַ שטיקל בלוי קוקט שטיפעריש אַראָפּ נאָך בלייך־פּאַרציטערט,
אָט ווי אַ קינד — באַהאַלטן הינטער כמאַרעדיקער וואַנט.
נאָך אים לויפט מיט אַ בליץ־נאָך, ווי אַ זיידע, דער גערוויטער —
מיט אויסגעשטרעקטער פֿײַער־בײַטש אין שטראָפֿנדיקער האַנט.

## דער הימל

דער הימל קוקט בײַ טאָג אַראָפּ אַ ליכטיקער, צעהעלטער,
ער גלעט אונדז כלומרשט מילד און זאָרגלאָז מיט זײַן בלויען ליכט,
נאָר אויף אַן אמת איז ער מיט זײַן בלויקייט אַ פֿאַרשטעלטער —
דאָס נאַרט ער גאָר, באַהאַלט פֿון אונדז בײַ טאָג אויס זײַן געזיכט.

בײַ נאַכט נאָר גייט ער אָפֿן אויף צו אונדז — אַן אויפֿגעפּראַלטער,
אַן אָפּגעדעקטער, נאַקעטער — אַ שטערנדיקע וועלט,
מיט מילכוועגן, נעבולאַס, אַן אומענדלעכער, אַ קאַלטער,
און גלאָצט אויף אונדז אַ גרוויזאַמער מיט קאַלטן בלוי צעהעלט.

## דער בוים

דאָ פֿאַלט די שטאָט אין טאָל אַראָפּ. דער רויש דער ווײַט־צעהילכטער
דערגייט דאָ קוים און ברומט פֿאַרשטיקט אין דורכגערויכטן רוים.
דער הימל הענגט נישט בלוי, נישט גרין — אַ בלייכלעך־דורכגעמילכטער,
אַ מידער, אַ פֿאַרחלשטער, ער הענגט דאָ אויף אַ בוים.

דעם בוים איז ברייט און נידעריק, ער איז שוין געל אין זומער,
אַ הויקערדיקער שטייט ער מיט זײַן קאַלטנדיקן קאָפּ,
מיט קריפּל־וואָרצלען נאַקעטע, אַן אויסגעבויגן־קרומער,
און האַלט דעם הימל אונטער אַלץ וואָס פֿאַלט אָט באַלד אַראָפּ.

## וואַלקנס

ווי אומעטיק, אַן וואָלקנס, וואָלט דער הימל מיר געוואָרן —
אַ שטענדיק בלויער הימל, וועלכער זוניקט, בלענדט און לײַכט.
און איך האָב ליב פון וואָלקנדלעך די שנייִיקע אוזאָרן,
די וואָלקנדלעך, ווי פעדערלעך, וואָס שוועבן זאַרגלאָז-לײַכט.

און שטורעם-וואָלקנס האָב איך ליב מיט פײַערדיקע שפּאַרעס,
פון וואַנען ס'רײַסן בליצן זיך מיט פאָספאָר-גרין צעהעלט.
אָט דאָרטן האָט דאָך גאָט אַ מאָל געדונערט אין די כמאַרעס,
ווען ער אַליין האָט שטראָפנדיק גערעדט נאָך צו דער וועלט.

## די שטילקייט

די שטילקייט זיצט בײַם ראַנד פון וואַלד. זי איז געבליבן זיצן
און קען נישט ווײַטער גיין. דער וועג — אַ שטויביקער געקנויל
לויפט אום צעווינטיקט. ס'פאַלן שווער די ערשטע טראָפּן-שפּריצן
און ס'זאַפּט די ערד זיי דאַרשטיק אײַן מיט לעכצנדיקן מויל.

זי וואַרט, די ברוינע ערד, אַן אויסגעטריקנטע פון היצן,
זי ליגט פאַרחלשט, דאַרשטיק, ווי אַדורכגעסמאַליעט, הויל.
דער הימל וועקט מיט רעגן זי, מיט דונערן און בליצן
און נאָר בײַם ראַנד פון וואַלד די שטילקייט שלאָפט פאַרשאַטנט, פויל.

## יאָדלעס

די הויכע יאָדלעס נעפּלען אין די דעמער-פּעלערינעס,
זיי אײַלן באַרג-אַראָפּ זיך צו דעם אָוונטיקן טאָל,
ווו דורכגעהעלט מיט בלוילעכן לבנהדיקן גרין איז
דאָס וואַסער פון דעם טײַך, וואָס מיניעט בלייך זיך, קאַלט ווי שטאָל.

די יאָדלעס אײַלן באַרג-אַראָפּ, די נאַכט וואַרט אָפּ פאַרטײַעט,
זי אײַלט, פאַרלויפט מיט שאָטנס זיי, פאַרטונקלט זיי דעם וועג
און פירט זיי נעפּלדיק אַראָפּ אין טאָל צו דער לויה
פון טויטן טאָג, וואָס ליגט אין טײַך דערטרונקען אויף זײַן דעק.

# פאַלנדיקע שטערן

דער הימל בלויט, דער מילכוועג בלייכט — אַ שטערנדיקער שײַער,
ווו אַנגעזאַמלט האַרבסטיק ליגט דער הימלשער פאַרמעג,
וואָס פינקלט, גרינט און בלויִקט — אַ פאַרמעגן אין לשער,
וואָס הויפנט אָנגעשאָטן אויף דעם הימלס בלויען דעק.

דער מילכוועג בלייכט, די שטערן פאַלן, רינען־אויס פאַרלאָשן,
זיי פאַלן, אָן אַן אויפהער אַליץ, מיט קילן גרין, צעהעלט,
ווי עמעצער אין שײַער דאָרט וואָלט ניט־געזען געדראָשן
און ס'פאַלן שטערן־קערנער אין דעם שפּײַכלער פון דער וועלט.

# דער וואַלד

דער וואַלד שטראָמט באַרג־אַראָפּ, דורך אויפגעפּראַלטע סקאַלע־שפּאַלטן
מיט פלייציקע קאַסקאַדן, וואָס צעשווימען זיך אין טאָל —
דאָרט בלײַבט ער שטיין בײַם ברעג פון טײַך, וואָס האָט זײַן פלייץ פאַרהאַלטן
און שפּיגלט אָפּ אים אין זײַן טיף, וואָס בלויט ווי קאַלטער שטאָל.

איז שטייט דער וואַלד פאַרנאַכטיק דאָרט, אַ נעפּלדיקער־בלאַסער,
און קוקט מיט קינאה ווי אַ בוים שטייט אויף דעם צווייטן ברעג,
ווי ס'וואָלט דעם בוים געלונגען איבערשפּרינגען דאָ דעם וואַסער
און איז אַן איין־און־איינציקער אַנטרונען און אַוועק.

# צוויי ביימעלעך

דורך באַרגיקן באַזאַלט, דורך שטיקער אויפגעפּלאַצטע סקאַלעס,
צוויי ביימעלעך אַדורכגעריסן האָבן זיך אין שטיין.
זיי פלאַטערן מיט ערשטן גרין, מיט דין־צעצ׳ויגטע טאַליעס,
וואָס בייגן זיך, וואָס קענען קוים אין ווינט צעפּאַכטע שטיין.

אַריבער זיי אַ הייסע זון. אין הימלבלוי צעגליטן
אַ קליינטשיק גאָלדן־וואָלקנדל פאַרחלומט לאַנגזאַם קריכט,
און זיי, זיי קוקן ווי פון אונטן אין דעם גראָז, אין מיטן
אַ העזעלע קוקט שטום אויף זיי מיט אויגן פול מיט ליכט.

## דאָס בלעטעלע

דאָס איז געוועזן אין דער פרי — פון קנאָספּ אַרויסגעקראָכן
צעשראָקן איז אַ בלעטעלע אַ ציטערדיקס, אַ קליינס —
עס האָט דערזען דעם ברוינעם צווײַג, דעם צווייטן קנאָספּ — זײַן שכן,
דערפילט די זון, דעם בלוי דערפילט, וואָס ווערט מיט אים איצט איינס.

דאָס בלעטעלע אַרויסגעקוקט אַ ווײַל האָט נאָך צעשראָקן,
באַטראַכט דעם טראָפּן טוי, וואָס זוניקט פינקלדיק־צעגליט,
און ביסלעכווײַז דערפילט אין זיך די קוועלנדיקע סאָקן,
און פּלוצלונג זיך דערפרייט, צעהעלט, און ראַזיק זיך צעבליט.

## זעק מיט מעל

מיט גליווערדיקע פליגלען שטייען שלאָפנדיקע מילן —
דער טאָג ליגט ווײַס צעמאָלן שוין אין פולע זעק מיט מעל.
איצט הייבט שוין אָן די נאַכט מיט שאָטנס אַלץ אַרום פאַרהילן,
דער טאָג נאָר פון די זעק אַרויס נאָך ליכטיקט ווײַס און העל.

די נאַכט פאַרהילט, פאַרוויקלט אַלץ, פאַרשטעלט ווי נאָר אַ שפּאַרע,
די ערד ליגט אַ פאַרשאָטנטע — אַ שוואַרץ־פאַרקלעקטער פלעק,
דער הימל הענגט אַ פינצטערער, פאַרצויגן מיט אַ כמאַרע,
און נאָר דער טאָג לײַכט אַלץ אַרויס מיט ווײַסן מעל פון זעק.

## מושלען אויפן זאַמד

אַ טויטער, גליווערדיקער ים. פאַרלאָשענע מאַיאַקן.
די מושלען ליגן אויפן ברעג, ווי רעשטלעך פון אַ וועלט,
וואָס איז פאַרשווונדן לאַנג שוין. מיט אַן אײַנגעקראַמפּטן נאַקן
אַ פעלדז קוקט אין דער ווײַט אַרײַן אין שקיעה־ליכט צעהעלט.

וואָס זעט ער דאָרט? דער ים איז פּוסט, אַט ווערט ער באַלד פאַרלאָשן.
נאָך גיט אַ גלי אַ כוואַליע פון דער שקיעה־רויט צעפלאַמט.
און אויפן ברעג, ווי רעשטלעך פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ שוין,
עס ליגן טויט־פאַרגליווערטע די מושלען אויפן זאַמד.

# פלויטן

א

די פלויטן, אויסגעשמיסענע פון האַרבסטיק-בייזן רעגן,
צעקרימטע, אויסגעבויגענע — זיי נייגן זיך צו דר'ערד,
פאַרבײַ די אויסגעכליאַפּעטע, די גריבערדיקע וועגן,
ווו שמוציקע קאַלוזשעס שפּיגלען אָפּ זיי אויף-פאַרקערט.

צעפּוילט און מאַכיק-שיטערע — זיי שטייען הוילע, נאַקעט,
זיי סטאַרטשען קרום, ווי לעצטע ציינער אין אַ פּוסטן מויל,
אַ קראָ נאָר האָט אַוועקגעשטעלט אויף זיי זיך און זי קראַקעט
און שאָטנט אוים אין נאַכט אַרײַן אַ נאָגנדיקע גרויל.

ב

דער הימל בלייכט, ער גרויט אַ פּערלמוטער דורכגעזיפּטער
מיט גאָלד פון זון, וואָס שלאָגט זיך דורך די וואָלקנס קוים אַדורך.
אַ פּײַכטער פּלויט פון רעגן שטייט אַ האַרבסטיקער, באַטריבטער
און ס'שמעקט די לופט מיט בלעטערפויל, מיט ווײַניקן גערוך.

די ערד שמעקט אויך מיט גראָזן-וועלק, דער פּלויט דער דורכגענעצטער
וועט אויך דאָ באַלד צעפאַלן זיך אַדורכגעשימלט, פויל,
און בלײַבן שטיין צעשראָקן וועט אַ פלאָקן נאָר אַ לעצטער,
און קוקן אין די ווײַטקייטן, וואָס שוואַרצן ליידיק, הויל.

## אַ שאָרכנדיקער נעפּל

אַ נעפּל איז געהאַנגען קיל, אָנוואָגיק, ווי אַ שאָטן,
אַ דורכזיכטיקער, בלויער האָט ער שאָרכנדיק געקנוילט —
דאָס האָט דער האַרבסט די בלעטער פון די ביימער אָפּגעשאָטן
און ס'האָט דער נעפּל שאָרכנדיק און אומהיימלעך געגרוילט.

אַזוי האָט ער געצויגן זיך, אַריבער וועגנט געקלעטערט
און קנוילנדיק פאַרהילט די גאַס, די גאַנצע וועלט אַרום,
די ביימער אײַנגעשלונגען און די פאַלנדיקע בלעטער,
און קריכנדיק געשלעפּט נאָך זיך אַ שאָרכנדיקן ברום.

## דער טאָג אַנטלויפֿט

דער טאָג איז רױשיק, גרילצנדיק — אַ טומלדיקער קרעמער,
וואָס האַנדלט, וואַנדלט, קויפֿט, פֿאַרקויפֿט, פֿאַרשרייַט די גאַנצע וועלט.
די שטילקייט שווימט אַרייַן פֿאַר נאַכט אויף כוואַליעס פֿון דעם דעמער
און שטעלט בייַם ברעג פֿון נאַכט אַוועק צעשטערנט איר געצעלט.

דער טאָג אַנטלויפֿט מיט וואָלקנדלעך ווי ווינטיקע פֿורגאָנעס,
זיי טראָגן זיך צעפֿלאָשעטע אין רויטן שקיעה-רוים.
די שטילקייט שטייט בייַם ברעג פֿון נאַכט, זי טיילט דאָרט אויס מתנות —
פֿאַר יעדן בעל-חלומות אַ פֿאַרפֿירערישן טרוים.

## האַרבסטיקע בלעטער

דעמבאָווע בלעטער בראַנדזענע מיט פֿלעקן בלוטיק-רויטע,
שוין אָפּגעפּליקט זיי פֿלאַטערן מיט רעגן-טריף פֿאַרטרערט,
ווי פֿייגל דורכגעשאָסענע מיט פּאַך פֿון פֿליגל טויטע —
זיי פֿאַלן ווינטיק-שאָרכנדיק אויף קאַלטער, נאַסער ערד.

זיי בלייַבן ליגן רויטע מיט דעם פֿלאַם פֿון זון פֿאַרגליטער,
מיט גאָלד פֿון שקיעות בראַנדיקע אַדורכגעהעלט, פֿאַרגעלט,
ווי פֿויגל-פֿליגל וווּנדיקע, וואָס טראָגן נאָך דעם ציטער
פֿון ערגעץ אַ פֿאַרלוירענער, אַ וואַלדיק-גרינער וועלט.

## די שפּיל פֿון האַרבסט

כ'האָב ליב פֿון האַרבסט דעם רויטן גלי אויף הינטערגרונט דעם גרויען,
די פֿאַרבן-שפּיל, וואָס שווימט אַרום אין מאַטן דעמער-ליכט,
די לעצטע גאָלדיקייט די פֿאַלשע ווי בייַ אָפּגעבלאַנדטע פֿרויען,
ווו ס'קריכט אַרויס די אַלטקייט דורך דעם רוזש אויף דעם געזיכט.

דאָס איז דער האַרבסט — אַ שפּיל פֿון דעם להיפּוך, פֿון קאָנטראַסטן:
אַ הימל-גרוי און אונטער אים אַ רויטער קופּערבראַנד,
וואָס גליט אַרויס פֿון דעמער, פֿון דעם גרוי דעם אייַנגעפּאַסטן,
אַט ווי אַ בילד, וואָס רייַסט זיך פֿון אַ טונקל-גרויער וואַנט.

## האַרבסט בײַם ים

אַ זאַמדיק-געלער ברעג, צעגלאַנצטע פּערלמוטער-מושלען,
זײ זילבערן אַדורכגענעצט פֿון אָפּגעשפּריצטן שוים,
דער ווינט לויפֿט אום מיט וואָלקנס — עס איז האַרבסט, צוויי שורות בושלען —
זײ שנײַדן ווי אַ קלין אַדורך דעם שקיעהדיקן רוים.

זײ טראָגן קאַלעקאַטשענדיק אַוועק אויף ווײַטע וועגן
דעם זומער און די זון, וואָס גליט בײַם מערב-ראַנד צעפֿלאַמט.
די כוואַליעס רוישן שוימיקע, דער ווינט לויפֿט זײ אַנטקעגן
און נאָר די מושלען גליווערן צעמיניעט אויפֿן זאַמד.

## נאַכטיקע האָטעלן

דורך סודותפֿולער שטילקייט פֿון פֿאַרטונקלטע האָטעלן,
דורך לאַנגע קאָרידאָרן, קומען מענטשן אין דער נאַכט.
זײ שלײַכן דורך מיט שאָרכנדיקן פֿליסטער איבער שוועלן
און ווערן ווי פֿאַרשווונדן הינטער טירן שטרענג-פֿאַרמאַכט.

זײ קומען און פֿאַרשווינדן דאָרט אָן פּנימער, אָן נעמען,
פֿאַרשלייערטע מיט נאַכטיקייט, אַנטלאָפֿענע פֿון ליכט.
זײ קומען דאָרט צו עמעצן, זיך טרעפֿן דאָרט מיט וועמען,
וואָס האָט, ווי זײ, קיין נאָמען נישט און האָט נישט קיין געזיכט.

## געזיכטער

עס זײַנען דאָ געזיכטער — קענסט זײ טרעפֿן נאָר אויף באַנען,
אויף טונקעלע וואָקזאַלן, ערגעץ-ווו אין אָוונט שפּעט.
דו וועסט אין גאַס נישט טרעפֿן זײ, זײ זײַנען נישט פֿאַראַנען,
ווי זײ וואָלטן געקומען פֿון אַן אַנדערן פּלאַנעט.

מיט אויגן שטאַר-פֿאַרקוקטע ווו, ווי אומרויִק פֿאַרוווּנדערט
זײ שלײַכן דורך נישט-זיכערע פֿאַרבײַ דיר מיט פֿאַרדאַכט,
זײ קומען און פֿאַרגייען ווו אַ יעדערער באַזונדער
און ווערן ערגעץ נעלם אויף די באַנען אין דער נאַכט.

## מיט צוגעמאַכטע אויגן

א

איך מאַך די אויגן צו אַ ווײַל און איך דערזע געזיכטער,
וואָס איך האָב קיין מאָל פֿריִער נישט געטראָפֿן אויף דער וואָר.
מיט צוגעמאַכטע אויגן, אין אַ ווײַל אָן אומגעריכטער,
זיי קומען ווי פֿון ערגעץ אָן און איך דערזע זיי קלאָר.

ווער זײַנען אָט־די פּנימער, ווער זײַנען די געשטאַלטן?
וווּ לעבן זיי — אין וועלכן לאַנד, אין וועלכן טאָג, צי נאַכט?
זיי מוזן פֿאָרט דאָך ערגעץ זײַן! זיי לעבן וווּ באַהאַלטן
און איך קען זען זיי אויף אַ ווײַל מיט אויגן נאָר פֿאַרמאַכט.

ב

עס טרעפֿט דו מאַכסט די אויגן צו און הייבסט־אָן זען קאָלירן,
וואָס דו האָסט פֿריִער קיין מאָל נישט געזען זיי אויף דער וואָר.
זיי הייבן אָן די פֿינצטערניש פֿילפֿאַרביק צו באַצירן
מיט פֿינקלענדיקן גלי פֿון אַ נישט־ערדישן אוצר.

ס׳קען זײַן די פֿאַרבן טראָגסטו אום אין זיך דורך אַלע יאָרן,
נאָר זעסט זיי נישט — די וואָר האָט זיי מיט פֿרעמדער שײַן פֿאַרשטעלט.
זיי ליגן אין דײַן בלוט פֿאַרשטעקט, קען זײַן, פֿון דײַן געבאָרן
און ווען עס לעשט די וואָר זיך אויס — זיי גייען אויף צעהעלט.

## דער שפּרײַז פֿון יאָרן

צעבלייכטע נעכט פֿאַרגעסענע, צעקרימטע, שטומע גאַסן.
דו גייסט אַרום און טרעפֿסט נישט קיינעם — ליידיק פּוסט און שטיל.
די גאַסן קוים באַלויכטענע. אין שפּעטן ליכט אין בלאַסן
דיר דאַכט זיך אויס: ס׳איז נישט קיין גאַס — אַ סצענע גאָר, אַ שפּיל.

נאָר קיינער איז נישטאָ. דער זאַל איז פּוסט און די אַקטיאָרן —
זיי זײַנען זיך צעגאַנגען שוין, צעלאָפֿן זיך — אַוועק.
נאָר דו אַליין, דו טונקלסט דאָ. דו הערסט דעם שפּרײַז פֿון יאָרן,
וואָס הילכן אָפּ אין דײַנע טריט, אַזוי מין ווײַט, מיט שרעק.

## פאַרגעסענע מענטשן

פאַרגעסענע מענטשן, דערמאָנסט זיך זיי פלוצלונג אין גרויע פאַרנאַכטן,
ווען פענצטער צעבלויען געהיים זיך מיט קילער, פאַרהוילענער שײַן
און פנימער הייבן זיך אָן דאָרט אין גלעזערנעם טונקל צו דאַכטן,
ווי ס׳וואַלטן פאַנטאָמען פון דרויסן געוואָלט אין דעם צימער אַרײַן.

דיר דאַכט זיך, אויף יענער זײַט פענצטער עס נעפּלען געהיים דאָרט געשטאַלטן,
צעשוווּמענע פנימער מאָדנע — זיי קומען אַרויס אומגעריכט,
פאַרגעסענע מענטשן, וואָס זײַנען אין דיר גאָר געלעגן באַהאַלטן,
זיי טויכן אַרויס פון דעם דעמער אין שפּיל דאָרט פון שאָטן און ליכט.

## חלומות

ווי חורבות רויכיקע פון גרויסע לעבן-קאַטאַסטראָפעס,
אַנטפּלעקן די חלומות זיך. ווי רעשטלעך פון אַ וואָר
וואָס זייער זײַן פאַרשטעלטערהייט באַהאַלטן אין דעם שלאָף איז
און טויכן אויף דאָרט רויכיקע, פאַרנעפּלט און נישט קלאָר.

ווי שרעקלעכע רויִנען ליגן דאָרט אַנטבלויזט חלומות,
ווי אויף די כוואַליעס שפּענדלעך פון אַ שווער-צעקלאַפּטער שיף,
ווו נאָר די שרעק באַהאַלטן אין דעם כוואַליעדיקן שוים איז
און גלאָצט מיט שווידער-זעונגען פון אויפגעטויכטער טיף.

## אַ גולם-מענטש

ס׳איז בײַ דער נאַכט צו מיר געקומען לאָדן זיך אין חלום
אַ גולם-מענטש, פון שניי געמאַכט, און מיט זײַן שטום געוויין
געקלאָגט פאַר מיר פאַר וואָס איך האָב אין קינדערשפּיל אַ מאָל אים
באַשאַפן און געלאָזן שטיין אין ווינטערנאַכט אַליין.

ער האָט געבענקט, האָט ער דערציילט, נאָך זוניקע פאַרטאָגן,
ביז ס׳האָט אַ מאָל די פרילינגזון צעשמאָלצן אים דעם שניי.
איז ער בײַ נאַכט, אין חלום הײַנט, געקומען זיך באַקלאָגן
און אויסוויינען זײַן פּײַן פאַר מיר, זײַן גורלדיקן ווײ.

## שפינוועבס

דער פריִער האַרבסט שוועבט אין דער לופטן אום מיט שפּינוועבס־צויטן,
עס כאַפּט דער ווינט זיי אויף און שלעפּט צעפליקטע אין דעם רוים.
זיי פליִען אום, זיי פלאַטערן אין הימל דעם צעבלויטן
און בלײַבן שפּעטער הענגען אויף די צווײַגן פון אַ בוים.

פאַרפּלאָנטערטע אין צווײַגן־פלעכט — זיי ווינטיקן צעפליקטע,
די ערשטע געלע בלעטער דעקן צו דעם לעצטן גרין —
קיין קרעכץ, קיין שאָרך, זיי צאַפּלען פון די שפּינוועבסן דערשטיקטע
און איבער זיי קריכט אום דער האַרבסט — אַ בײַכיק־געלע שפּין.

## אַ שירעם

אַ שוואַרצער שירעם ליגט בײַם ראָג פון ווינטן אַ צעפליקטער,
ער ליגט דאָרט, ווי אַ פויגל מיט די פליגלען שוואַרצע — טויט,
פון אונטער טריט פון דורכגייער פאַרטאָפּטשעט — אַ דערשטיקטער,
אין אַ קאַלוזשע דורכגענעצט און אויסגעשמירט מיט קויט.

דער ווינט פליקט זײַנע דראָטן־ריפּן הויל אַרויסגעשטאַרצטע,
ער רײַסט זיי בייז, אַכזריותדיק און הפקרדיק צעשטיפט,
און ס'פינצטערט די קאַלוזשע אַזאַ נאַכטיק־דורכגעשוואַרצטע,
ווי ס'וואָלט אין איר דאָס שוואַרצע בלוט פון שירעם אָפּגעטריפט.

## אין אַ רעגנדיקער נאַכט

ס'איז גוט צו לייגן שלאָפן זיך און הערן ווי דער רעגן
קלאַפּט אויס אין פענצטערשויב אַ וואַלץ מיט לאַנג־פאַרהילכטע טריט.
אַ ווײַטע שטוב לויפט פלוצלונג פון דער נאַכט אַרויס אַנטקעגן
און בלײַבט אַ רגע שטיין לעם דיר מיט עכאָס פון אַ ליד.

און ווידער שטיל. דו שלאָפסט נישט אײַן. די רעגן־טראָפּנס וועקן
זכרונות ווײַטע. ליגסט און הערסט, און זעסט אַלץ ווי אין טראַנס —
ווי אויף דער וואַנט וואַנט אַנטקעגן דיר, מיט גרינלעך־געלע פלעקן,
אַ גאַסלאַמטער מיט ליכט צעשפּילטן לייגט אויס אַ פּאַסיאַנס.

# דער שערער

דער שערער זעט אין שפּיגל נאָר — אין ווײַס־פֿאַרהילט געשטאַלטן,
ער זעט נישט זיך אַליין, ער זעט דעם קאָפּ נאָר פֿון קלײַענט,
ווי ס'וואָלט דער שפּיגל אים אַליין אין גלאָז גאָר אויסבאַהאַלטן
און נאָר געלאָזט דאָס שערל גיין אין זײַנע פֿלינקע הענט.

פֿון שפּיגל קוקן קעפּ אַרויס, די אויגן פֿון די קונדן,
זיי אַפּלען פֿון דעם זילבערגלאָז, ווי פֿון אַ פֿרעמדער וואָר,
ווו ער אַליין איז גאָר נישטאָ — צעשווומען זיך, פֿאַרשוווּנדן,
נאָר ס'לויפֿט אַ שערל דאָרט אַרום און ס'פֿאַלן פּאַסמעס האָר.

# אין מיטן פֿון קאַלוזשע

ס'איז נאָכן רעגן שוין, די וואָלקנס זעגען אויך אַנטלאָפֿן,
עס זילבערט אַ קאַלוזשע זיך, אַ הויכער גרינער בוים
אין מיטן פֿון קאַלוזשע שטייט פֿאַר אַלע ווינטן אָפֿן,
ווי ער וואָלט דאָרט געשווומען אין דעם וואַסער און אין רוים.

געשווומען דאָרט אַ דאָפּלטער — סײַ אויבן און סײַ אונטן,
ווי ביימער צוויי, ווו איינער מיט די צווײַגן אויף אַראָפּ,
וואָס ציט זיך צו דער טיפֿקייט כּלומרשט פֿון די וואַסער־גרונטן,
אַ צווייטער — צו דעם הימל גאָר פֿאַרריסן הויך דעם קאָפּ.

# דאָס ליד פֿון וואַלד

אַ יעדער דינסטער פֿויגלטריל, דער שטילסטער זשום פֿון פֿליגן,
דער צווײַגן־רויש, דער הילך פֿון טעג, די שאָרכן פֿון די נעכט —
זיי ליגן אַלע אײַנגעוועבט אין וואַלדס צערוישטן ניגון,
וואָס ווינטן שפּילן אויס אין זײַן צעבלעטערטן געפֿלעכט.

און וועלן ביימער שטאַרבן, וועט דער טויטער האַלץ פֿון שטאַמען
דעם ניגון ווײַטער זינגען אין דעם שײַטער־זשאַר צעגליט.
אין פֿונקענשפּריץ, אין שיפּענדיקן פֿליסטער פֿון די פֿלאַמען,
דערהערן וועסטו ווידער דאָרט דעם וואַלדס צערוישטן ליד.

# דער וואַלד

אַ וואַלד איז נישט די ביימער נאָר, צי שטילקייט בלויז, צי קילקייט,
וואָס טונקלט זיך אַ מאָכיקע מיט ליכט־און־שאָטן־שטיף.
אין פליסטערדיקן צווייַגן־שאָרך, אין טונקעלער פאַרהילטקייט
שוועבט אום אַ שטים דאָרט סודותפול באַהאַלטן אין איר טיף.

אַ ווייַטע שטים, אַן אוראַלטע, וואָס רייַסט זיך פון דער טיפקייט
דורך ערדשיכטן פאַרבאַרגענע — אַ בראשיתדיקער קול,
ער ציט זיך מיט די זאַפטן, שוועבט מיט ווינטיקער צעשטיפטקייט
אין סודותדיקן רויש פון וואַלד מיט קלאַנגען פון אַ מאָל.

# אַ בוים אין פעלד

אַ בוים אין פעלד. די ליידיקייט איז זיך צונויפגעקומען
און גלאָצט אויף אים, דעם בוים, וואָס שטייט אַן איינזאַמער אין פעלד.
דער הימל האָט מיט בלויע אָרעמס אים אַרומגענומען
און טוליעט אים צו זיך מיט רויטער שקיעה־שייַן צעהעלט.

אַ בוים, אַן איין־און־איינציקער. אַרום איז פוסט און ליידיק —
ווי קומט ער דאָרט, ווער האָט אים דאָרט אין מיטן פעלד געבראַכט,
נאָר ער, דער בוים, ער שטייט און רוישט אַדורכגעהעלט און פריידיק,
מיט הימל אַ פאַרוויקלטער בייַם ראַנד פון דעם פאַרנאַכט.

# מיט מייַנע אויגן הער איך אָפט

מיט מייַנע אויגן הער איך אָפט — פון ווערטער הער איך שטימעס.
איך לייען שטומערהייט אַ בריוו, נאָר ס׳הערט אַ שטים מייַן בליק.
דער מענטש נישטאָ, נאָר אין זייַן בריוו באַהאַלטן נאָך אין אים איז
דער קול פון מענטש, וואָס עכאָט אָפּ גאָר דורך מייַן בליק צוריק.

כאָטש אַלט איז שוין דער בריוו, דער מענטש אַליין איז לאַנג נישטאָ שוין,
נאָר קוקנדיק אויף ווערטער, ווערט מייַן אויג גאָר אַ געהער
און ס׳גייט פון יענעם מענטשן אויף זייַן ווייַטער קול, זייַן לשון,
וואָס עכאָט פון די ווערטער אָפּ מיט צאַפּל און באַגער.

## אַ פּוסטע גאַס, אַ נאַכטיקע

אַ פּוסטע גאַס, אַ נאַכטיקע, זי הייבט זיך אָן צו רירן —
מיט צײַטונגען צעפּליקטע לויפט אַרום צעפּאָכט דער ווינט.
ער טראָגט אַרום אַ נאַכטיקע פּראָצעסיע פון פּאַפּירן,
וואָס פליִען ווי געשפּענסטער אום אין ווײַסע העמדער, בלינד.

די צײַטונגען זיי טראָגן זיך דורך פּוסטער גאַס צעפלויגן,
מיט פּחד־נײַעס און זעונגען פון אומגליק און פון מאָרד,
און טראָגן אום אין אותיות די שרעק פון עמעצס אויגן
וואָס איז פון זיי אַנטלאָפן, פון דעם גרויל פון זייער וואָרט.

## ביימער

אַ פויגל פליט פון בוים צו בוים — אָט קומט ער, אָט פאַרשווינדט ער,
ווי ער וואָלט פּחד־בשורות זיי געהיימנישפול פאַרטרויט.
דער טאָג גייט אויס, דער הימל ענגט אַ כמאַרעדיקער, בלינדער,
דער דעמער וואַקסט, דער גאַנצער וואַלד ווערט טונקל, דורכגעגרויט.

אין דעמער קריגן אַלע ביימער אויסטערלישע צורות,
ווי זיי וואָלטן מיט פּנימער זיך מענטשלעכע פאַרשטעלט.
זיי רוישן, נישט. זיי שטייען שטיל, ווי זיי וואָלטן די בשורות
מיט שטומער שרעק באַהאַלטן פאַר דער דרויסנדיקער וועלט.

## אין אימפּעט־גאַנג

די בענקשאַפט צו די ווײַטקייטן באַהאַלטן טיף אין מיר איז,
מײַן אימפּעט זוכט אַן אויסלאָדונג, מײַן גאַנג זוכט אַ באַשייד —
עס וויל מײַן טראָט אַ שפּרײַז טאָן מיט אַ גוואַלדיקער מהירות
וואָס זינגט אין מיר באַהאַלטן מיט אַ בראשיתדיקער פרייד.

אַ פרייד, וואָס איך האָב גאָר אַ מאָל אין זיך נאָך אײַנגעזויגן
ווען איך האָב ווי אַ שטויבעלע געטראָגן זיך אין רוים.
איצט טראָג איך אום די בענקשאַפט צו מרחקים אין די אויגן
און ס'יאָגט מײַן טראָט אין אימפּעטגאַנג אַריבער וואָר און טרוים.

## אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט

גלײַכשטאַמיקע, גלײַכצווײַגיקע, ווי בעזעמס הויכע, הוילע
דיביימער שוואַרצן זיך אין רוים — דער אונט-הימל גרינט.
די בלעטער ליגן אויף דער ערד צעשאָטענע און פוילע,
צעשראָקענע זיי פליִען אום צעבלאָזן פון דעם ווינט.

דער דורכזיכטיקער הימל העלט, ער לײַכט ציטריניק-געלבלעך,
עס שמעקט מיט פוילער ווײַניקייט, מיט דורכגענעצטער ערד.
דער אונט פאַלט צו דר'ערד-צו מיט אַ סטאַיע פלינקע שוועלבלעך,
זיי קרײַזן אום צעצוויטשערטע — דער טונקל שטייט און הערט.

## דער אויסזען פון דער וועלט

די ביימער טוישן זייער אויסזען גלײַך פון דעם פרימאָרגן:
אַט טונקלען זיי פאַרשאָטנטע, אַט גרינען זיי צעהעלט.
און ס'טראָגן הונדערט פּנימער אַרום אין זיך פאַרבאָרגן
די וואָלקנס אויפן הימל און די גרעזעלעך אין פעלד.

עס מישט זיך אויס דער זונגלי מיט דעם שאָטנדיקן פלאַטער
און בײַטן איבער פון דער וועלט דעם אויסזען יעדע ווײַל.
ווי בינע-דעקאָראַציעס אין דעם קאָסמישן טעאַטער
ווו ס'גייט די שפּיל אָן אויפהער אַלץ אין אייביקן געאײַל.

## אויף ס'ניי

אין אייביקייטס-קאָמפּיוטער ליגט שוין בילדעריש פאַרשריבן
פון צענדליקער יאָרטויזנטער דער בײַט פון דור מיט דור,
אַזוי איז אויך מײַן לעבנסגאַנג דאָרט ווי אַ בילד פאַרבליבן
אויף דעם עקראַן פון אייביקייט — מײַן חלום און מײַן וואָר.

וועט זײַן אַ טאָג ווען איך אַליין אין אייביקייט געטראָגן,
נאָך שנעלער ווי דער ליכט-שטראַל אין דעם אין-סוף פון דעם רוים,
וועל אפשר דאָרט מײַן לעבנסבילד, מײַן עבר דאָרט דעריאָגן
און אַלץ דערזען וועל איך אויף ס'ניי — מײַן וואָר דאָרט און מײַן טרוים.

## די צײַטונג־קעפּ

די צייטונג-קעפּ — זיי וואַקסן אויס, זיי ווערן גרעסער, גרעסער.
דורך אותיות צעשוידערט גלאָצט אַ וועלט מיט פּײַן און שרעק.
פון יעדער שטריך דאָרט שפּיזט אַרויס אַ קרומער, שאַרפער מעסער
און ס׳גליווערט דאָס פּאַפּיר צעבלייכט — אַ טויטער, ווײַסער פלעק.

דער פּחד פון די מאָרגנס שרײַט באַצײַטנס פון די שורות,
דער ווייַ פון נעכט פון קומענדיקע ברילט פון יעדן וואָרט.
מיט טונקעלע גרימאַסן פון נאָך נישט-אַנטפּלעקטע בשורות,
צעגלאָצטע שרײַען אותיות אין זעונגען פון מאָרד.

## אַ פּוסטע גאַס

אַ שמאָלע גאַס, אַ פּוסטע גאַס מיט פענצטער, טירן, קראָמען,
איך שטיי און קוק, אַ קאַץ זיצט אויף אַ טרעפּ — עס איז פּאַר נאַכט.
אַ פרוי קוקט פון אַ טיר אַרויס און אויף אַ שילד אַ נאָמען,
דער נאָמען האַלב שוין אָפּגעמעקט און ס׳איז די קראָם פאַרמאַכט.

אַ פּוסטע גאַס. איך שטיי בײַם ראָג פאַרקוקט און אָפּגעזונדערט —
קיין מענטש נישטאָ, די קאַץ זי זיצט אַליין אויף אַ טרעפּ פון הויז.
דער טאָג גייט אויס, עס דעמערט שוין, און נאָר פון טיר פאַרוווּנדערט
מיט בליקן שטאַרע ווי צו מיר קוקט אַליין די פרוי אַרויס.

## אַדורך זײַן קול

כ׳האָב ליב אַדורך דעם קלאַנג פון מענטשנס קול צו זען זײַן פּנים,
זיך אויסמאָלן, בלויז הערנדיק מיט אויגן צוגעמאַכט,
דעם אויסזען פון דעם מענטשן, זײַנע שטריכן און סימנים,
אַדורך זײַן שטים זיך פאָרשטעלן ווי ווײנט ער, ווי ער לאַכט.

אַ מענטשנס אויסזען ליגט אין קלאַנג פון קול ווי אָפּגעשפּיגלט,
ער לעבט ווי אײַנגעשלאָסן אין זײַן שטים ווי אין אַ שאָל,
און איך אַדורך מײַן הערן בלויז פּרוּוו אויפברעכן דעם זיגל,
און אים אַליין נישט זעענדיק — דערזען אים דורך זײַן קול.

## אַ פאַלשע פרייד

ס׳איז דאָ אַ פאַלשע פרייד, וואָס שרעקט, וואָס וויל נישט אויסזען — פריידיק
אַ קרומלעכע גרימאַסע גאָר אויף עמעצנס געזיכט,
ער שמייכלט צו דיר כלומרשט, נאָר אַ שמייכל, וואָס איז ליידיק,
וואָס קריכט אַרום מיט שאָטנדיקע קנייטשן אומגעריכט.

אַ פרייד, וואָס איז אַן אָנשטעל נאָר, אַ נאָכמאַכונג אַ בלאַסע
מיט שטשירענדיקע ציינער פון אַן אויסגעקרימטן מויל,
און דו דערזעסט — דאָס פּנים איז אַ טונקעלע גרימאַסע,
דער שמייכל איז דערווידערדיק און וועקט אין דיר אַ גרויל.

## אַ געלער אָוונט

מיט גאָלד אַדורכגעזיפּט דער פּערלמוטער־הימל בלענדיקט,
די שקיעה־זון לעשט אָפּ מיט לעצטער רויטער שײַן דעם גרין,
ס׳איז שטילער האַרבסט, ס׳איז קילער האַרבסט — דער זומער איז געענדיקט,
די בלעטער הענגען גאָלדיק, ווי צעליכטיקטער בורשטין.

ס׳איז קילער האַרבסט, ס׳איז שטילער האַרבסט, קיין ווינטל נישט, קיין ציטער,
אַ וואָלקנדל פאַרגליווערט שטייט צום דעמער ווי פאַרהערט.
די זון איז שוין נישטאָ און נאָר אַ גאָלדיק־דורכגעגליטער
אַ געלער אָוונט ציט, פאַרציט דעם הימל און די ערד.

## אויגן

עס זענען אויגן דאָ, וואָס קוקן נישט אין פּנים אָפּן,
זיי קוקן זײַטיקלעך און לויפן אומרויִק אַרום,
ווי ס׳פליט אין וואַסערוואָג דער טראָפּן הין און קריק צעלאָפּן,
ווען עפּעס שטימט נישט, איז נישט גלײַך, ווען עפּעס איז גאָר קרום.

אַזוי דערפילסטו אָפט, אַז עפּעס האַלט דער בליק באַהאַלטן,
אַז פאַלש איז אויך זײַן קול, זײַן וואָרט — זיי נאַרן ווי זײַן בליק,
וואָס לויפט אַ ליגנערישער אום אין זײַנע אויגן־שפּאַלטן,
ווי ס׳לויפט אַרום אין וואַסערוואָג דער טראָפּן — הין און קריק.

## עס טרעפט

איך זע נאָך אַלץ דעם עלטער־זיידן מײַנעם — שוין אַ זקן,
איך זע זײַן גרויע באָרד, די אויגן זײַנע מאַט, פאַרצאָגט,
מיר דאַכט: עס האָט אים יענע וועלט אין גאַנצן נישט געשראָקן
און ס׳האָט די עולם־הזה אים אין גאַנצן נישט געלאָקט.

און ס׳טרעפט, אַז אין מײַן שלאָף דערזע איך ווידער נאָך אַ מאָל אים.
ער קומט צו מיר פאַר טאָג און ברענגט זײַן תּהילימדיקע טרער.
ס׳קען זײַן, מיט מײַן מחשבה ברענג איך אים אַראָפּ אין חלום —
איך קוק אים אָן און איך דערפיל, אַז איך ווער פלוצלונג ער.

## אין שלאָף

עס טרעפט, ווען מײַן געדאַנק פאַרזונקען נאָך אין טיפן שלאָף איז,
ווען כ׳בלאָנדזשע נאָך אין חלום אום, אויף יענער זײַט פון וואָר
גייט־אויף אין מיר די זעונג גאָר פון צוקונפט־קאַטאַסטראָפעס
וואָס מיר באַשערט איז דורכצולעבן אין אַן אַנדער דור.

איך כאַפּ זיך אויף און ליג אין שרעק, דאָס פענצטער בלויט פאַרטאָגיק
מיט יענעם בלוי, וואָס איך האָב נאָך פון חדר אים געבראַכט,
מיט זעונגען פאַרגעסענע — די קריג פון גוג ומגוג
וואָס לעבט אין מיר אַלץ און אין חלום טויכט זי אויף בײַ נאַכט.

## עס קומט דער נײַער אַקט

די סצענע איז פֿאַרהאַנגען נאָך, פֿאַרנעמסט נאָר שאָרכן, קלאַנגען,
דו הערסט, אַז הינטער די קוליסן קומט דאָרט עפּעס פֿאָר.
מען קלאַפּט, מען רוקט, דו זעסט נישט וואָס — די סצענע איז פֿאַרהאַנגען
און פּונקט ווי אין טעאַטער, איז אויך דאָ, אין אונדזער וואָר.

אין זאַל פֿון דער געשיכטע טונקלט, ס'ווערט דאָס ליכט אַלץ מאַטער,
דער פֿאָרהאַנג הענגט אַראָפּגעלאָזט, עס ציט זיך דער אַנטראַקט
און מיר, אין אונדזער וואָר, מיר וואַרטן פּונקט ווי אין טעאַטער —
אָט וועט דער פֿאָרהאַנג הייבן זיך — עס קומט דער נײַער אַקט.

## פֿ ע נ צ ט ע ר

פֿאַר נאַכט ווערט גרוי פֿאַרטונקלט אַלץ — די גאַנצע פּאַנאָראַמע.
מיט שאָטנס דורכגעבלויטע שווימט אין נאַכט אַוועק די שטאָט.
די פֿענצטער צינדן, לעשן זיך — אַן אומהיימלעכע דראַמע,
וואָס ס'פֿיבערן די שויבן אוים מיט גורלדיקן סוד.

זיי שפּילן אוים דעם לעצטן אַקט — אַ פֿענצטער צינדט זיך, בלענדיקט,
אַ פֿענצטער לעשט זיך פּלוצלונג אוים — ווער ווײנט דאָרט איצט, צי לאַכט?
ווער האָט זײַן ראָל אין גורל־שפּיל אויף שטענדיק הײַנט פֿאַרענדיקט?
נישט צינדן וועט זיך מערער שוין דאָס פֿענצטער אין דער נאַכט.

## עס לעשן זיך די פֿאַרבן

עס איז מײַן לעבן אַ וויטראַזש, אַ פֿאַרביקע מאָזאַיִק,
וואָס הייבט זיך אָן צו ברעקלען שוין — אָט ווערט אַ שפּאַלט, אַ בלויז,
נאָך פֿאַלט אַ שטראַל פֿון ליכט דורך זיי, נאָר זײַטיק שוין, דערבײַיִק —
אַ שקיעהדיקע רויטע שײַן, וואָס לעשט זיך באַלד שוין אוים.

אַזוי פֿיל שקיעות האָבן שוין מיט גליִיקע קאָלירן
אַדורכגעשימערט דאָרטן אין מאָזאַיִק פֿון די טעג.
זיי הייבן אָן זיך לאַנגזאַם שוין אין אָונטשײַן פֿאַרלירן,
עס לעשן זיך די פֿאַרבן — ס'גייט מײַן לעצטער טאָג אַוועק.

## אַ פֿאַרנאַכטיקע גאַס

די גאַס, וואָס מיר זעען, איז טאָקע די זעלבע פֿאַר מיר און פֿאַר דיר,
און פֿאַר אַנדערע הונדערט,
נאָר איך זע זי אַנדערש, אין גאַנצן גאָר אַנדערש: אָט זע איך אַ בוים
שטייט בײַם ראָג, בײַ זײַן ראַנד;
אַ בוים ווי געוויינלעך מיט צווײַגן צעשפּרייטע, אַ בוים אַ צעגרינטער —
נאָר איך שטיי פֿאַרוווּנדערט,
דער בוים איז קיין בוים נישט — אָט ווערט ער צעשוווּמען, עס האָט אים
פֿאַרשלונגען אַ געלבלעכע וואַנט.

און ס'דאַכט זיך, די גאַס האָט אין שקיעה צעבראָכן דעם הימל אויף
צווייען. די וואַנט נאָר די געלבע
זי שווימט מיט דעם בוים איצט און שיפּלט אַ וואָלקן, וואָס לאָזט זיך
אַראָפּ צו דעם ברוק פֿון דעם רוים.
אַ גרינלעכער דעמער די גאַס האָט פֿאַרטרונקען, די גאַס זיצט אין
טיפֿקייט, שוין גאַרנישט די זעלבע,
און איבער די כוואַליעס מיט גאָלד פֿון לאַמטערנס עס שווימט אום אַ
געלבלעכע וואַנט מיט אַ בוים.

## ס'איז נעפּלדיק און זוניק

ס'איז נעפּלדיק און זוניק — אַזאַ מאָדנע פּאַנאָראַמע,
דער הימל איז פֿאַרשאָטנט, נאָר די ערד איז דין באַגילדט.
ס'איז זוניק-טונקל, ווי געוועזן וואָלט אַ ליקוי-חמה,
ווי ס'וואָלט אַ בלייכע רויכיקייט דעם הימל גרוי פֿאַרהילט.

אַ בין-השמשות-טונקלקייט, די זון ווערט מאַטער, מאַטער,
די ביימער שטייען דעמערדיק פֿאַרגליווערטע און שטיל,
ווי ס'טרעפֿט אין דעם אַנטראַקט פֿון דעם פֿאַרטונקלטן טעאַטער —
די לאָמפּן לעשן לאַנגזאַם זיך אין אָפּוואַרטונג פֿון שפּיל.

## דורך פאַרבן אָפּגעשפּיגלט

פון כוואַליעדיקן, רײַפן ווייץ האָט אומגעריכט אַ בלימל
זיך דורכגעריסן דורך דעם גאָלד פון זאַנגען, בלוי־צעהעלט,
ווי ס'וואָלט אַ טראָפּן בלויקייט פון דעם זומערדיקן הימל
אַראָפּגעטריפט און אומגעריכט צעשטיפט זיך אויפן פעלד.

ווי ס'וואָלט די ערד איר לײַדנשאַפט דורך פאַרבן אָפּגעשפּיגלט —
איר בענקשאַפט צו דער זון, איר גלוסט צום הימל העל־צעבלויט:
דאָס האָט זי אָט דעם זונגלי אין דעם זאַנגענגאָלד פאַרזיגלט,
דעם הימלבלוי געפאַנגען און דעם בלימל עס פאַרטרויט.

## אַ בלום

איך האָב אַן אַלטע בלום, אַ לאַנג־פאַרטריקנטע, געפונען —
זי איז פאַרגעלט געלעגן צווישן בלעטלעך פון אַ בוך.
עס האָבן ווײַטע זומערן מיט לאַנג־פאַרגליטע זונען
אַ שמעק געטאָן פון בוך אַרויס מיט ווײַניקן גערוך.

אַ בוך אַן אַלטס, אַ בוך נאָך פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט,
ווער וויים, ווער האָט געלייענט עס און וועמעס איז די בלום,
וואָס קוקט פאַרגעלט אַרויס פון דאָרט ווי אומגעריכט פאַרוווּנדערט
און טראָגט אַלץ אין איר ריח אום אַ סוד פאַרהוילן שטום.

## מײַן גאַס

איך קען מײַן גאַס, איך וויים שוין אירע אַלע טאָג־סימנים,
איך קען אַ יעדע וואַנט, אַ יעדעם פענצטער, יעדע טיר —
אָט וועט זיך אין אַ פענצטער באַלד אַדורכלײַכטן אַ פּנים,
אין פענצטער פון אַנטקעגן וועט אַ הילך טאָן אַ קלאַוויר.

אָט קוקט אַ פענצטער ליידיק גאָר, דער פאָרהאַנג איז נישטאָ־שוין —
דאָס שיינע מיידל, קען שוין זײַן, אויף שטענדיק איז אַוועק,
בײַ נאַכט וועט שוין דאָס פענצטער קוקן שטום און בלינד־פאַרלאָשן,
און שפּרייטן אויף דער וואַנט, און אויף דער גאַס אַנטקעגן — שרעק.

## ס'איז אַלץ פאַרמישט

אויף בראָנדז פון מאָנומענטן לייגט די צײַט אויס גרינעם שימל,
פון צניעותדיקע מיידל־אויגן זינגט פאַרשטעלט די זינד,
אין שאַרפן גלאַנץ פון הענקערס האַק שײַנט אָפּ דער בלוי פון הימל
און ס'וויינט באַצײַטנס שוין די אַלטקייט אין געשלוכץ פון קינד.

פון יעדער רגע לויערט שוין די אייביקייט, דער דויער —
ס'איז אַלץ פאַרמישט, ס'איז אַלץ פאַרקניפּט — נאָך חלום בענקט
די וואָר,
אַזוי אין יעדער פרייד באַהאַלט זיך אויס פאַרשטעלט דער טרויער
און ס'זינגט אין דיר דײַן יוגנט נאָך, כאָטש ס'גרויען דײַנע האָר.

## צ י מ ע ר ן

אין לאַנג־פאַרוועלקטע צימערן פון אָפּגעלאָזטע הײַזער
גייט אויס אויף אַלטע ווענט דאָרט אַ פאַרגעסענער געוויין.
דאָרט שלאָפט די צײַט אַ שטויביקע, און זייגער שלאָפט דער ווײַזער,
וואָס איז נאָך מיט יאָרצענדליקער צוריק געבליבן שטיין.

אַ ווײַזער אָן איין־אײנציקער, ער שטייט מיט טעג און וואָכן,
וואָס שטאַרן פון דעם ציפערבלאַט מיט שטום־פאַרגעלטן ווײ,
און נאָר אַ פּנים אויף אַ בילדל בלאַס שוין, אָפּגעקראָכן
גלאָצט פון דער וואַנט אַראָפּ ווי אַ פאַרגליווערטער געשריי.

## אין געוויטער

איך האָב געזען אַ פּנים ווי אַ שרעקעוודיקע מאַסקע,
זי האָט פון חושך אויפגעטויכט — אָן אויגן, אָן אַ מויל,
ווען ס'האָט די שײַן פון בליץ געגעבן אויף אַ ווײַל אַ בליאַסקע
און האָט די צורה אויפגעדעקט, ווי אַ געשריי פון גרויל.

אַן אורגעשריי, פאַרוואַנדלט אין אַן אימהדיקער מראה,
וואָס דער געוויטער האָט פון חושך מאָנסטערדיק געבראַכט,
און מיר אין בליץ באַוויזן דורך דעם גוואַלדרים פון אַ כמאַרע —
אַ שווידער־פּנים אין דעם שויבער פון אַ שטורעמנאַכט.

## בילדער

א

פאַרמאַכטע צימערן מיט הויך־פאַרשאָטנטע סופיטן,
מיט פענצטער שטייף־פאַרהאַנגענע. אין קאַלטן גלאַנץ פון דיל,
דער דעמער האָט פון לאַנג שוין דאָרט דאָס ליכט פון טאָג פאַרביטן
און נאָר די שאָטנס גייען אָן מיט זייער פישוף־שפּיל.

די שאָטנס נאָר — זיי טונקלען ביַי דעם מאַט־פאַרשטויבטן שפּיגל,
זיי זיצן אויף די שטולן זיך צעלייגטע דאָרט געראַם,
און פון אַ בילד אַ מלאך קוקט מיט אויפגעפּאַכטע פליגל
ער שטייט און קען נישט פליִען מער, געפאַנגען אין דער ראַם.

ב

דאָס בילד ביַי דיר אין צימער איז נישט אַלע טאָג דאָס זעלבע.
וואָס דו געזען האָסט נעכטן, ווײסטו מער נישט זען שוין היינט.
דער גרין איז מער נישט גרין און ס'איז די רויטקייט גאָר אַ געלבע,
און וואָס געווען איז נעכטן מאַט, קוקט אָן דיך היינט צעשײַנט.

אַלץ בײַט זיך — אַלץ! דעם מאָלערס בילד, וואָס הענגט פאַר דיר פאַרענדיקט
מיט פאַרבן לאַנג־פאַרטריקנט דורך יאָרהונדערטער, קען זײַן,
לעבט ווײַטער נאָך פאַר זיך אַליין און טונקלט אַלץ, און בלענדיקט
מיט אומרו פון דעם מאָלערס בליק אין שפּיל פון פאַרבן־שײַן.

## אַ וויינענדיקער מלאך

איך האָב געזען אין חלום היינט אַ וויינענדיקן מלאך
מיט פליגלען, אין אַ ווײַסן טראַכט — אַ מלאך הויך און שמאָל,
און כאָטש פון מײַנע חדר־טעג איז שוין אַ היפּשער מהלך,
האָב איך אים גלײַך דערקענט — דאָס איז דער זעלבער פון אַ מאָל.

דער מלאך פון דעם חומש נאָך — די זעלביקע סימנים,
און דאָך, אין גאַנצן אַנדערש פון מײַן קינדערש־ווײַטער וואָר.
ער וויינט און ווישט מיט פליגלען אָפּ די טרערן אויף זײַן פנים —
אַ מלאך פול מיט טרויער און מיט לאַנגע, גרויע האָר.

## דער גרויער מענטש

מיר דאַכט אַז דאָס געשיכטע-בוך בעט שטום ביַי מיר זיך: בלעטער מיך,
אָט קוק, ווער האָט מיט תקיפות אַליין נישט אָנגעפירט די וועלט:
אַ פרעה, צי אַ צעזאַר, באָנאַפּאַרט, צי גאָר אַ מעטערניך,
טאָ, זע, ווער איז געווען אויף אַן אמת גאָר דער העלד —

נישט זיי, דער גרויער מענטש גאָר! וואָס אַ שטומער, אויסגעמאַטערטער
געפאַלן אין מלחמה איז, צי פון דעם תקיפס גוואַלט —
אָט קוק, אַ נישט-געזעענער דורך מיַינע בלעטלעך פלאַטערט ער,
כאָטש נאָמענלאָז גייט-אויף דורך מיַינע שורות זיַין געשטאַלט.

## אַ בליק

איך האָב אין זיך אַריַינגעזאַפּט די לופט פון דער געשיכטע
און האָב דערפילט דעם אָטעם פון יאָרטויזנטער צוריק.
עס טרעפט אין פרעמדע פּנימער, אין בליקן אומגעריכטע,
דערפיל איך דורך יאָרהונדערטער גייט אויף צו מיר אַ בליק.

אַ וויַיטער בליק, וואָס קומט פון דורות געפלדיק-פאַרהילטע,
ער קומט צו מיר מיט עפּעס אַ פאַרהוילענעם פאַרלאַנג,
מיט ליַידנשאַפטן, בענקשאַפטן פאַרשטומטע, נישט-געשטילטע,
וואָס האָט צו מיר דורך עמעצנס בליק אַנטפּלעקט זיך איצטער באַנג.

## אין אונדזער ציַיט

עס טרעפט דו הייבסט אָן לייענען אַ מאָל אַן אַלטע ציַיטונג,
ווען אויף דער וואָר זעט אויס שוין אַלץ גאָר אויסטערליש פאַרקערט.
אַזוי פיל זאַכן האָבן שוין אַן אַנדערע באַדיַיטונג —
דו לייענסט ווערטער דאָרט, וואָס האָבן מער שוין נישט קיין ווערט.

די זעלבע ווערטער, נאָר גאָר אַנדערש זענען די געדאַנקען,
וואָס זיי אַליין אויך וועלן מאָרגן זיַין שוין אָן באַטיַיט,
ווי פלאַפּלענדיקער פלוידער פון אַ פיבערקאָפּ אַ קראַנקן —
אין אונדזער ציַיט דער פאַלשער, דער פאַרראַטנדיקער ציַיט.

## אַ ווינטער־שקיעה

עס שמעקט די קילקייט פון דער לופט — זי האָט דאָך טויזנט טעמען,
דער קאַלטער בלענד פון שניי פרישט אָפּ דײַן אָטעם און דײַן בליק.
כ'האָב ליב די ווינטער־שקיעה מיט די פּראָסטיק־רויטע פלאַמען,
וואָס שלאָגט זיך פון די שנייען אָפּ אַ ראָזיקע צוריק.

דער ווינטער־רויט איז אַנדערש פון דעם זומער־רויט צעגליטן,
ער שפּיגלט אין די פענצטער זיך, וואָס בלענדן קאַלט־באַגלאָזט,
ווי ס'וואָלט אין זייער דורכזיכט אין אַ פלאַמיק־רויטן שליטן
געטראָגן זיך אַ ווינטיקער אַ יונג־צעשטיפטער פראָסט.

## דער מילכוועג

דער מילכוועג אָטעמט פראָסטיק אַזאַ זילבערדיק־פאַרהויכטער,
ער קנוילט זיך ווי אַ פּאַרע אויף דעם הימלס בלויער שויב,
אָט ווערט ער מערער ליכטיק אַלץ, אַ פּערלדיקער לויכט ער
מיט שטערן אויסגעשאָטן העל, ווי מיט אַ זילבערשטויב.

ער שווימט אַרויס בײַם האָריזאָנט אַ טוויִק־אויפגעטויכטער
און וויקלט אײַן די נאַכט, די ערד מיט קאַלטער זילבערשײַן,
ער שווימט אַריבער ביימער אַזאַ שנייִק־דורכגערויכטער
און ציט זיי פראָסטיק־בלוי אין זײַנע טיפקייטן אַרײַן.

## אַ ווינטערווינט

אַ יונגער ווינטערווינט לויפט אום און מאַכט זיך לוסטיק פריילעך,
אַ שיכּורלעך־צעשטיפטער אַ צעטאַנצטער לויפט ער אום,
ווי אָנגעזויפט וואָלט ער מיט פראָסט זיך, מיט דעם בלענד פון שניילעכט,
ער טאַנצט און לאַכט אַ זאָרגלאָזער מיט אַ צעקײַכטן ברום.

דער פראָסט האָט אַלץ פאַרגליווערט מיט אַן אײַזיק־קאַלטער ווײַסקייט,
קיין פויגל־טרעל, קיין ביימער־רויש אין פראָסטיקן פאַרנאַכט,
און נאָר דער ווינט אַליין, באַרוישט פון זײַן געמאַכטער דרײַסטקייט,
ער טראָגט זיך בגילופין אום און טאַנצט פאַר פרייד און לאַכט.

## די טענצערין

איר קערפּער אַנגעצויגן איז עלאַסטיש, ווי אַ בויגן,
איר אויסגעשטרעקטע האַנט איז ווי צום פליִען גרייט — אַ פײַל.
זי איז אין טאַנץ געבליבן שטיין מיט צוגעמאַכטע אויגן,
און ס'איז די צײַט געבליבן שטיין פאַרגליווערט אויף אַ ווײַל.

ווי ס'וואָלטן אין דער רגע זיך באַהעפט, צונויפגעגאָסן,
איר האַנט, איר שפּרײַז, דער ניגון און די וועלט די גאַנצע — אַלץ,
ווי ס'וואָלט די צײַט זיך אָפּגעשטעלט, זיך פּלוצלונג אָפּגעשלאָסן
אין רונדיק-בלייכן אויסבויג פון איר אויסגעשטרעקטן האַלדז.

## אַ ן אָ פּ ש ײַ ן

אַן אָפּשײַן, ווי אַ מלאך מיט העל-צעבלויטע פליגל,
אַרײַן איז אין פאַרטאָג צו מיר אין ליכט-און-שאָטן-שפּיל,
צעטאַנצט זיך אויף די ווענט און אויף דעם זילבער-ראַנד פון שפּיגל,
און שטיפעריש צעיאָגט זיך נאָך אַ שאָטן אויפן דיל.

ער איז געוואָרן גרעסער אַלץ און גאָלדיקער געצונדן,
מיט פלאַטער-פליגל זוניקע די גאַנצע שטוב פאַרהילט,
ביז ער אַליין איז אין דעם ליכט דעם גאָלדענעם פאַרשוווּנדן
און נאָר אין ראַנד פון שפּיגל האָט ער אַלץ נאָך בלויז געשפּילט.

## די ערשטע אויפגעוועקטקייט

זיי טראָגן צניעותדיק אַרום די ערשטע אויפגעוועקטקייט
פון לײַב און לײַדנשאַפט, דעם ערשטן רייצנדיקן שפּיר
פון גלוסט, וואָס רײַסט זיך דורך דער שעמעוודיקער צוגעדעקטקייט
מיט בענקשאַפט צו אַ מאַן און מיט דעם אָפּוואָרט פון באַריר.

און ווי די נאַקעטקייט רײַסט-דורך די כלומרשטע פאַרשטעלטקייט,
אַזוי רײַסט דורך די וויִעס זיך, וואָס טונקלען נאַכטיק-שווער
דער הייסער אָפּל-גלי מיט רײַפער ווײַבערשער צעהעלטקייט
און שײַנט אַרויס פון טונקל דאָרט מיט אויפבליץ פון באַגער.

# אַן אַלטע קאַץ

אַ הייסע שטוב, אַ זוניקע, אַ פולע שטוב מיט פליגן,
אַן אַלטע קאַץ זיצט אויף דער שוועל און קוקט אין גאַס אַרויס.
די קאַץ איז אַלט שוין, פויל, זי ברומט, מיאַוקעט אויס אַ ניגון
פון ווײַטע נעכט מיט יוגנטשפיל, מיט צאַפל פון אַ מויז.

די זון זי בלענדט, זי ברענט. צעהיצט און אַנגעגליט די שוועל איז.
די אַלטע קאַץ זי וואַרעמט זיך, מיר דאַכט — זי דאַוונט פרום.
זי ברומט אַן אומעט-ניגון אויס, אַ קעצישן קהלת
און איבער איר מיט בייזער פרייד עס רוישט דער פליגן-זשום.

# ק י נ ד ע ר

עס זענען קינדער אין פאַרנאַכטן וווּנדערלעכע זאַכן,
זיי הערן און פאַרשטייען וואָס די שטילקייט רעדט אָן רייד,
וואָס גרויסע וועלן קיין מאָל נישט דערגיין דורך אַלע שפּראַכן,
וואָס גרויסע וועלן קיין מאָל נישט באַנעמען דעם באַשייד.

זיי טראָגן יענע סודות אום דורך טונקעלע מעת-לעתן,
דורך שאָטן-שאַרך פון שטילקייטן אין בין-השמשות דאָרט.
ביז קומען וועט די רגע ווען זיי וועלן אַלץ פאַרגעסן,
בײַ זייער ערשטן שטאַמל-קלאַנג, בײַם ערשטן פרווו פון וואָרט.

# קינדערשע פאַרנאַכטן

די קינדערשע פאַרנאַכטן — שקיעות פלאַמיקע, געדיכטע,
וואָס טריפן אָפּ מיט פעטע פאַרבן אויף די דעמער-ווענט,
ווו אָוונטיקע פענצטער ווערן פול מיט רויטע ליכטער,
וואָס שלאָגן אָפּ זיך אין די שויבן פון דעם שקיעה-בלענד.

די קינדערשע פאַרנאַכטן — ביימער שאָטנדיקע, מידע,
די צווײַגן הענגען איבער פלויטן אין דער נאַכט פאַרהערט,
און פון דער טונקלקייט אַרויס — די אומעטיקע לידער,
וואָס שווימען אום און פאַלן-צו פאַרבענקטע צו דער ערד.

## איך זע אים אויף דער גאַס

איך זע אים אויף דער גאַס — ער שפּרײַזט צעקנאָדערט, אָפּגעשליסן,
אַ שמוציקער, אַ האָריקער מיט אַ קודלאַטער באָרד —
אַ נעאַנדערטאַלער מענטש, ווי ער וואָלט איצט זיך אויפגעריסן
פון חיהשער פּירפּיסיקייט מיט ערשט־אַנטפּלעקטן וואָרט.

אַרום אים גרילצט די שטאָט, עס רוישן אויטאָס, עראָפּלאַנען,
ער קוקט — פון זײַנע אויגן גלאָצט אַ ווילדער שפּאָט און האָס.
ער גייט דורך גאַסן, שפּרײַזט, איך קוק אים נאָך — ווּהין, פון וואַנען?
וואָס טוט דער אורמענטש איצטער דאָ, אויף אַ ניו־יאָרקער גאַס?

## דער אָנזאָג

זיי קומען ווינטיקע פון גאַס, פון היימען אויסגעליידיקט
און טראָגן אַ געשריי אַרום אין הילך פון ראַק'ן־ראָל,
מיט וואָרפנדיקע הענט און פיס — צעטאַנצטע כלומרשט פריידיק,
און ס'הילכט דער כאַאָס אָפּ אין זייער זינגענדיקן קול.

ס'קען זײַן, אין זייער טאַנץ באַהאַלטן אונדזער ווייטער סוף איז —
אַדורך דעם בראַזג פון מעש, אַדורך דעם קופּערנעם טרומייט
גייט אויף דער אָנזאָג שוין פון אַלע צוקונפט־קאַטאַסטראָפעס,
וואָס שרײַט צו אונדז מיט כאַאָס און מיט פאַלש־געמאַכטער פרייד.

## מיט חניפה־רייד פון קנעכט

געשפּענסטיקע, זיי קומען־אויף אין טעג פון קאַטאַסטראָפעס —
מיט פלייצעס אײַנגעבויגענע, מיט ניכנעדיקן גאַנג.
זיי טאַנצן אום אַ שיפלותדיקן, קנעכטישן מה יפית
מיט פאַלש־געמאַכטן, צביעותדיקן, שמייכלדיקן געזאַנג.

זיי קומען אויף אין חורבן־טעג, ווען נישטיק, אָפּגעבליאַקעט
עס ליגן אַלע הייליקייטן אומווערדיק פאַרשוועכט,
און טראָגן אום די חרפה איבער אַלע גאַסן נאַקעט,
מיט בעטלערישע שמייכלען און מיט חניפה־רייד פון קנעכט.

## עס ליכטיקט דאָס פּאַפּיר

אין נאַכטיקן פּאַפּיר ליגט איצט מײַן העלער טאָג געפּאַנגען.
ער איז דורך מײַנע ווערטער דאָרט אַ זוניקער אַרײַן
און זינגט אַרויס פון דאָרט מיט אַלע פאַרבן, ריחות, קלאַנגען,
אַז ס׳ליכטיקט דאָס פּאַפּיר אַליין שוין איצט מיט זון, מיט שײַן.

ווי ס׳וואָלט געוואָרן דאָס פּאַפּיר אַ זון־טאָג אַ צעהעלטער —
עס ליכטיקט איצט צעגליט אַדורך מײַן וואָרט, דורך מײַן באַריר,
כאָטש איך אַליין גאָר זיץ איצט אַזאַ שאָטנדיק־פאַרשטעלטער
אין טונקלקייט געבויגן אויף דעם נאַכטיקן פּאַפּיר.

## די בלייכקייט פון פּאַפּיר

איך לאָז נישט אין דער פרי אַרײַן דעם טאָג צו זיך אין צימער —
דער פאָרהאַנג הענגט אַראָפּגעלאָזט, דאָס פענצטער איז פאַרשטעלט.
די נאַכט שלאָפט רויִק אויף מײַן טיש, און נאָר מיט געלבן שימער
יאָגט נאָך די שאָטנס אויף די ווענט דאָס ליכט פון לאָמפּ צעהעלט.

מײַן ליד האָט ליב די לאָמפּנשײַן, די גלעטנדיקע ווייכקייט,
וואָס גיסט צונויף דעם טאָג מיט נאַכט אין שפּיל פון שאָטן־ליכט,
ווען ס׳פאַלט צום וואָרט־צו דער פּאַפּיר מיט יענער צאַרטער בלייכקייט
וואָס נאָר אַ פרוי, וואָס איז פאַרליבט, טראָגט אום אויף איר געזיכט.

## אָפּט דאַכט זיך דיר

אָפּט דאַכט זיך דיר — די וואָלקנס זעען אויס ווי בערג, ווי ימען,
אַ נעפּלדיקע אָפּשפּיגלונג אין הימל פון דער ערד,
וואָס גיסט צונויף זיי ביידן דאָרט, כאָטש אַנדערש, נאָר צוזאַמען,
און וואָס עס זעט דאָ אונטן אויס, זעט אויבן אויס פאַרקערט.

בײַ אונדז דאָ איצט איז זומער גאָר, נאָר אויבן שווימען קריִעס,
דאָרט אויבן איז אַ באַרג פאַרשנייט, בײַ אונדז גאָר גרינט אַ פעלד
און ס׳פליסן טײַכן בלוט אין דר׳הייך פון פלאַמיק־רויטע שקיעות
ווען אונטן שמעקט מיט שלווה גאָר און ס׳בלויט די ווײַט צעהעלט.

## האַרבסט

כ'האָב ליב פון האַרבסט דעם אומעטיקן פאַרבן-קאַרנאַוואַל:
דעם טרוקענעם געשאָרך פון געל-פאַרוועלקנדיקע גראָזן,
דעם זון-פאַרגאַנג דעם פלאַמיקן, דעם רויטן בלעטערפאַל,
ווען זיפצנדיק דער ווינט הייבט אָן זיי אויף דער ערד צעבלאָזן.

כ'האָב ליב דעם דעמער פון פאַרנאַכט, דער ווינט ווערט איינגעהאַלטן, שטיל,
ס'ווערט פיאַלעטיק-בלוי אַרום, די פאַרבן לעשן זיך, דערברענגען
און אַלץ בלייבט שטיין פאַרגליווערט, שטום — געענדיקט איז די שפּיל,
עס פאַלט די נאַכט אַראָפּ — אַ פאָרהאַנג אויף אַ פּוסטער סצענע.

## דער טאָג פאַרגייט

דער האַרבסט איז פון דעם וואַלד אַרוים. אַ זשאַווערדיקער קאַלטן
געבליבן איז פון הינטער אים פאַרפלאָנטערט אין דעם גרין.
די שקיעה האָט דעם מערב מיט אַ פייערשניט געשפּאָלטן,
דעם טייך געצונדן מיט אַ הייסן גאָלדיקן בורשטין.

דער טאָג פאַרגייט. די שקיעה פּרוּווט מיט פאַרבן זיך פאַרשפּילן,
ווי ס'פּרוּווט מיט שפּילצייג זיך פאַרשפּילן פאַרן שלאָף אַ קינד,
נאָר אָט וועט באַלד אַראָפּקומען די נאַכט אין שוואַרצע ברילן
און מיטן וועג זיך לאָזן גיין — אַ שאָטן-וואָגלער, בלינד.

## אין האַרבסטיקע פאַרנאַכטן

דער קילער טונקל פון שפּעטהאַרבסטיקע פאַרנאַכטן
מאַכט אומרויִק די שאָטנס אויף די בלייכע ווענט.
אין ווינקלען שווידערן די שפּאַרעס מיט פאַרדאַכטן,
די שאָטנס ציטערן מיט פלאַטערדיקע הענט.

די טירן אָפענע, ווי מיילער שטום צעשריִען,
זיי גליווערן אין זעונגען פון נאַכט און שרעק.
די שאָטנס גוססן. די נאַכט הייבט אָן פאַרציִען
די ווענט מיט גרויקייט, ווי מיט לייוונטן פון זעק.

# אַ מילכיק־מוטנער פלעק

די שנייעלעך, זיי קרײַזן אום, זיי פלאַטערן כאַאָטיש,
זיי פאַלן לאַנגזאַם און צעשווימען מוטנע אויף דער ערד.
מיט הײַזער לעצטע, איינזאַמע די גאַס גרויט הינטערשטאַטיש,
אַ בוים אַ הוילער שוואַרצט זיך צו דעם טונקל ווי פאַרהערט.

ס׳איז אומעטיק און שטיל. אַ מילכיק־דורכזיכטיקע בלייכקייט
האָט אײַנגעהילט די גאַס און אַלץ דאָרט נעפּלדיק פאַרמעקט,
און ס׳איז נישטאָ קיין הימל מער, און ס׳איז נישטאָ קיין הייכקייט,
און ס׳איז קיין ערד שוין אויך נישטאָ — אַ מילכיק־מוטנער פלעק.

# עס גייט אַ שניי

עס גייט אַ שניי. דער הימל רעדט מיט שנייִיק־ווײַסע ווערטער.
מיט בלויער בלייכקייט שטוינען ווענט. אַ שאָטן צאַפּלט, צוקט.
דער נידעריקער הימל שטייט אין פענצטער אַ פאַרקערטער,
ווי ער וואָלט קאָפּ־אַראָפּ צו אונדז אין שטוב אַרײַנגעקוקט.

די שויבן וויינען, טריפן אָפּ מיט וואַסערדיקע טרערן.
אין שטוב איז היים, אַ שאָטן צוקט, אין דרויסן שנייט און שנייט.
די שויבן וויינען פול מיט שרעק, זיי גליווערן און הערן
וואָס ער, דער הימל, רעדט צו זיי מיט שנייִיק־ווײַסע רייד.

# גרויע שנייען

דער הימל הענגט — אַ פויגל אַ דערשטיקטער,
מיר דאַכט זיך אַלץ — אָט פאַלט ער באַלד אַראָפּ.
אים צופּט דער ווינט, זײַן לײַב מיט בייזקייט פליקט ער
און ווי אַ פּוך דער שניי פאַלט אויף מײַן קאָפּ.

די פעדערלעך די שנייִיקע צעגייען,
ווי טרערן טריפן זיי אויף מײַן געזיכט...
אין די פאַרטאָגן גייען גרויע שנייען
און לעשן אויס די נאַכט מיט מוטנעם ליכט.

## דער שטעקן

איך זע דעם בלינדן נאָך, וואָס גייט און קלאַפּט־צו מיט זײַן שטעקן,
איך פּלעג אים זען, ווי ער גייט־דורך פאַרבײַ אונדז אויף דער גאַס —
איך בין אַ קינד נאָך דאַן געווען, זײַן קלאַפּן פּלעגט מיך שרעקן,
מיר האָט געדאַכט, זײַן שטעקן שרײַט אויס צו דער וועלט זײַן האַס.

כאָטש אַלץ געשראָקן האָט אין אים — די אויגן זײַנע גלאָציק,
די ווײַסלעכצער פאַרקאַשערטע, זײַן בלאָנדזשענדיקער טראָט,
נאָר מער פון אַלץ — זײַן שטעקן, וואָס האָט צאָרנדיק און טראָציק
געקלאַפּט, ווי ער געשאָלטן וואָלט דורך אים די וועלט און גאָט.

## מײַן אַנטי־איך

כ'האָב הײַנט געזען מײַן אַנטי־איך, אין גאַנצן צו מיר ענלעך:
די זעלבע נאָז, דאָס זעלבע מויל און הויך־פאַרקאַמטע האָר.
ער אַרבעט אין אַן אײַזן־קראַן, פאַרקויפט דאָרט טעפּ און פענדלעך —
דער זעלבער מענטש, אַזוי ווי איך, נאָר אין אַן אַנדער וואָר.

ער רעדט געלאַסן, זאַכלעך־קאַלט, זײַן וועלט — אַ וועלט פון אײַזן,
וואָס גייט אים אָן דער פרילינג־בלוי, די שקיעה — רויט־צעגליט?
מײַן אַנטי־איך וועט האַנדלען, אויף דעם לייטער קריכן, שפּרײַזן
און איך וועל בלאָנדזשען אין פאַרנאַכט מיט אומעטיקע טריט.

## דעם גערטנערס שער

די ביימער שטייען אויסגעפּוצטע, קײַלעכדיק פאַרשאָרן,
ווי עמעץ וואָלט מיט קאַלטן גרין זיי קינסטלעך אויסגעמאָלט.
זיי שטייען שטײַף, ווי זיי פאַרגליווערט וואָלטן דאָ געוואָרן —
די זון נאָר גלעט אַ קילע זיי מיט מאַטן, בלייכן גאָלד.

אַרום איז שטיל, קיין פייגל־פּיפּס — אַן אומעטיקער שווײַגן,
אַ נאָגנדיקע שטומקייט, וואָס פרעסט אומהיימלעך און שווער,
נאָר ווי אַ פויגל פישטשענדיק בײַסט סקריפּענדיק די צווײַגן
אָן אויפהער אַלץ דעם גערטנערס לאַנגע, שנאָבלדיקע שער.

## אַ פרעמדע וועלט

פון דר'הויך, פון שאַנק מיט געטשקעלעך פון שוואַרצהאָלץ אויסגעשניצטע,
קוקט אַפריקע אַראָפּ צו מיר — דער שוואַרצער קאָנטינענט.
מיט לאַנגע, שאַרפע פנימער, מיט אויגן-קרום-פאַרקריצטע,
גייט אויף צו מיר אַ פרעמדע וועלט — זי שאָטנט אויף די ווענט.

אין שײַן פון לאָמפּ מײַן צימער ווערט פון זייער בליק געפאַנגען,
די שאָטנס ווערן אומרויִק, ווי ס'וואָלט זיך אַלץ געטווישט,
ווי ס'וואָלטן אויף די ווענט געקראָכן נישט קיין שאָטנס — שלאַנגען,
ווי ס'וואָלט מײַן גאַנצער צימער, ווי אַן אורוואַלד, זיך צערווישט.

## ביכער

עס טונקלען אין דעם לאָמפּנליכט די פּאָליצעס מיט ביכער,
פאַרשאָטנטע, פאַרטוליעטע זיי גלאָצן אויף מיר שטום.
מיר דוכט זיך אַלץ — זיי גליווערן נאָך אַלץ מיט זיך נישט זיכער,
מיט נישט-דערטרוימטע בענקשאַפטן, מיט נישט-דערלעבטן רום.

זיי וואַרטן דאָרט אין טאָוולען-קלעם מיט שאָטנדיקע רוקנס
אויף עמעצס הענט, אויף עמעצס בליק, און טונקלען פול מיט שטאָלץ,
מיט ווערטערשײַן באַהאַלטענער, און נאָר מיט שפּאָט עס קוקן
פאַרגולמט שטײַף און גלײַכגילטיק די פּאָליצעס פון האָלץ.

## אַ קרומע וועלט

אין קרומען שפּיגל זילבערט זיך אַ וועלט אַ נישט-געדאַכטע,
אַ קרומע וועלט, וואָס עמעץ האָט אין חוזק-שפּיל פאַרטראַכט:
מיט פנימער צעהוידעטע, ווי וויינענדיק-צעלאַכטע,
מיט דעמער-הימלען בײַכיקע אין ספק טאָג און נאַכט.

אַ קרומע וועלט וואָס קיינער וועט איר סוד זיך נישט דערוויסן,
וואָס גלאָצט אויף אונדז ווי קאָפּ-אַראָפּ, אין אַ גרימאַסן-שפּאָט.
זי האָט זיך פון זעקסטאַגיקן באַשאַף אַרויסגעריסן
און חוזקט אָפּ מיט שפּאָט פון אַלץ, ווי אויף להכעיס גאָט.

## דער באַן־לאָקאָמאָטיוו

אַן אַלטער באַן־לאָקאָמאָטיוו, אַן אויסגעלאָשן־בלינדער,
אויף זשאַווער־רעלסן זײַטיקע שטייט איינזאַם און פאַררוקט.
זײַן הויכער קוימען שוואַרצט זיך — אַן אַלטמאָדישער צילינדער,
און ער, אַ לאַנג־פאַרגעסענער, שטייט דאָרטן שטום־פאַרקוקט.

ער האָט שוין לאַנג זײַנס אָפּגעטאָן, איצט שטייט ער שטיל אַנטשוויגן,
פאַררויכערט און פאַרסאַזשעט שוואַרץ, פון קוילן־בערג פאַרשטעלט.
נאָר אין די זשאַווער־רעדער זײַנע וויינט נאָך אַלץ דער ניגון
וואָס האָט אַ מאָל געטראָגן אים אַ שטאָלצן דורך דער וועלט.

## אין זונטיקדיקן צוג

די זונטיק־הײַזער לויפן דורך מיט שטיפערישער צעשפּילטקייט,
זיי טראָגן זײַטיק זיך פאַרבײַ, פאַרדרימלט נאָך און שטיל.
די אויטאָס זיצן אויף דער ערד מיט אויסטערלישער שטילקייט,
ווי שלעפערדיקע קינדער נאָך אַ לאַנגן טאָג פון שפּיל.

דער זונטיק גייט מיט שטילע טריט. די וועלט ליגט שטיל, אַנטשוויגן.
די ווײַטקייט לויפט אַנטקעגן אונדז מיט ווינטלדיקן פאָך,
און נאָר מיט ברום פון צוג, מיט מאָנאָטאָנעם רעדער־ניגון
נאָך יאָגט אונדז נאָך דער אומרו פון דער שרײַענדיקער וואָך.

## דער אָוונטצוג

צום מערב לויפט דער אָוונטצוג מיט קלאָגנדיקע פײַפן,
די נאַכט לויפט נאָך, זי לויפט מיט אים צום אומבאַקאַנטן לאַנד,
ווי גליִענדיק מיט פאַרביקע, מיט פײַערדיקע שטרײַפן
די שקיעה גוססט, לעשט זיך אויס בײַם מערבדיקן ראַנד.

דער צוג אַנטלויפט, די נאַכט לויפט נאָך. מיט גרינעם פינקל־ציטער
עס קוקן שטערן פון דער הויך צו דעם געיעג אַראָפּ —
ווי ס׳לויפט דער צוג, ווי הינטער אים אַ בלוטיק־רויט צעגליטער
לויפט מיט דער נאַכט נאָך אַ לאָמטער, איינאויגיק — אַ ציקלאָפּ.

## אַ זעונג

איך האָב געזען אַ זונשטראַל האָט געטרונקען זיך אין וואַסער,
אַ שקיעה-שטראַל געצאַפּלט האָט אין כוואַליעדיקן שטיף.
זײַן רויטער גלי איז צאַנקענדיק געוואָרן בלאַסער, בלאַסער,
ער האָט געצוקט, געראַנגלט זיך, געשריִען פון דער טיף —

ביז ערגעץ אין דער דעמער-שפּיל אין וואַסער-ווי פאַרשווּנדן...
דער אָוונט האָט מיט בלויקייטן פאַרצויגן אַלץ, פאַרשטעלט.
נאָר אין דער טיף האָט פּלוצלונג זיך אַ שטערן אָנגעצונדן,
אַ שטערן, וואָס האָט רויט און בלוטיק, ווי דער שטראַל, געהעלט.

## אַ לעצטער בלאַט

אָט ווי אַ האַנט אַ גאָלדענע מיט פינגערשפּיצן לאַנגע,
אַ לעצטער בלאַט הענגט אויף אַ דעמב שוין אָפּגעוועלקט, אָן האַפט —
ער האָט די זון מיט זײַנע פינגער זומערצײַט געפאַנגען
און האָט איר ליכט אַרײַנגעזויגן גאָלדיק אין זײַן זאַפט.

אַזוי געבליבן אײַנגעזאַפּט פון זון דער הייסער גלי איז
אין פאַרב-צעשפּילטן בלאַט, וואָס העגנט איצט האַרבסטיק, איינזאַם, פרעמד
און ס׳גליט אין אים דער פּורפּור נאָך מיט זומערדיקע שקיעות,
מיט בלענד פון גאָלד וואָס ליגט אין בלאַט, ווי אין אַ האַנט פאַרקלעמט.

## האַרבסטיקער געוויטער

דאָס גרויע לײַוונט פון דעם רעגן
ד׳עקט צו די נאַקעטקייט פון דר׳ערד.
דער וואַלד אין בליץ לויפט מיר אַנטקעגן
מיט בליאַסק פון פײַערדיקער שווערד.

דער בליץ צאַנקט אָפּ. דער וואַלד פאַרשווּנדן
ווערט אויף אַ ווײַל אין דונערקנאַל
און לויפט אויף ס׳נײַ צו מיר געצונדן
מיט רויטן פלאַם פון בלעטערפאַל.

## פּאַרקערט

פון שויפענצטער צעשמייכלט קוקן שטומע מאַנעקינען,
מיט פּיס צעשפּרייזטע שטייען זיי, ווי גרייטע צו אַ טאַנץ.
אַ מיידל קוקט אַריין פון גאַס, די אויגן אירע גרינען,
פון אונטער פאַלשע וויִעס, מיט אַ קאַלטן גליווער-גלאַנץ.

מיר דאַכט, ס׳איז אַלץ פּאַרקערט — מיט אויגן גלעזערנע, צעבלויטע,
די מאַנעקינען לעבן, שוועבן פלאַטערדיק און פלינק,
דאָס מיידל גאָר בײַם פענצטער שטייט דאָ גליווערדיק — אַ טויטע,
מיט אויגן קאַלט-צעפּאַפּלטע פון אונטער פאַלשן שמינק.

## פּאַרקערט ווי אויף דער וואָר

ווי אין אַ פאָטאָ-אַפּאַראַט גייט-אויף פאַר מיר די וועלט,
ווי אויף דעם נעגאַטיוו דערשײַנט זי דאָרט אָן אומגעריכטע,
וווּ שוואַרץ איז ווײַס און ווײַס איז שוואַרץ, וווּ אַלץ זעט אויס פאַרשטעלט,
פּאַרקערט ווי אין דערווירקלעכקייט — די מענטשן און געזיכטער.

און וואָס פאַר אַנדערע זעט אויס צו זײַן צעזוניקט קלאָר,
אַנטפּלעקט פאַר מיר זיך שאָטנדיק, ווי אײַנגעהילט אין שוואַרצן,
און וואָס פאַר עמעצן זעט אויס — אַ האַרבסטיק-גרויע וואָר,
גייט-אויף אַ מאָל מיט פרילינגפרייד צעהעלט בײַ מיר אין האַרצן.

## פּוסטע צימערן

די שרעק פון פּוסטע צימערן מיט טירן צוגעמאַכטע —
דו גייסט דורך זיי אָן אויפהער אַלץ, דו גייסט פון טיר צו טיר.
ס׳איז שטיל אַרום. דיר גייען נאָך די שאָטנס אויסגעדאַכטע,
און דו, דו גייסט — די טירן מאַכן אויף זיך אָן באַריר.

די שרעק פון פּוסטע צימערן. כ׳טראָג אום זיי אין זכּרון,
ווי פון קאָשמאַרן נאַכטיקע, צי פון אַ מעשׂה גאָר —
אַ מאָדנע שרעק, וואָס גייט מיר נאָך דורך אַלע מײַנע יאָרן
און כ׳ווייס נישט ווען איך האָב געזען עס, וווּ, אין וועלכער וואָר.

## די כיטרע איבערחזרונג

דער חוזק לויערט שטום פון דער געקעסטלטער מאָזאַיִק,
אין כיטרער איבערחזרונג פון שוואַרץ און ווײַס אין ריי.
דײַן מידער בליק, וואָס לויפט זיי נאָך, זינקט שווער אַראָפּ און בלײַיִק
אין אָפּגרונט פון פאַרגליווערונג, אָן פרייד, אָן גלוסט, אָן וויי.

די כיטרע איבערחזרונג, וואָס גלאָצט אויף דיר מיט חוזק,
מיט גלײַכגילט מאָנאָטאָנער, אָן אָן אָנהויב, אָן אַ סוף —
זי לאַכט פון דיר און פון דײַן פרייד, וואָס זינגט, וואָס טאַנצט, וואָס
ברוויזיקט,
זי שפּאָט פון דיר און וויגט דיך אײַן ווי אין אַ גלײַכגילט-שלאָף.

## דער טעפּעך פון דער וועלט

דער טעפּעך פון דער וועלט איז פול מיט מאָדנע אָרנאַמענטן,
וואָס חזרן זיך איבער מאָנאָטאָנע יעדעם מאָל.
זיי ציִען זיך געהיימנישפול צום סוף פון דעם נישט-דערקענטן
אין קלוגער איבערחזרונג אָן אויפהער, אָן אַ צאָל.

ווו יעדער אָנהייב גייט פון סוף-אויף ווידער אַ באַלעבטער,
אָן אויפהער אַלץ, אָן אויפהער, ווי אַ מוראדיקע שטראָף —
ווו דו אַליין ביסט אין דעם טעפּעך אויך דאָרט אַ פאַרוועבטער,
און נישט דו ווייסט דײַן אָנהייב דאָרט, און נישט דו ווייסט דײַן סוף.

## דאָס גאָלד פון טראָטואַרן

דער טאָג ליגט אַ צעשפּליטערטער, צעברעקלט אויף די גאַסן,
אַ שמוציקער, צעטראָטן אונטער שפּרײַזנדיקע פיס,
מיט שטיקלעך גאָלד פון זונפלעקן, מיט גאָלד פון העלע פּאַסן,
וואָס בלייבן מאַט, אַדורכגעשטויבט, פאַרקויטיקטע מיט מיסט.

פון הינטער ווענט באַהאַלטן הייבן שאָטנס אָן זיך שאַרן,
זיי ציִען זיך, זיי פויזען, ווי גנבים, מיט פאַרדאַכט.
אָט וועלן זיי אַ כאַפּ-טאָן באַלד דעם גאָלד פון טראָטואַרן
און וועלן אים אַרײַנוואַרפן אין מיסטקאַסטן פון נאַכט.

## צווישן נאַכט און טאָג

די לאָמפּן לעשן זיך, לאַמטערנס ווערן בלאַסער, מאַטער,
די גאַס ווערט בלייך און אָפּגעשוימט, ווערט אויסגעליידיקט, שטיל.
אַ ווײַטער ברום נאָך שוועבט אַלץ אום, אַ רויש ווי אין טעאַטער,
ווען ס'דאַרף אָט באַלד דער פאָרהאַנג זיך אַ הייב טאָן פאַר דער שפּיל.

עס טאָגט, עס העלט. די נאַכט אַנטלויפט. מיט גרין מיט צוגערויבטן
זי שטייט אַ ווײַל בײַם ליכטסיגנאַל, וואָס רויטיקט אויפן ראָג.
ס'ווערט בלאַסער אַלץ — אָט וועט זיך באַלד דער פאָרהאַנג שנעל
אַ הויב טאָן
און ס'וועט אַרײַנגיין דער באַגין צווישן נאַכט און טאָג.

## גאַסן אין באַגין

די גאַסן שיילן זיך אַרויס פון שאָטנדיקע שויטן,
זיי קריכן פון דער נאַכט אַרויס מיט ווינטיקן געקלאָג,
ווי צישענדיקע שלאַנגען פון די שאַרכנדיקע הויטן,
וואָס בלײַבן שפּעטער ליגן פוסטע — שאָטנס אין פאַרטאָג.

די גאַסן שאַרן נאַקעט זיך אין ערשטן ליכט צעבלויטן,
זיי גלאַנצן הויל-אַספאַלטיקע אין דעמער פון באַגין
מיט רייען פון לאַמטערנעס און אַ ליכטסיגנאַל אַ רויטן, —
אַ שלאַנגען-אויג אַ גליווערדיקס, וואָס ווערט גאָר פּלוצלונג גרין.

## באַציַטנס

אין יעדן טײַך באַהאַלט זיך אויס דער אומרו פון די ימען,
אַ בוים אין פעלד זינגט אויס דעם רויש פון וואַלד אין פאָך פון ווינט,
און ס'ליגן פון דעם ברויט שוין אַלע שפּעטערדיקע טעמען
באַהאַלטן אין דעם קערנדל פון קאָרנזאַנג, וואָס גרינט.

און ווי אין זומער-וואָלקנדלעך שוין לויערט לכתחילה
דער שטורמישער געוויטער דאָרט באַהאַלטן נאָך, פאַרשטעקט,
אַזוי אין ווערטער צערטלעכע, אין ווערטער איידל-שטילע,
פאַרבאָרגן ליגט דעם נביאס קול, וואָס צאָרנט, שטראָפט און וועקט.

## פאַרטאָגעדיקער גרין

דערווינט טראָגט אום דעם ריח פון דעם אין־סוף אין פרימאָרגן,
ער טראָגט אים פון דער נאַכט אַרויס מיט גרין פון שטערנשייַן.
אַדורך דער ווייַסקייט פון דעם שנייבלענד שמעקט די אייביקייט
פאַרבאָרגן,
מיט קאַלטן אָטעם הויכט זי אים אין דעם פאַרטאָג אַרייַן.

דער ריח מישט די קילקייט אוים מיט ווייַסקייטן און שטערן,
וואָס גייען אויף אין ווינט מיט אַ פאַרטאָגעדיקן גרין —
מיט יענעם גרין דעם אור־ערשטן פון בראשיתדיקן ווערן,
ווען ס'איז געוועזן אָוונט און עס איז געוועזן באַגין.

## אַ רגעדיקער צייכן

די שאָך־פיגורן ליגן שוין בייַם ברעטל — אָפגעשפילטע,
ווי נאָך אַ שלאַכט אַ שווערער — שוואַרץ מיט ווייַס צונויפגעמישט.
זיי גליווערן מיט לייַדנשאַפטן שטומע, שוין פאַרשטילטע,
צעוואָרפענע, זיי וואַלגערן זיך הילפלאָז אויפן טיש.

נאָר אויפן ברעטל, ווי עס וואָלט דער גורל זי געמיטן,
נאָך טונקלט דאָרטן איין פיגור, פאַרבליבן פון אַ גאַנג —
אַ שוואַרצער טורעם שטייט אַליין, אַן איינזאַמער אין מיטן,
אַ רגעדיקער צייכן נאָר פון עמעצנס געדאַנק.

## דאָס גרעזל

אויף דעם אַספאַלט פון סקוועער עס שפרינגען אום צעהיפּעט טויבן
זיי פּיקן אַלץ אָן אויפהער פון אַ יעדער שפּאַרע, שפּאַלט.
אַ גרעזל פּרוּווט זיך דורכרייַסן אַדורך די גרויע שטויבן
אין מיטן פון דעם זונצעגליטן, גלאַנציקן אַספאַלט.

דער סמאָליקער גערוך פּרוּווט מיט זייַן אָטעם אים פאַרדישען,
די טריקעניש זי מאָרעט אים, דער זונגלי ברייט און בראָט,
דאָס גרעזל נאָר, להכעיס מיט זייַן יונגן גרין דעם פרישן
רייַסט דרייסט זיך און עקשנותדיק דורך דעם אַספאַלט פון שטאָט.

## שויבן

די שויבן גלאָצן צו דעם דרויסן מיט אַ בלויער בענקשאַפט —
זיי האָבן ליב דעם פאַרביקן געפּלאָנטער פון דער גאַס,
וואָס מאַניעט זיי און ציט זיי פון דער צימערדיקער ענגשאַפט,
וואָס דריקט אויף זיי מיט גרויע ווענט שוין אָפּגעבליאַקעט, בלאַס.

די שויבן האָבן פֿײַנט די שטוב, די אומעטיקע שטילקייט,
זיי האַסן דעם סופיט, וואָס בעלמעט אָפּגעבלייכט און פּוסט,
און גלאָצן צו דער גאַס, צו איר פילפאַרביקער צעשפּילטקייט,
און ציטערן מיט גלאָזיקער, אַדורכגעבלויטער גלוסט.

## אַ געסל

מיט שוואַרצע ווענט, פאַרקאָפּטשעטע פון רויכיק-ברודנע ציגל,
גייט אויף דאָס שמאָלע געסל פון דער שאָטנדיקער טיף.
דער טאָג האָט אויפגעבראָכן פון דער נאַכט דעם שוואַרצן זיגל
און ס'שאַרט דאָס געסל זיך אַרויס — אַ שוואַרץ-פאַרקלעקטער בריוו.

מיט לאַנגע שורות הײַזער, ווי מיט אותיות מיט קרומע,
מיט שאָטנס ווי מיט טינטפלעקן מיט קינדערשע פאַרטריפט,
מיט פענצטער-אויגן בלינדע און מיט טירן נאַכטיק-שטומע —
דאָס געסל וואַרט, ווי וועט דער טאָג הײַנט לייענען איר שריפט.

## דערווינט

דער ווינט טרײַבט אום די וואָלקנס אויסגעטריקנטע, אָן וואַסער,
זיי הענגען איבער הייסע שטעט פון זומערזון צעגליט.
דער הימל ווערט פון זייער גרוי נאָך אומעטיקער, בלאַסער,
ער הענגט אַליין ווי אָפּגעטריקנט, אָפּגעבליאַקעט, מיד.

דער הימל בענקט נאָך פֿײַכטן בלוי, וואָס שײַנט-אָפּ אַ צעגלאַנצטער
פון נאַסן שפּיגל פון אַספאַלט נאָך רעגן-גאַס פאַרפּלייצט,
נאָר טרוקן איז, דער ווינט אַריבער דעכער אַ צעטאַנצטער
טראָגט אום דעם שטויב, ווי ער וואָלט מיט דעם הימל זיך גערייצט.

## אַ פּאָרטרעט

פון בילד דעם אײַנגערעמטן קוקט אַראָפּ אַ מענטש פאַרוווּנדערט,
אַ לײַכטער שמייכל ליכטיקט אויף די ליפּן זײַנע קוים.
מיר דאַכט, ער רײַסט זיך פון פּאָרטרעט און שוועבט אום אָפּגעזונדערט,
ווי ער וואָלט פון דעם בילד געוואָלט אַרויסשפּרינגען אין רוים.

ס'איז ענג אים אין דער ראַם, וואָס האַלט פאַרקלעמט אים,
אײַנגעקלאַמערט.
ער פלאַטערט דורך די שאָטנס די פאַרנאַכטיקע פאַרהילט.
און ס'דאַכט זיך מיר, דער מענטש פון דעם פּאָרטרעט אַדורך דער
ראַם הערט
דעם רויש פון גאַס דעם פריידיקן — און וויל אַוועק פון בילד.

## אין גרינעם קלעם

אַרומגערינגלט האָט דער וואַלד דאָס הויז פון אַלע זײַטן,
אַרומגעכאַפּט מיט אָרעמס גרינע, צווײַגנדיק געדיכט,
און שטיקט דאָס הויז, און דישעט מיט אַ כוח אַ פאַרשײַטן,
וואָס קלאַמערט ווי מיט קלעשטשעס און פאַרשטעלט די שײַן, דאָס
ליכט.

און ס'רײַסט דאָס הויז זיך, רײַסט זיך פון די פּעטליעס פון די צווײַגן —
עס וויל פון גרינער ענגשאַפט זיך אַרויסרײַסן וואָס שטיקט
און ציט זיך מיט דעם רויך פון קוימען, וואָס הייבט אָן צו שטײַגן,
ווי ס'וואָלט פאַרצווייפלט צו דער וועלט אַ רוף נאָך הילף געשיקט.

## די ערד

די ערד באַהאַלט פאַר אונדז אוים אירע אוצרות, איר פאַרמעגן,
ווײַל קאַרג איז זי — אַט גיט זי און אַט כאַפּט זי באַלד אַוועק.
דער הימל רײַסט זי, שמײַסט זי מיט געוויטערס, ווינטן, רעגן,
ער פּרוּווט אויף איר מיט דונערבליצן אָנוואַרפן אַ שרעק.

די ערד ליגט פֿלומרשט גלײַכגילטיק, ווי ס׳וואָלט זי גאָרנישט אַרן,
אַ מאָל נאָר טרעפט, זי גיט אַ ריס זיך און עס קראַכט אַ שטאָט,
נאָר באַלד הייבט זי מיט מילדער שיינקייט ווידער אונדז צו נאַרן,
ווײַל אויף אַן אמת האַלט זי אַלץ באַהאַלטן פול מיט סוד.

## די ערשטע זעונג

אַן ערשטע זעונג האָט צום שרײַבן לידער מיך געטריבן,
זי האָט מײַן בלוט צעליכטיקט און מיט שאַפונגס-קראַפט צעגליט,
אַזוי פיל לידער האָב איך שוין פון דעמאָלט אָנגעשריבן,
נאָר נישט מײַן ערשטע זעונג — זי וואַרט אַלץ נאָך אויף מײַן ליד.

אַזוי קען זײַן, האָט גאָט אַליין אַ מאָל אין כאַאָס-שטורעם,
צוליב זײַן ערשטער זעונג, זיך מיט שאַפונגס-קראַפט צעהעלט —
וואָס האָט ער פאַר אַ וועלטן שוין פון דעמאָלט נישט געפורעמט,
נאָר יענע זעונג וואַרט נאָך אַלץ — אַ שלימותדיקע וועלט.

## די ווײַטקייט

די ווײַטקייט לויפט צום וואַלד, זי ווערט אַלץ רויכיקער, פאַרנעפּלט,
אַט איז זי שוין דעם טײַך אַריבער בײַ דעם ראַנד פון פעלד.
דער וואַלד אַנטלויפט אויף הינטערוויַיל, ער בערגלט זיך צעטרעפּלט
אַ רויכיק-אײַנגעהילטער, מיט אַ נעפּל-גרוי פאַרשטעלט.

דער ווינט לויפט נאָך — דער טײַך ער שווידערט ציטערדיק-פאַרצאַפּלט,
מיט ערשטע טראָפּנס רעגן, ווי מיט זילבערנעם געוויין.
דער וואַלד אין נעפּל-פלאַנטער קריכט און זעט פון דר׳הייך צעשטאַפּלט —
די ווײַטקייט שטייט בײַם ראַנד פון באַרג און קען נישט ווײַטער גיין.

## האַרבסטיקע פאַרבן

דער פריִער האַרבסט — ער שפּילט מיט זײַנע פאַרבן גאָלדיק־ברוינע,
ער האָט זײַן אוצר אויפגעמאַכט און שיט מיט פולע הענט.
די שקיעה האָט אַרויפגעזעצט אויף אַלע ביימער קרוינען
און פורפור־מאַנטלען אָנגעטאָן זיי אין דעם פאַרבן־בלענד.

ווי נעמט דער האַרבסט די פאַרבן אַלץ, וואָס מיניען זיך און טוישן,
זיי גליִען רויט אין רוים, זיי בלענדן גאָלדיק אויף דער ערד.
עס קרעכצט דער ברוין, עס שאַרכט דער בראָנדז, די אַלע פאַרבן רוישן
און ס'שטייט דער האַרבסט אַליין, מיר דאַכט, צום פאַרבן־קלאַנג
פאַרהערט.

## דער טײַך

דער ווינט איז שוין אַוועק, דער טײַך נאָך פּיבערט אַלץ און ציטערט,
ווי ער, צעשווידערט, וואָלט מיט שרעק אָן עפּעס זיך דערמאָנט.
עס שײַנט די זון, נאָר ערגעץ ווו הילכט אָפּ נאָך דער געוויטער,
אַ קליינער וואָלקן טונקלט נאָך בײַם ראַנד פון האָריזאָנט.

און שטיל איז שוין אַרום, דער שטורעם איז אַוועק, אַריבער,
דער הימל ווערט אַלץ זוניקער, דער בלוי ווערט מער צעבלויט,
נאָר ס'ציטערט אַלץ דער טײַך, ער שווידערט אַלץ נאָך און ער פּיבערט
מיט שרעק, וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער זײַן צעבלויטער הויט.

## דער ים

דער ים האָט טונקל זיך געוויגט, געאָטעמט שטיל און וואַרעם,
געטוליעט זיך צו מײַנע פיס אַזוי מין היימיש נאָנט,
כאָטש ערגעץ ווײַט האָט נאָך געהילכט זײַן כוואַליעדיקער ליאַרעם
ווו ס'האָט אַ ליכט־טורעם געבליצט בײַם ראַנד פון האָריזאָנט.

נאָר דאָ, לעם מיר, געאָטעמט האָט דער ים מיט בלויער שטילקייט,
געפּליסטערט מאַנאָטאָן צו מיר מיט יעדער כוואַליע־שווענק,
ווי ער וואָלט זיך פאַרטרויט פאַר מיר אין נאַכטיקער פאַרהילטקייט,
געקלאָגט פאַר מיר זיך ווי אַ קינד — ס'איז ענג אים, זייער ענג.

## דער ברונעם

בײַם אָפֿענעם מויל פֿון דעם ברונעם געטריפֿט האָט אַ נאַסער דער עמער,
דער אָפּשײַן דער לעצטער פֿון שקיעה פֿאַרנעצט האָט דעם אָטשעפּ
מיט רויט,
נאָר אונטן מיט אַשיקע שאָטנס גערוקט האָט זיך לאַנגזאַם דער דעמער
און האָט שוין די ליפּן פֿון ברונעם מיט נאַכטיקן טונקל פֿאַרבלויט.

דער רויט האָט געשאַרט זיך אַלץ העכער, צום שפּיץ פֿון דעם אָטשעפּ
פֿון ברונעם,
נאָך אים האָט געיאָגט זיך די נאַכט שוין — אַן אַשיק־פֿאַרשאָטנטער
קנויל,
נאָר אויבן האָט אַלץ נאָך די שקיעה מיט אָפּטריף מיט לעצטן גערונען
און אונטן געגלאָצט האָט דער ברונעם מיט טונקעלן, אָפֿענעם מויל.

## דער טאָג איז אַלץ נאָך דאָ

אין ווײַכן טונקל פֿון די אָנהייב־זומערדיקע נעכט
נאָך שמעקט דער טאָג אַלץ מיט דעם שיכּורן גערוך פֿון בליִען.
עס טריפֿט די היץ נאָך אָפּ פֿון בלעטער אין דעם טונקעלן געפֿלעכט
מיט זיסן אַראָמאַט פֿון דעם אַדורכגעזונטן גליִען.

דער טאָג איז אַלץ נאָך דאָ. ער וואַכט נאָך אין דער נאַכט פֿאַרשטעקט,
ער קוקט באַהאַלטן נאָך אַרויס מיט שאָטן־בלוי פֿאַרלאָפֿן,
ער רוישט נאָך אין די גראָזן אַלץ, ער אָטעמט נאָך, ער שמעקט,
און דו, ווי אַ פֿאַרשיכּורטער, ליגסט וואַך און קענסט נישט שלאָפֿן.

## אַ האַרבסטיקע גאַס

דער האַרבסט האָט אויסגעשפּרייט אַ גרויען וואָלקנדיקן פֿליגל —
די שטאָט ליגט נעפּלדיק פֿאַרהילט, אַדורכגערעגנט, נאַס.
אין אַספֿאַלט-גלאַנץ, ווי אין אַן אַלטן, אָפּגעקראַצטן שפּיגל,
שלאָגט-אָפּ זיך קרום, זיגזאַגעדיק, אַ מוטנע, בלייכע גאַס.

דער נעפּל וואַקסט. די גאַס פֿאַרלירט איר אויסזען, איר געניוקייט,
ווי ס'וואָלט פֿאַרוועבט מיט שפּינוועבס קלעפּיק אַלץ אַרום אַ שפּין.
די גאַס פֿאַרשווינדט. די וועלט אַרום פֿאַרזונקען ליגט אין גרויקייט,
ווי ס'וואָלט די וועלט פֿאַרלאָרן אַלץ — איר אויסזען און איר זין.

## מאָנומענטן

ס'איז האַרבסט אין פּאַרק. די קעניגלעכע דענקמאָל-מאָנומענטן —
זיי טראָגן זיך אין בראָנדז-געשמידט נאָך שטאָלצע אויף די פֿערד,
מיט בליקן שטרענג-באַפֿעלעריש אין ווײַטקייטן געווענדטע,
ווי אונטער זיי געלעגן וואָלט נאָך פֿאָלגעוודיק די ערד.

ס'איז האַרבסט אין פּאַרק. פֿון אונטער בלעטער אָפּגעוועלקטע, רויטע,
ליגט שטום די ערד. די שקיעה-שײַן מאַכט רויטער אַלץ אַרום.
עס גליווערן די דענקמעלער. די בלעטער פֿאַלן טויטע
און ווישן אָפּ דעם לעצטן סליאַד פֿון אויסגעדאַכטן רום.

## דער ניגון פֿון די שטראַלן

די פֿייגל פּיקן אויס פֿאַר טאָג פֿון זון די ערשטע שטראַלן
און צוויטשערן דערנאָך זיי אויס מיט גאָלדיק-העלן טריל,
ווי ס'וואָלטן נישט-געזעענע פֿון זון צעפֿראַלטע קוואַלן
אַדורך די פֿייגל אָפּגעטריפֿט אין זייער צוויטשער-שפּיל.

ווי דורך דעם רוים וואָלט פֿון דער זון אַ ניגון אַ געהיימער
געניגערט מיט די שטראַלן און פֿאַרבלאָנדזשעט אויף דער ערד,
און פֿאַרכטיקע, צעהעלטע שטייען אין פֿרימאָרגן ביימער
צום ניגון פֿון די שטראַלן דורך דעם פֿייגל-טריל פֿאַרהערט.

## אַן אויסגעקרימטע סאָסנע

אַן אויסגעקרימטע סאָסנע האַלט זיך קוים בײַם שפּיץ פֿון באַרג
מיט צווײַגן מיט צעוווּנדיקטע פֿון אָפּגעשײלטער קאָרע,
זי הענגט, ווי זי וואָלט אָנגעכאַפּט זיך אָן זײַן פֿעלדזן־קאַרק,
אַ נידעריקע, אײנזאַמע — אַ סאָסנע אַן עקרה.

זי קוקט אַראָפּ — ווי אונטן גרינט זיך שלווהדיק אַ וואַלד
מיט ביימעלעך מיט יונגיטשקע, משפּחהדיק פֿאַרטוליעט,
און זי, אַן אײנזאַמע, זי קראַמפּט, אַט דאַכט זיך — באַלד זי פֿאַלט,
און איבער איר להכעיסדיק לויפֿט אום דער ווינט צעהוליעט.

## אַ ווינטער־לאַנדשאַפֿט

די שטאָט ליגט אין אַ טאָל, זי האָט געפּרוּווט פֿאַרעקשנט קריכן
צום באַרג אַנטקעגן און געבליבן שטיין דאָרט אין דער מיט.
דער ערשטער שניי פֿאַרצויגן האָט די הײַזער, ווי מיט ציכן,
זיי ליגן דאָרט פֿאַרגליווערטע, ווי אײַנגעשלאָפֿן, מיד.

זיי ליגן אײַנגעקאָרטשעטע, אין טיפֿן שניי פֿאַרלוירן,
פֿאַרקראָמפּטע פֿון קעלט, צונויפֿגעדריקט — אַ גאַס אַ לאַנגע, שמאָל.
ס'קען זײַן, זי איז אין שלאָף בײַ נאַכט געוואָרן טויט־פֿאַרפֿרוירן
און ליגט אין ווײַסע לײַלעכער פֿאַרהילט בײַם ראַנד פֿון טאָל.

## אין אַלטן הויז

אין אַלטן הויז טריפֿט דער סופּיט, ער נעצט אַדורך, פֿאַררונען —
דאָס ווײַנט דער דאַך אין רעגן איצט און ס'טרערט אָפּ דער סופּיט.
אַ מאַטע שויב אין פֿענצטער ציטערט, שפּינוועבסטיק פֿאַרשפּונען
און ס'קרעכצט אין אַלטן דיל אַ ברעט, געהיים, אַן עמעצס טריט.

דאָס הויז איז אַלט, דאָס הויז איז פּוסט, די טיר צעשראָקן סקריפּעט,
זי עפֿנט זיך און מאַכט זיך־צו צוריק, פֿון זיך אַליין,
און נאָר דער דאַך דורך דעם סופּיט אַ רעגנדיקער כליפּעט
מיט עכאָס פֿון אַ האַרבסטיקן, אַן אוראַלטן געוויין.

## האַרבסטיקע שקיעה

דער רויטער שקיעה־הימל פּרוווט פֿאַרלויפֿן מיר דעם וועג,
אַט גיט ער אויף דעם קרומען פּלויט אַ שטיפֿערישן קלעטער.
די ערד אַרום ליגט רויט, ווי נאָך אַ גרויזאַמען געשלעג —
באַדעקט מיט בלוט־קאַלוזשעס פֿון פֿאַרוועלקטע פּורפּור־בלעטער.

די שקיעה בלאָסט אַלץ ראַזיקער — אַן אָפּגעבלייכטע ווונד,
די נאַכט, זי לויערט שוין אויף איר בײַם הימל־ראַנד צוקאָפּנס,
אַט וועט זי זיך אַרײַנשאַרן, ווי אַ קודלאַטער הונט,
און אויסלעקן די בלוט־קאַלוזשעס ביז די לעצטע טראָפּנס.

## אַ געסל בײַם ים

דאָ פּילט מען נאָך אין בלאָז פֿון ווינט דעם אָטעם פֿון דעם ים,
וואָס ליגט אַהינטער הײַזער פֿון דער גאַס דאָ אַ פֿאַרשטעלטער,
נאָר אַנדערש זעט דער הימל אויס דאָ אין דער גאַסן־ראַם,
וואָס הענגט אַראָפּ גאָר נידעריק אַן אויסגעקרימט־פֿאַרשמעלטער.

אַ בלייכלעכער, צעפֿליקטער, פֿון אַ יעדן דעכל־שפּיץ
ער הענגט דאָ אויף די ווענט, וואָס שטויבן גאַרנדיקע שמאָלע,
כאָטש ס׳רוישט דער ים נאָך הינטער זיי, נאָר דאָ שוין שטיקט די היץ
וואָס קריכט אויף דעם אַספֿאַלט אַרום און אָטעמט הייס מיט סמאָלע.

## צעבראָכענע אויטאָס

צעטרייבערטע, ווי אין אַ יאַטקע, ליגן שטיקער אויטאָס:
אַ קרומער ראָד, אַ טויטער ליגט צעביסן, ווי פֿאַרצוקט,
אַ לעדער־אויסבעט פֿון געזעס אָט ווי אַ רויטע הויט איז
געבליבן ליגן אָפּגעשונדן אויפֿן שטויב פֿון ברוק.

די אינגעווײדן אײַזערנע, זיי זשאַווערן צעבויגן,
די אויטאָ־בײַכער אויפֿגעריסן ווונדיקן אויף דר׳ערד,
און נאָר די צוויי לאַמטערנס, ווי אַרויסגעפֿליקטע אויגן,
זיי גלאָצן גלאָזיק־גליווערדיק און גוססדיק פֿאַרטרערט.

# ביכער

די רוקנס פון די ביכער אויף די פּאָליצעס אין צימער —
זיי שטראַלן אוים פאַרהוילן אַזאַ יום-טובדיקע שײַן,
וואָס מאַכט דײַן צימער העלער, מאַכט אים יחוסדיקער, פרימער,
ווי ס׳וואָלט אַ צאַרטע איידלקייט פון זיי אין שטוב אַרײַן.

דו פילסט עס נישט, נאָר פון די ביכער, פון די שטומע ווערטער,
ווערסטו אַליין דערהויבן גאָר, ווי ס׳וואָלט פון זיי דערוואַכט
אַ וואָרט אין דיר אַליין, וואָס גייט שוין איצט אויף אַ געהערטער,
כאָטש אַלע ביכער שטייען שטום אויף פּאָליצעס פאַרמאַכט.

# אין אויפבליץ פון געוויטער

איך האָב געזען אין שטורעמנאַכט, אין אויפבליץ פון געוויטער,
אין מיטן פון דעם רעגנפלייץ, מיט דונערן צעקנאַלט,
האָט אויפגעפלאַצט דער הימל מיט אַ גרינעם פאָספאָר-ציטער,
אַ ריס געטאָן זיך און אין נאַכט זיך אימהדיק צעפראַלט.

אַ רגע נאָר געבליבן איז דער הימל פלאַמיק-אָפן
און דונערדיק געקײַקלט זיך, און ערגעץ ווו געקראַכט,
ווי ס׳וואָלטן פײַנטלעך וועלטן צוויי זיך אין דעם בליץ געטראָפן,
באַגעגנט זיך אין שטורעם, און פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט.

# דער נײַגער

איך קוק אים נאָך — ער נישטערט, זוכט מיט אויגן ברייט צעאַפלט,
אַ נײַגער טרײַבט אים, כאָטש ער קריכט נאָך אויפן דיל אַ — קינד.
ס׳איז אַלץ אים אומפאַרשטענדלעך נאָך, אַ הילפלאָזער ער צאַפלט —
די וועלט באַהאַלט זיך אוים פאַר אים, דער נײַגער יאָגט אים בלינד.

איך ווייס, ער וועט אַ גרויסער זײַן מיט שׂכל שוין, מיט ווערטער,
נאָר ס׳וועט דער נײַגער טרײַבן אים, ווי איצטער, נישט-געשטילט,
ער וועט די וועלט באַטראַכטן, זען און גאַפן אַ פאַרהערטער,
נאָר בלײַבן וועט די וועלט פאַר אים, ווי איצט, מיט סוד פאַרהילט.

## דער יין המשומר

די וואָלקנס ווערן צײַטיק, ווי די פּירות ענדע זומער,
זיי טריפן אין די שקיעות אָפּ מיט רויט-צעגליטער שײַן,
ווי אָפּגעצאַפּט וואָלט גאָט פון זיי דעם יין המשומר,
וואָס ער גרייט פאַר צדיקים צו — דעם אָפּגעהיטן ווײַן.

און ס׳טריפט, און ס׳גיסט דער ווײַן זיך, אַזאַ זוניק-רויט צעהעלטער,
פון אונטן ווערט די נאַכט מיט לאָגלען דאַרשטיקע פאַרשטעקט
און זאַמלט אויף דעם רויטן ווײַן באַהאַלטן אין איר קעלטער,
ווי גאָט אַליין דאָרט גרייט אים צו פאַר קומענדיקע טעג.

## איינפּנימדיק

זיי קומען אָן, עס גייט אַ טאַנץ פון מאַסקעס און פּרצופים —
דאָס האָפּקעט מײַן עפּאָכע אין דעם קאַרנאַוואַל פון גרויל.
מיט טויטער, בלייכער נאַקעטקייט עס טאַנצן אום די גופים,
וואָס גיסן זיך צונויף אין אַן איינפּנימדיקן קנויל.

מיט קרומע מײַלער שרײַען זיי דורך מעשענע טרומייטן,
זיי טרײַבט די פּויק אין אָנזאָג פון פאַרניכטונג און פון טויט,
פאַרפלאָכטענע מיט הענט און פּיס, ווי איינער אין דעם צווייטן —
איינפּנימדיק און פאַרבלאָז מיט אַלבינאָ-אויגן רויט.

## אַ יאָדלע

צווישן ביימער נאַקעטע אַ יאָדלע שטייט אַ גרינע,
דער שנײ האָט זי פאַרפּרושעט קוים, דעם גרין מיט ווײַס פאַרוויִשט.
די הוילע ביימער ווינטיקן, זיי בייגן זיך מיט קינאה
און אָטעמען איר ריח אײַן, וואָס שמעקט ווי זומער פריש.

אַ שנייִיקער פאַרנאַכט, וואָס בלענדט — די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
די הויכע יאָדלע שטייט אַ שטאָלצע, זומערדיק צעגרינט.
די הוילע ביימער וויגן זיך מיט אָפּגעשיילטע שטאַמען
און ס׳טראָגט דער יאָדלעס ריח זיך אַריבער זיי אין ווינט.

## אַ קאַטערינקע

אַ מיידל־שטימע האָט געוויינט פאַרבענקט אין קאַטערינקע
און הייזעריק פאַרגאַנגען זיך, צעהעשעט מיט אַ כליפּ,
און אויף דעם ווײַטן מערב־ראַנד מיט הייסער, רויטער שמינקע,
האָט ציטערדיק געצוקט די שקיעה ווי אַ מיידל־ליפּ.

דער צאַנקענדיקער, הייסער רויט געמיניעט זיך מיט מעש האָט,
וואָס האָט זיך בלייך געלאָשן אַלץ און נישט געוואָלט פאַרגיין,
און נאָר די קאַטערינקע האָט אין דעמער אַלץ געהעשעט
מיט בענקענדיקן אומעט פון אַ מיידלשן געוויין.

## דורך ריחות

די ליבע שמעקט אַרום פון אַלע פלעשלעך מיט פּאַרפומען,
דורך ריחות און דורך דופטן גייט די גלוסטונג אויף געוועקט,
פון שמינק פון פרויען־ליפּן, כאָטש די ליפּן גופא שטומען,
שרײַט היים אַרום די לײַדנשאַפט אַדורך דעם רויט פאַרשטעקט.

דאָס פרויענלײַב באַהאַלט זיך אוים פאַרשלייערט הינטער קליידער,
די נאַקעטקייט דאָרט דרימלט פלומרשט צניעותדיק פאַרהילט
און נאָר דורך אַראָמאַטן ווינקט זי אָפּגעדעקט כסדר ,
און זינגט אַרום דורך ריחות מיט איר גלוסטונג נישט געשטילט.

# דאָס וואָרט

## ס'איז קורץ מײַן ליד

ס'איז קורץ מײַן ליד, אַזוי מין קורץ — אין גאַנצן נאָר אַכט שורות,
נאָר ס'שפּיגלט זיך אין ליד דאָרט אַפּ דער בליץ פון אַ געדאַנק,
וואָס האָט אַ לויכט געטאָן אין מיר און נאָך אַ בלאַסער שפּור איז
פאַרבליבן דאָרט — אַן אָפּשײַן נאָר, צעעכאָט מיט געזאַנג.

ס'איז קורץ מײַן ליד — אַכט שורות נאָר. די רגע פון התגלות
איז קירצער נאָך — אַן אויגנבליק, אַ פינקלענדיקע ווײַל,
אַט ווי אין גרויער דעמערונג דער אויפגלי פון אַ שטראַל איז —
אַ לויכט געטאָן אַ רגע און פאַרשוווּנדן אין געאײַל.

## צווישן שורה און שורה

אַ יאָגנדיקער אימפּעט טראָגט מיך אום דורך מײַנע לידער,
פון ערשטן וואָרט אַנטפלעקטן ביז צום ראַנד פון לעצטן סטראָף.
אַט דאַכט זיך מיר, איך פאַל שוין בײַ אַ שורה באַלד אַנידער,
נאָר ס'יאָגט דער אימפּעט ווײַטער מיך צום אויסגעבענקטן סוף.

איך כאַפּ זיך אין דער שורה אָן און מיט מײַן גאַנצער גבורה,
ווי כ'וואָלט געבליבן הענגען אַ צעוויגטער אויף אַ תהום,
איך פּרוּוו מיט כּוח אָנכאַפּן די קומענדיקע שורה
און הוידע אויף דעם אָפּגרונט זיך פון הייסן ווערטער־שטראָם.

## יִידיש

מײַן צונג איז אַ צעווונדיקטע פון אַלע פרעמדע שפּראַכן.
מיט אַלע פרעמדע ווערטער ציטערט ווייטיקדיק מײַן קול.
איך ווייס, אַז נאָר אויף יִידיש קען איך אויף אַן אמת לאַכן,
אַז נאָר אויף יִידיש קען איך זיך צעשמייכלען ווי אַ מאָל.

מיר דאַכט זיך אָפּט, אַז יעדער לשון פרוווט מײַן איך פאַרניינען,
מײַן וועלט ווערט אָפּגעווישט און ערגעץ גיט זי אַ פאַרשווינד.
איך ווייס, אַז נאָר אויף יִידיש קען איך אויף אַן אמת וויינען,
צעוויינען אויף אַן אמת זיך אָט ווי אַ מאָל — אַ קינד.

## שפּראַכן

ס׳איז דאָ אַזאַ מין אומעט, וואָס גייט אויף פון פרעמדע שפּראַכן,
פון ווערטער אומבאַקאַנטע, וואָס דו ווייסט נישט זייער מיין.
פון זייער קלאַנג גייט אויף אין דיר, הייבט אָן אין דיר דערוואַכן
פון וועלטן לאַנג-פאַרשווונדענע פאַרהוילן אַ געוויין.

ער טויכט אַרויס, דער אומעט, דורך דעם קלאַנג פון פרעמדע ווערטער,
מיט קלאַג פון דורות גייט ער אויף, וואָס עכאָט אָפּ דאָרט באַנג.
און דו, ווי אַ פאַרכישופטער, דו שטייסט אַ שטום-פאַרהערטער,
און ווערסט פאַרקניפּט מיט דורות פײַן דורך זייער מאָדנעם קלאַנג.

## דער דיכטער

נישט אַלע זאָגן אויס, וואָס ס׳דריקט בײַם הארצן זיי — נישט אַלע.
נישט יעדער וועט אַנטפּלעקן, וואָס עס נאָגט אים אין דער שטיל.
ס׳קען זײַן, אַז נאָר דער דיכטער איז דאָס דער, וואָס איז מגלה
פאַר אַלעמען זײַן טיף אין זיך פאַרבאָרגענעם געפיל.

נאָר ער, דער דיכטער, איז דאָס דער, וואָס זינגט אינטים אין ליד אויס
זײַן ווי און פרייד, וואָס בלײַבט, ווי לאַווע, אין זײַן וואָרט פאַרגליט,
און ס׳וועט אַ מענטש שוין שפּעטער אין זײַן איינזאַמקייט, ביחידות
דערפילן אין די ווערטער דאָרט זײַן אייגענעם געמיט.

## די שטומע וועלט

די וועלט ליגט אַ פֿאַרשטעלטע, הינטער פֿאַרקאַנעס פֿון ווערטער,
אַ שטומע, נישט־אַנטפּלעקטע, אַ פֿאַרמאַכטע אין אַ שאָל.
זי קוקט אויף מיר מיט פּנימער מיט אַנדערע, פֿאַרקערטע
און רעדט צו מיר מיט גרויקייטן, אַ שטומע, אָן אַ קול.

איך פּרוּװ דורך בילד און ניגון זי פֿון שטומען גליווער וועקן,
דורך נעפּלדיקע שלייערן באַנעמען איר געזיכט;
און אין די ווערטער טויזנטער דאָס ערשטע וואָרט אַנטפּלעקן,
דאָס וואָרט, וואָס האָט צעשטראָמט אַ מאָל זיך בראשיתדיק מיט ליכט.

## ס'ווערט איינס

דער בלויער פּחד פֿון דעם אין־סוף־אוניווערז,
וואָס לייגט זיך אוים אויף מײַנע ציטערדיקע שורות,
ער העלט אַרוים מיט גלייביקייט בײַ מיר אין פֿערז
מיט גרינעם שטערן־ווינק פֿון סודותדיקע בשורות.

אַזוי אין יעדן וואָרט באַהאַלטן זינגט דער נס,
ווען שורות ווערן ליד, באַהאַפֿטענע צוזאַמען,
ווי ס'ווערט אַלץ קאָסמיש איינס — די בלויקייט פֿון דעם בעז
מיט צאַרטער בלויקייט פֿון די אוונטיקע ימען.

## די ווערטער קומען שפּעטער

כ'האָב אַנגערירט די שטילקייט און דערפֿילט איר קילן אָטעם,
כ'האָב אַנגערירט די פֿינצטערניש און האָב דערפֿילט איר גלעט.
דעם טרויער, וואָס איך טראָג אַרום מיט כּלומרשט יוסטן טראָט אים,
האָב איך מיט שטומקייט אַנגערירט, מיט ווערטער נישט גערעדט.

די ווערטער קומען שפּעטער ווען די שטילקייט איז נישטאָ שוין,
ווען ס'גייט אַוועק די פֿינצטערניש און ס'ליכטיקט דײַן געמיט,
די ווערטער קומען ווען דײַן טרויער ליגט שוין אויך פֿאַרלאָשן —
די ווערטער זענען נאָר דער אַש פֿון אַלץ, וואָס האָט פֿאַרגליט.

## אַ וואָרט — אַ שטיין

עס טרעפט, אַז ס'וואַלגערט זיך אַ וואָרט אום, ווי אַ שטיין,
אַ וואָרט — אַ מדבר־שטיין וואָס גרויט אַרוים באַהאַלטן.
דו רירסט זיך־צו צו אים, און ווי פון זיך אַליין,
וועט אויפגיין באַלד דער פלייץ פון ליד פון אויפגעקוואַלטן.

קען זײַן, אַז יעדעס וואָרט איז אפשר אַזאַ שטיין,
און דו, ווי משה, שטייסט לעם אים אַ דאָרשטיק־מידער.
און ווּעסטו שלאָגן אים — וועט נעמען פּלוצלונג גיין
דער אויפגעפּראַלטער שטראָם פון זים־צעפלייצטע לידער.

## אַ וואָרט פון מײַן עבר

עס קומט אַ מאָל אַ וואָרט, פון ווערטער לאַנג שוין נישט געהערטע.
ער קומט אַרײַן און שטעלט זיך אַ פאַרשעמטער בײַ דער טיר —
אַ וואָרט וואָס האָט דורך הונדערטער טאָג־טעגלעך גרויע ווערטער
פאַרבלאָנדזשעט פון מײַן שטעטל, ווי אַ יוגנטפרײַנד צו מיר.

אין שטוב איז רוישיק: ראַדיאָ־הילך, עס שפּילט די טעלעוויזיע,
עס קלינגט דער טעלעפאָן, עס ברענט עלעקטריש־ליכט צעבלענדט.
און דאָ לעם טיר — אַ וואָרט, וואָס שטייט און שטוינט אַזוי: ווו איז ער?!
און איך, איך לויף אַנטקעגן אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

## דאָס ליד

דער טײַך פון דויער שלינגט אַלץ אײַן, ער וועט פאַרשווענקען
דײַן יוגנטפרייד, דײַן ליד, דײַן גאַנצן דיכטערשן פאַרמעג.
אַ כוואַליע וועט נאָר עמעצן אַ שורה דײַנע שענקען,
וואָס ער, דער טײַך, אַרויסגעוואָרפן האָט אויף פרעמדן ברעג.

ווי ס'וואַרפט אַ פרילינגטײַך אַ ברעט אַרוים מיט פלייץ און שוימען,
וואָס עמעץ וועט אַרײַנבויען עס שפּעטער אין זײַן הויז,
אַזוי קען זײַן, וועט אויך דײַן ליד אַרײַן אין עמעצס טרוימען
וואָס ס'האָט דער טײַך פון דויער אים פאַרטראָגן אין זײַן ברויז.

# אין דיכטערס האַנט

ס'קען זײַן, די פּעדער ווערט באַגײַסטערט פון דעם דיכטערס פינגער,
פון זײַן באַריר אַליין הייבט אָן צו ריידן דאָס פּאַפּיר,
אַט ווי דער עכאָ לויפט פאַרכּישופט נאָך די שטים פון זינגער,
אַט ווי אַנטציקט פון קינסטלערס האַנט צעשפּילט זיך דער קלאַוויר.

און ווי די סטרונעס קלינגען אויף פאַרליבט אין האַנט פון מײַסטער,
אַזוי לעבט אויף די פּעדער, דאָס פּאַפּיר אין דיכטערס האַנט.
זיי ענטפערן מיט ווערטער אָפּ פון זײַן באַריר באַגײַסטערט,
מיט ווערטער, וואָס נאָר זיי אַליין איז סודותפול באַקאַנט.

# דורך פרעמדע רייד

די פרעמדע רייד פון ביכער ליגן איבער מיר אוים שאָטנס,
דורך וואָרט גייט אויף פון פרעמדע לעבנס זייער פרייד און פּײַן,
ווי ס'וואָלט דער גורל זייערער אויך איבער מיר געטראָטן,
ווי ער מיט זײַנע אומרו-טריט וואָלט אויך צו מיר אַרײַן.

אַזוי אַ מאָל, נישט ווילנדיק, דורך אויסגעטראַכטע ווערטער,
איך ווער מיט פרעמדע בענקשאַפטן אַ שותּף גאָר אַליין,
אַן אומבאַקאַנטער פּנים ערגעץ פּיבערט אַ פאַרטרערטער
און איך, דורך פרעמדע רייד, טראָג אום אין זיך גאָר זײַן געוויין.

# נישט דערזאָגטע ווערטער

פון אַלע לידער קער איך אום זיך אומעטיק צוריק,
פון יעדער שורה פאַלט אויף מיר אַ טרויעריקער שאָטן.
מײַן יעדעס ליד זעט אוים גאָר ווי אַ שלאַכטפעלד אין אַ קריג,
וווּ טויטע ווערטער ליגן דאָרט געפאַלענע צעטראָטן.

אַזוי פיל ווערטער קומען אום פאַרמעקט אויף דעם פּאַפּיר,
אַזוי פיל שורות נישט פאַרענדיקט בלײַבן טויטע ליגן,
און ווערטער נישט דערזאָגטע גאָר, דערשטיקטע טיף אין מיר,
וואָס איך האָב אַ נישט זיכערער אין ספק אויסגעשוויגן.

## אויף יענער זײַט שורה

אויף יענער זײַט שורה שפּאַצירט אונדזער לעבן,
וואָס פּאַסט נישט אַרײַן זיך אין ענגשאַפט פון וואָרט.
עס שטורעמט דאָס לעבן און כוואַליעט דערנעבן,
און קען נישט געפינען אין שורה קיין אָרט.

אויף יענער זײַט לעבן שוועבט אום אונדזער שורה,
וואָס פּאַסט נישט אַרײַן זיך אין שויבער פון וואָר.
זי ליכטיקט אַרוים פון דעם פלייץ, פון דעם שטורעם —
אַ פאַרביקער בויגן צעהימלט און קלאָר.

## אין דיכטערס וואָרט

דער דיכטער שטעלט די צײַט אָפּ אויף אַ רגע
און זי געפאַנגען בלײַבט שוין אין זײַן וואָרט,
ווי ס'שטעלט דעם הירש אָפּ אין זײַן לויף דער יעגער,
ווען פון זיין קויל דער הירש פאַלט אויפן אָרט.

אַזוי וועט אויך אין קלאַנגען און אין פאַרבן
אין דיכטערס וואָרט אַלץ בלײַבן היים־פאַרגליט —
און קיינער וועט שוין מער אַזוי נישט שטאַרבן
ווי ער פאַרצייכנט האָט עס אין זיין ליד.

## אַ בוך

ווי פון אַ בוים צעוואַקסן זיך די זײַטלעך פון אַ בוך,
ווו יעדע שורה איז אַ צווײַג מיט קנאָספּן אַ באַדעקטער,
ווו יעדעס וואָרט טראָגט דאָרט אַרום זײַן אייגענעם גערוך,
און ס'גייט דאָס בוך אויף, ווי אַ בוים אַ פרילינגדיק־צעשמעקטער —

אַזוי גייט פון די שורות־אויף דער ווערטער־אַראָמאַט,
ווי אין אַ שפּיל אַ פרילינגדיקער פול מיט ליכט און שאָטן,
ווען דורך דער ראָזער בליִעכץ רײַסט זיך דורך דער ערשטער בלאַט,
און דו, דו גייסט פון בוך אַוועק מיט פרילינג־בלי באַשאָטן.

## עס איז אין דיר פֿאַרבליבן

אַ זוניקייט גייט-אויף פֿון בוך, כאָטש דאָס פּאַפּיר איז קאַלט,
דאָרט גליט נאָך עמעצס לײַדנשאַפֿט אין שורות, אין די אותיות,
כאָטש דורכגעגלבט איז דאָס פּאַפּיר — דאָס בוך איז זייער אַלט —
און ערגעץ-ווו שוין פֿון אַ וואָרט אַ פֿלעק פֿאַרבליבן בלויז איז.

נאָר ס'רײַסט זיך דורך דער קאַלטקייט פֿון צעדריבלטן פּאַפּיר
דער אָטעם פֿון אַ מענטש, וואָס האָט דאָס וואָרט אַ מאָל געשריבן,
און צינדט זיך אָן אויף ס'נײַ, בלויז פֿון דײַן בליק, פֿון דײַן באַריר,
און ס'לעבט דאָס וואָרט שוין ווידער אויף — עס איז אין דיר פֿאַרבליבן.

## די לעצטע שורה

ווי אומעטיק דעם שרײַבער איז, וואָס מיט זײַן לעצטער שורה
דערגאַנגען איז צום סאַמע סוף — פֿאַרענדיקט ליגט זײַן בוך.
נאָך גייט אים נאָך אַ בליק נישט-זיכער, ס'נעפּלט זיך אַ צורה,
נאָך ספּקט אים אַ וואָרט נישט קלאָר, אַ שמייכל, אַ גערוך.

נאָר שוין, עס איז נאָך אַלעמען — דאָס בוך איז שוין פֿאַרענדיקט,
ער האָט מיט לעצטן וואָרט זײַן בוך דער אייביקייט פֿאַרטרויט,
און אַלץ, וואָס האָט געברויזט אין אים, וואָס האָט אין אים
געבלענדיקט
ליגט אויסגעלאָשן, מאַט און שרעקט מיט אומעט און מיט טויט.

## ווערטער

איך בין פֿאַרוואָרצלט ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטן באָדן,
אַ נישט-געזעענעם — אויף יענער זייט פֿון רוים און צײַט.
עס האָט אַ מאָל מיך עמעצער מיט ווערטער אָנגעלאָדן,
מיט ווערטער, וועלכע האָבן גאָר אַן אַנדערן באַטײַט.

און איצטער, ווען איך הער אַ מאָל דעם זעלבן קלאַנג פֿון ווערטער
און וויל זיי אויף דאָס נײַ באַגרײַפֿן, זייער זין פֿאַרשטיין,
שטיי איך אויף ס'נײַ איצט ווי אַ מאָל אַ חידושדיק פֿאַרהערטער
און הער אין גאַנצן אַנדערש זייער אמתדיקן מיין.

## יעדעס וואָרט איז ווי אַ טויער

איך הער אַרײַן זיך אין דער שטילקייט ביז די שטילקייט הייבט אָן ריידן,
איך קוק אַרײַן זיך אין דעם חושך ביז דער חושך ווערט צעהעלט.
און אַלץ, וואָס ליגט פאַר מיר פאַרהוילן, הייבט דאָס וואָרט גאָר אָן באַשיידן,
יעדעס וואָרט איז ווי אַ טויער צו אַ סודותפולער וועלט.

דורך יעדן וואָרט מוז איך אַנטשיידן וואָס איז פאַלש און וואָס איז ריכטיק,
אַז קלאָר זאָל אויפגיין דורך די שורות אַ צעהעלטער מײַן געדאַנק.
איך קוק אַרײַן זיך אין דעם חושך ביז דער חושך ווערט מיר ליכטיק,
איך הער אַרײַן זיך אין דער שטילקייט ביז איך הער דאָרט אַ געזאַנג.

## דאָס ערשטע יוגנטליד

דאָס ערשטע יוגנטליד מײַנס ליגט פאַרברענט ווו ווי אַ שײַטער
מיט ערשטן וואָרט געצונדן פון זײַן העלן פלאַם — אַ פונק,
נאָר ס׳לעבט אין מיר זײַן גלי נאָך אַלץ, ער העלט אין מיר נאָך ווײַטער
און שײַנט צעבלענדט מיט נײַעם וואָרט, געצונדן אויף מײַן צונג.

איז גיי איך אום נאָך אַלץ פון יענעם פלאַם אַ דורכגעגליטער
דורך וואָגלטעג און וואַנדערוועגן — איבער צײַט און אָרט,
און כ׳טראָג נאָך אַלץ אום אין מײַן בלוט דעם פיבערדיקן ציטער
מיט גלי פון יענעם שײַטער־ליד — דעם ערשטן פונק פון וואָרט.

## שטויביקע ווערטער

ווען ווערטער הייבן אָן זיך קרישלען שטויביקע ווי שערבלעך,
ווען ס׳ליגט שוין דײַן געדאַנק אַליין ווי אַ צעפּלאַצטער קרוג
און אַלץ, וואָס האָט געדאַכט צו זײַן דיר האַפטיק און אומשטערבלעך,
מיט אמתן, וואָס האָבן כּלומרשט אַלץ פֿאַרענטפֿערט קלוג —

זיי ליגן אויך שוין ווי דער קרוג פֿון דײַן געדאַנק צעבראָכן —
אַ שברי־כּלי, ווו געדאַרפֿט האָט כּלומרשט זײַן גאָר ווײַן
און דו בלײַבסט שטיין אַ ניכטערער אין פּוסטן אינדערוואָכן,
מיט ווערטער אויסגעליידיקטע, וואָס גרויען מאַט, אָן שײַן.

## דאָס בייגעלע פּאַפּיר

דער נאַכטיקער פּאַפּיר שלינגט אײַן דעם טאָג מיט אַלע זאָרגן,
וואָס ליגן אויס זיך שאַטנדיק מיט ווערטער אויף זײַן ווײַס.
אַ בייגעלע פּאַפּיר אַ ריינס זעט אויס ווי אַ פֿרימאָרגן,
אַ ווינטערדיקער קאַלטער טאָג מיט פֿראָסט, מיט שניי און אײַז.

נאָר טרעפֿט אַ מאָל: אַ וואָרט גייט־אויף מיט הייסער שײַן געצונדן
און ליכטיק ווערט, און וואָרעם ווערט דאָס בייגעלע פּאַפּיר,
די קאַלטע בלייכקייט רינט באַלד אויס, ווערט פּלוצלונג ווי פֿאַרשוווּנדן,
ווי ס׳וואָלט די ווײַסקייט זיך צעגליט פֿון אָט דעם וואָרט־באַריר.

## אין אָפּשײַן פֿון דײַן ליד

דיך רופֿט די שטילקייט פֿון פּאַפּיר, וואָס וויל נישט בלײַבן ליידיק.
די וועלט איז פֿול מיט בענקשאַפֿט דאָך, מיט גלוסטונג און געזאַנג —
שרײַב אָן אַ וואָרט און ווערן וועט דײַן אומעט פּלוצלונג פֿריידיק,
און אויפֿגיין וועט די וועלט אויף ס׳נײַ צעהעלט דורך דײַן געדאַנק.

אַ וואָרט איז נאָר אַ פֿונק, אַ ליד צעברענט זיך ווי אַ שײַטער,
אין ווערטער־פֿלאַם וועט דײַן געדאַנק נאָך ווערן מער צעגליט,
און וואָס געווען איז גרוי און מאַט, וועט אויפֿגיין העל, געלײַטערט,
און דו דערזען וועסט ערשט די וועלט אין אָפּשײַן פֿון דײַן ליד.

## ווען ס'בײַט זיך אַלץ

אַן אַנדער צײַט — זי אײַלט, מוז אויך דײַן וואָרט הײַנט אײַלן גיכער,
דײַן שורה מוז הײַנט אימפּעטיק דערציילן מער — אַ סך,
ווען אין דער שנעלקייט זעען אוים שוין זאַכן מער נישט זיכער,
ווען פֿאָרסט, צי פֿליסט גאָר — מוז שוין אַנדערש קלינגען אויך דײַן שפּראַך.

ווען ס'בײַט זיך אַלץ, ווען שנעלער ווערט דער ריטעם און דער ניגון,
מוז אימפּעטיקער, שנעלער ווערן אויך דײַן וואָרט, דײַן זאָג,
ווען פֿאָרן פֿאָרסטו מיט אַ ליפֿט — דו גייסט נישט מער מיט שטיגן,
ווײַל ווינען ווינסטו פֿאָרט שוין העכער פֿון דעם צענטן שטאָק.

## ס'איז אפשר גוט

ס'איז אפשר גוט, וואָס איך בין נישט פֿאַרוואָרצלט אין אַ באָדן,
וואָס נישט אַרײַנגעוואָקסן בין איך ערגעץ אין אַ גרונט.
מיך האָבן ערדן אַלערליי מיט זאַפֿטן אָנגעלאָדן
און ס'האָבן הימלען אומעטום באַבלויט מיך און באַזונט.

די וועלט האָב איך אַרײַנגעאָטעמט מיט איר וואָר און חלום,
מיט אַלע אירע צוגווינטן פֿון ליבע און פֿון גוואַלד.
און ס'יערט אין מיר באַהאַלטן טיף דאָס וואָרט, וואָס גאָט אַ מאָל אים האָט בראשיתדיק אַרויסגעהעלט — עס זינגט אין מיר צעשטראַלט.

## מיך רופֿט דאָס ליד

מיך רופֿט דאָס ליד. מיט ווערטער-רויב אין זאַק
גיי איך אַרום אויף שיידוועג פֿון די סטראָפֿן,
ווי אין דער נאַכט אַ גזלן מיט אַ האַק
מיט אויגן ווילד, פֿון גזלה-גלוסט פֿאַרלאָפֿן.

מיך רופֿט דאָס ליד. די ווערטער-תּאווה שרײַט
אין מײַנע בלוטן זינגעוודיק באַהאַלטן
און אין מײַן וואָרט בלענדט-אויף אַ פֿרייד פֿאַרשנײַט
מיט בלאַנק פֿון האַק אין שטערן-ליכט אין קאַלטן.

## אין פרעמדע שורות

אין פרעמדע שורות ליגט מײַן לעבן ערגעץ־װוּ פֿאַרשריבן,
אין װאָרט גאָר פֿון אַ פרעמדן דיכטער קלינגט אָפּ מײַן געזאַנג,
װאָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין זײַן ליד און איז שױן דאָרט פֿאַרבליבן,
און ס׳עכאָט אין זײַן ניגון אָפּ דער ריטעם פֿון מײַן גאַנג.

אַזױ דערקען איך זיך אָפּט אין אַ צװײטן דיכטערס װערטער,
װאָס שרײַבט גאָר אין אַ פרעמדער שפּראַך און קען מיך נישט, דעם ייִד,
נאָר לעזנדיק די שורות זײַנע שטײ איך אַ פֿאַרהערטער,
װי כ׳װאָלט גאָר זיך אַלײן דערהערט אין ניגון פֿון זײַן ליד.

## נישט פֿאַרענדיקט

אַדורך ראָלעטן־שפּאַרעס שװעבט אַרײַן אַ בלױער פּלאַטער —
דער אָפּשײַן פֿון פֿאַרטאָג, כאָטש פֿול איז אַלץ אַרום מיט שלאָף,
נאָר אױף מײַן טיש אין טונקל בלײַכט נאָך דער פּאַפּיר אַ מאַטער
מיט װערטער פֿון אַ ליד, װאָס װאַרט פֿון נעכטן אױף זײַן סוף.

ער ליגט פֿון נעכטן נאָך בײַ נאַכט מיט שורות נישט־פֿאַרענדיקט,
װען ס׳איז מײַן האַנט געבליבן שטײן שױן שלעפֿערדיק און מיד,
נאָר ס׳גליט דאָס לעצטע װאָרט דאָרט מיט אַ שײַן װאָס העלט און בלענדיקט
און װאַרט אַלץ אױף דעם נײַעם טאָג און אױף דעם סוף פֿון ליד.

## בײַ נאַכט

בײַ טאָג בלײַבט הענגען יעדעס װאָרט אַן אָפּגעלאָשן־מאַטער,
עס װערט צעשװוּמען אין דער גרױקייט פֿון צערױשטן טאָג
און נאָר בײַ נאַכט, װען ס׳װערט די װעלט אַ פֿאַרביקער טעאַטער,
גײט אױף, װי פֿון אַ סצענע, יעדעס װאָרט און יעדער זאָג.

און װי אַ פֿײַערװערק, װאָס קריצט די נאַכט אַדורך צעבלענדיקט
און װאָלט בײַ טאָג צעשװוּמען זיך, נישט לאָזנדיק קײן סליאַד,
אַזױ צעפֿינקלט גײט אַ װאָרט אױף נאָר בײַ נאַכט מיר שטענדיק,
װאָס פֿאַרבלאָז װאָלט בײַ טאָג געבליכט עס אָפּגעלאָשן־מאַט.

## דײַן האַנט

דײַן שעפּערישקייט שפּאַרט פון דיר, דײַן פעדער יאָגט די ווערטער,
כאַפּסט אויף זיי אין געלאָף — דער אימפּעט יאָגט, דער אימפּעט טרײַבט,
ווי עמעצער אין דיר וואָלט דאָרט געזעסן אַ פאַרהערטער
און אַלע ווערטער דיר געבראַכט, און זי, דײַן האַנט, פאַרשרײַבט.

דיר דאַכט זיך אָפט, דײַן האַנט איז פון די ווערטער ווי פאַרשיכּורט,
דער פיבער פון דײַן בלוט שווימט היים אַרויס פון איר באַריר,
ווען דײַן געדאַנק און דײַן געפיל ווערט גליִענדיק פאַרעיקרט
אַדורך דײַן וואָרט, וואָס ס׳האָט דײַן האַנט פאַרקריצט אויף דעם פּאַפּיר.

## דעם דיכטערס אוניווערס

אַרום דעם אמתדיקן דיכטער ליגט זײַן אייגנפלוס־שטח,
וואָס שטראַלט אַן אייגן ליכט אַרויס דורך יעדן וואָרט און פערז,
אַ צוצי־קראַפט, אַ כּוח, וואָס פאַרמאַניעט אײַך, פאַררעדט אײַך
און האַלט געפאַנגען אײַך דערנאָך אין דיכטערס אוניווערס.

אַ וועלט־סיסטעם אַן אייגענער, ווו ס׳קרייזן זונען, שטערן,
מיט אייגן ליכט און צוציִונג — אַ נײַ־אַנטפּלעקטער רוים,
ווו אַלץ זעט אַנדערש אויס און קען גאָר באַלד נאָך אַנדערש ווערן —
ווו טרוים איז וואָר, נאָר ווו די וואָר קען פּלוצלונג ווערן טרוים.

## דײַן ליד

דו פּרוּווסט אין ענגשאַפט פון דײַן ליד די גאַנצע וועלט פאַרקלעמען —
די וועלט, וואָס קומט און וואָס פאַרגייט, וואָס בײַט זיך אומגעריכט.
דײַן אויער וואַרט אַ וואַכיקער דעם שטילסטן קלאַנג פאַרנעמען,
דײַן אויג וויל אויך אַרײַנזויגן דעם מינדסטן טראָפּן ליכט.

דײַן ליד וויל אַלץ אַרײַנזאַפּן, דאָס וואָרט וואַרט אויף דײַן גומען,
עס רײַפט אין דיר, עס זינגט אין דיר, אָט גייט עס אויף שוין גרייט.
און וועלטן קומען — ווערן אויס, און וועלטן נײַע קומען,
און הינטער זיי לויפט נאָך דאָס וואָרט מיט זעונגען באַגלייט.

# דאָס ליד

די וואָר פאַרגייט, זי בלײַבט נאָר לעבן אין דעם דיכטערס ווערטער,
די וועלט פאַרשווינדט, נאָר אין זײַן ליד זי דויערט אַלץ און לעבט,
דער רויש פון טאָג ער ברומט נאָך אין זײַן וואָרט אַלץ אַ געהערטער
און ס׳שוועבט דעם דיכטערס אָטעם אין דעם ליד בײַ אים פאַרוועבט.

דאָס ליד זאַפּט אײַן, שלינגט אײַן זײַן דראַנג, וואָס בלײַבט אין וואָרט פאַרזיגלט,
דאָרט עכאָט אָפּ זײַן שטים, דאָרט הילכט דער גאַנג פון זײַנע טריט
און ווען ער ווערט נישט זײַן, וועט הינטער אותיות פאַררינגלט,
ווי הינטער קראַטעס, ברומען נאָך זײַן לעבן אין זײַן ליד.

# נישט גלויב

נישט גלויב דעם זינגער מיט זײַן פאַלשן וואָרט. נישט גלויב
זײַן גרויסן חונפים־כאָר פון צוהעלפער, באַגלייטער.
ער זינגט מיט אויגן־גלאָץ און טראַכט פון חלק רויב,
ער וואַרט בלויז אויף אַ ווונק, ער וואַרט אַ שטענדיק־גרייטער

צו פאַלן אויף די קני הכנעהדיק אין שטויב
פאַר יעדן מאַכטהאָבער, וואָס איז דערווײַל דער גרעסטער
און זינגען אַ געבויגענער צו אים אַ לויב,
צו אים, וואָס מיט זײַן מאַכט האָט ער דאָס וואָרט געלעסטערט.

# אין ווערטער־צירק

אין ווערטער־צירק, אין נאַרנדיקן פײַערווערק פון קלאַנגען,
הילכט אָפּ מיט חוזק חוצפּהדיק די גראָבקייט פון המון,
וואָס האַלט דײַן חלום אין איר פויסט ברוטאַל פאַרקלעמט, געפאַנגען
און שענקט אַוועק דיר נאַרנדיק פון פאַלשן גאָלד אַ קרוין.

אין פרעכן יובל אירן הילכט די זיגרײַכע געמיינקייט,
וואָס פירט מיט דיר די כיטרע שפּיל, ווי מיט אַ מויז די קאַץ,
זי שפּאָט פון דיר און לאַכט דיך אויס — דײַן חלום און די שיינקייט,
און טראָגט דײַן צעראַסטן וואָרט ווי אין אַ צירק אום אַ פּאַיאַץ.

# מײַן קול

ס׳וועט נישט פֿאַרלאָרן, גאָרנישט. איך וויל ערגעץ-ווּ פֿאַרבלײַבן
אין הייסן וואָרט-געפֿלעכט פֿון אונדזער אימהדיקער וועלט.
ס׳וועט זײַן אַזאַ מין טאָג ווען עמעצער וועט קומען קלײַבן
און וואָרט מיט וואָרט צונויפֿזאַמלען ווי זאַנגען אויפֿן פֿעלד.

ס׳וועט נישט פֿאַרלאָרן, גאָרנישט. דורך דעם חורבות-ברוך פֿון ווערטער,
אַדורך רויִנען פֿון געשרייען, דורך דעם ראַמש פֿון טויטע רייד,
וועט זיך מײַן קול אַדורכרײַסן און אויפֿגיין אַ דערהערטער
מיט וואָרט פֿון טרייסט און האָפֿענונג, מיט זעונגען באַגלייט.

# שוים

דער שוים לויפֿט אָן, ער בלעזלט זיך, ער וואַרפֿט זיך אויפֿן ברעג,
נאָר פֿאַלט צוריק און הייבט אָן אין די כוואַליעס זיך צעשווימען —
דאָס האָט דער ים געבראַוזט, געשטורעמט ערגעץ אויף זײַן דעק
און ס׳איז דער שוים אַן עכאָ נאָר, פֿון יענעם ברויז — אַ סימן.

ס׳קען זײַן, אַז ווערטער זענען אויך נאָר בלעזלדיקער שוים
פֿון עמעצס אויפֿברויז, אָדער פֿרייד, צי עמעצס וויי דעם שטומען,
וואָס האָט אין אים געצאַפּלט ערגעץ טיף מיט גלוסט, צי טרוים
און איז אין וואָרט צערונען זיך, אין ווערטער-שוים צעשוומען.

# איך בין פֿון ווערטער שיכּור

איך בין פֿון ווערטער שיכּור, כ׳בין פֿון ווערטערקלאַנג באַזויפֿן,
פֿון שורות הייסע, בלענדיקע וואָס צינדן מײַן געמיט
און ווי אַ שיכּור טראָגט אַרום דאָס לעצטע העמד פֿאַרקויפֿן
טראָג איך מײַן לעצטע פֿרייד אַרום פֿאַרהאַנדלען אין מײַן ליד.

אַ שיכּור בין איך! שיכּור פֿון דעם ווײַן פֿון אַלע שקיעות,
פֿון בלויקייטן באַטרונקען און פֿון שטערנדיקע נעכט,
ווען פֿײַער-ווערטער פֿאַרביקע צעגלִיען מײַנע ווִיעס
און קרײַזנדיק פֿאַרוויקלען זיי מיך היים אין ליד-געפֿלעכט.

## דער ריטעם פון מײַן ליד

### א

כ׳האָב ליב די גיכקייט פון מײַן גאַנג, דעם אימפּעט פון מײַן טראָט,
גאָר אַנדערש זעט די וועלט אויס, וואָס גייט אויף אַדורך דער שנעלקייט —
מײַן אויג, מײַן אויער ווערן וואַך, די וועלט פון אַנונג און פון סוד
ווערט אויפגעדעקט, ווערט קלאָר אַנטפּלעקט מיט בלענדנדיקער העלקייט.

אַזוי אין טעמפּאָ פון מײַן גאַנג ווערט שאַרפער מײַן געדאַנק,
ווי ס׳וואָלט מײַן שנעלער אימפּעט-טראָט מיט שאַפונגס-ברען צעגליט אים,
אַזוי מיט וואָרט צום טאַקט פון טראָט איך שפּרײַז אום אין מײַן גאַנג,
ווי ס׳וואָלט איין ניגון ביידן זיי פאַרבונדן מיט זײַן ריטעם.

### ב

און ס׳טרעפט, אַז פאַרקערט גאָר — אין פּוילקייט עס ווערן
געדאַנקען געבוירן,
אַז דווקא האַלב-דרימלענדיק ווערט אַלץ געהיים גאָר געשטאַלטיקט,
פאַרטראַכט,
און אַלץ וואָס דו האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס ס׳האָט דײַן זיכּרון פאַרלוירן,
גייט דעמאָלט גאָר אויף ווי געפונען, גייט אויף גאָר אויף ס׳נײַ
ווי דערוואַכט.

אַזוי דווקא דעמאָלט געשעט עס, דיר דאַכט זיך, דו דרימלסט ווי
שטענדיק,
די חושים פאַרגליווערטע שווײַגן, פאַרשלעפערט עס גרויט דײַן געמיט,
נאָר ווי פון די פינצטערע וואָלקנס אַ בליץ רײַסט אַרויס זיך צעבלענדיקט,
אַזוי פון דײַן כמאַריקן טונקל גיט פלוצלונג אַ ליכטיק דײַן ליד.

## מײַן ייִדיש וואָרט

איך בין דער אַלטער גלות־ייִד, איך שעם זיך דאָס נישט זאָגן,
אַ ייִד, וואָס האָט אַרײַנגעזאַפּט די וואָר אָפּט פון דער פרעמד,
נאָר כ׳האָב מײַן ייִדיש וואָרט אַדורך דער וועלט מיט שטאָלץ געטראָגן
און שטיי פאַר זיך אַליין איצט מיט מײַן גלויבן נישט פאַרשעמט.

אַזוי בין איך דעם לאַנגן וועג אַדורך מיט דרייסטן טראָט אים,
און פּונקט ווי גאָט באַשאַפנדיק דעם מענטש, האָב איך, דער ייִד,
אַרײַנגעבלאָזן אין דער וועלט דער גוייִשער מײַן אָטעם
מיט וואָרט מיט ייִדיש־גלויביקן — דאָס וואָרט, וואָס ליכטיקט, גליט.

## עס זײַנען ווערטער דאָ

עס זײַנען ווערטער דאָ, וואָס בלאָנדזשען אום ווי גײַסטער,
פאַרהוילענע בײַ טאָג, זיי וואַכן אויף בײַ נאַכט.
אַנטלאָפענע פון וואָר, פאַרחלומטע, באַגײַסטערט,
זיי קומען ווען דו ליגסט אַ שלאָפלאָזער דערוואַכט —

און פילן אָן דײַן בלוט מיט זינגעוודיקן ציטער,
און העלער ווערט דער קלאַנג פון היים־צעבליטע רייד.
און איבער דיר אין נאַכט גייט אויף דאָן אַ צעגליטער
דער אָפּשײַן פון אַ וואָרט, וואָס קומט מיט אַ באַשייד.

## בלויז דורך אַ וואָרט

געיאָגט פון בייזע ספקות, אין אַ סתירות־קלעם פאַרשטשימעט,
די וועלט זי פּרוווט זיך אָפּנאַרן מיט צביעותדיקע רייד,
און איבער איר דער הימל הענגט פאַרברענט, פאַרהיראָשימעט
מיט שקיעות רויטע, בלוטיקע, ווי אונדזער טאָג פאַרגייט.

די וועלט זי פּרוווט פאַרשטעלן זיך אַ ליגנערישע — סדומיש,
זי רעדט די פּרימסטע רייד און בענקט נאָך גזילה און נאָך מאָרד —
ווער ווייסט איר סוף, וואָס אויפגיין קען דורך אַ באַפעל אַטאָמיש,
בלויז דורך אַ וואָרט, דורך עמעצנס אַן איין און איינציק וואָרט.

## אין טיר פון ליד

אין ליד ווערט אַלץ אַן אויסטראַכטונג — מעג זײַן עס איז אַן אמת,
די וועלט פוןווירקלעכקייט פאַרשווינדט, ווערט סודותדיק פאַרהילט,
אַ וואַלד גייט אויף געהיימנישפול, אַ ים ווערט גאָר אַ רמז
פון עפּעס אַ פאַנטאַסטישן פּייזאַזש — אַ חלום־בילד.

אַ נײַע וועלט גייט אויף אין ליד, זי קריגט אַן אַנדער זינען,
די גרויע, וואָכעדיקע וואָר ווערט דורכגעשײַנט, ווערט העל,
דער אומעט הייבט זיך אַן דורך וואָרט מיט פרײדיקייט פאַרשפּינען
און דו בלײַבסט שטיין אין טיר פון ליד, ווי אויף אַ וווּנדער־שוועל.

## דאָס וואָרט פון גלויביקייט

צעבלאָז דעם פונק פון גלויביקייט, וואָס וואַכט אין דיר — צעגלי אים!
און זאָל זײַן פלאַם דײַן וואָרט צעהעלן ווידער אויף דײַן צונג —
עס לעבט אין אונדז אין יעדערן דאָס וואָרט פון די נביאים
און ס'טליִעט טיף אין אונדז פאַרשטעלט פון גלויביקייט דער פונק.

אַזוי פאַרבאָרגן טיף אין אונדז לעבט עמעצער — אַ צווייטער,
וואָס פילט דעם גאַנג פון אייביקייט און טראָגט פון וואָרט דעם סוד,
און יעדע נאַכט גייט־אויף פאַר אונדז, קען זײַן גאָר, יעקבס לייטער,
נאָר מיר, מיר גייען אים פאַרבײַ מיט וואָכעדיקן טראָט.

## דאָס פּנים פון דעם דיכטער

אין פּאַליצעס אין הילצערנע נאָך וואַכט דער שאָרך פוןביימער,
אין צוגעמאַכטע ביכער רוישט דער מענטשלעכער געדאַנק,
דאָרט אָטעמט פון די ווערטער נאָך אַ כּוח אַ געהיימער
וואָס זינגט אַרויס, כאָטש האַרבסטיק שוין, פון מענטשנס גלוסט און דראַנג.

און ווי אין שטומען האַלץ, וואָס שוין פאַרשמירט מיט פּאָליטור איז,
לעבט ווײַטער נישט געזען דאָרט דעם בוימס אַמאָל אין וואַלד,
אַזוי לעבט אויך אין יעדן בוך, אין אַלע ווערטער, שורות
דאָס פּנים פון דעם דיכטער, זײַן פאַרהוילענע געשטאַלט.

# דאָס וואָרט

א

דאָס וואָרט האָט יונגערהייט מיך מיט דער גאַנצער וועלט פאַראייניקט,
די וועלט פאַר מיר וואָלט אָן דעם וואָרט מיר אויסגעוויזן פּוסט,
די וועלט אַליין, איר שיינקייט וואָלט געווען פאַר מיר ווייניק —
ס'האָט אַלץ געזוכט אַ וואָרט אין מיר — די בענקשאַפט און די גלוסט.

אַזוי וואָלט אָן אַ וואָרט די שענסטע וואָר מיר נישט באַגנוגנט,
נאָר דורך אַ וואָרט האָט אויסגעזען די וועלט מיר דעמאָלט שיין —
ס'קען זייַן, דאָס טראָג איך איצט נאָך אום דעם פּישוף פון מייַן יוגנט,
וואָס קען נאָך אַלץ נישט אָן אַ וואָרט די וועלט, די וואָר פאַרשטיין.

ב

מייַן בלוט איז שטענדיק פול מיט קלאַנג פון ווערטער און פון שורות,
מייַן בלוט איז שטענדיק איבערפילט מיט זיסקייט פון אַ ליד —
איך קען נישט שטיין אַנטציקט און זען ווי פּרעכטיק די נאַטור איז
אַז ס'זאָל אַ וואָרט נישט אויפזינגען אין בלוט, אין מייַן געמיט.

ווייַל ערשט נאָר דורך אַ וואָרט הייב איך אָן אויף אָן אמת שפּירן
דעם שייכות פון דער וועלט מיט מיר, די שיינקייט פון נאַטור,
דעם ריח פון די בלומען און די שפּיל פון די קאָלירן —
ווייַל נאָר אַדורך דעם וואָרט פאַרבלייַבט פון זיי אין מיר אַ שפּור.

ג

אין מייַנע בלוטן וואַכן נאָך פאַרשטעלטע יצר־הרעס,
זיי קרייַזן אום מיט זעונגען פון גלוסטונג און פון מאָרד,
דאָרט קאָכט און זידט די אורוועלט נאָך, ווו גרויזאַם, ווילד די וואָר איז,
נאָר לייזט זיך אויף און קריגט אַ תיקון פלוצלונג אין מייַן וואָרט.

ס'קען זייַן, דאָס ליגן ביידע זיי אין מיר פאַרשטעקט, פאַרשלעפּערט —
דער כאַאָס נאָך וואָס עכאָט אָפּ מיט קין'ס מאָרד און גוואַלט
און אויך דאָס וואָרט — דאָס בראשיתדיקע וואָרט פון דעם באַשעפער,
וואָס האָט די וועלט געפורמט און געגעבן זי געשטאַלט.

## מיט מײַן וואָרט

כ'האָב אַלץ, וואָס איז אַן אויסדאַכט נאָר — אין ליד בײַ מיר פֿאַראַמתט
און וואָס געווען איז חלום איז אין וואָרט געוואָרן וואָר,
און אַלץ, וואָס האָט געגעפּלט ווי אַן אָנדײַט נאָר, אַ רמז,
געפּרוּווט האָב איך אַרויסברענגען מיט ווערטער-בילדער קלאָר.

דעם ווירבלענדיקן כאַאָס און דעם ליאַרעמדיקן שטורעם,
די אומרו-וועלט, וואָס וויל דעם צאַם אַדורכברעכן מיט גוואַלד
האָב איך אין ליד געפֿאַנגען און דורך מײַן באַריר געפֿורעמט,
און מיט מײַן וואָרט געגעבן זיי אַן אויסזען, אַ געשטאַלט.

## צווישן וואָר און טרוים

אַט בין איך מיט התפּעלות פֿול און אַט בין איך גאָר ניכטער,
אַ גאַנצן לעבן אַט אַזוי אין וואָרט און אין געמיט —
אַ צווייִיקער, זיך ראַנגלענדיקער, צאַפּלענדיקער דיכטער,
וואָס טראָגט אַרוים זײַן ראַנגלען זיך, אַנטפּלעקט אַדורך זײַן ליד.

כ'בין פֿול מיט אויסדאַכט און מיט טרוים, נאָר ניכטער מײַן געדאַנק הערט
און קערעוועט מײַן וואָרט, און האַלט אים שׂכלדיק געצוימט,
און כאָטש אַזוי זעט אויס מײַן ליד ווי צו דער וואָר פֿאַראַנקערט,
נאָר אויף אַן אמת שוועבט מײַן ליד און פֿלאַטערט אום פֿאַרטרוימט.

## דײַן ליד איז אויך אַ וועלטאַל

ס'האָט אַלץ אין וועלטאַל מאָס און וואָג, דער סאַמער שטילסטער הילך
וועגט,
דײַן קרעכין, דײַן וואָרט האָט אויך אַ וואָג, עס וועגט אויך דײַן געפֿיל —
דײַן ליד איז אויך אַ וועלטאַל דורכגעשטערנט, דורכגעמילכוועגט
און פּונקט ווי דער באַשעפֿער האָט דער דיכטער אויך אַ ציל.

אַזוי גייט אויף צעהעלט דאָס ליד מיט וועלטן דורכגעווערטערט,
ווו יעדעם וואָרט צעניגונט קרײַזט און האָט זײַן וואָג, זײַן אָרט,
און ווען דײַן אויער צו דעם ניגון בענקענדיק פֿאַרהערט ווערט,
דערפֿילסטו ערשט ווי ס'פּרעסט אויף דיר מיט וועלטן שווער אַ וואָרט.

## עס זינגט אין מיר דער חומש נאָך

איך בין אַוועק אויף יענעם וועג — דעם וועג פון שרײַבן לידער,
פון וואַנען ס׳איז נישטאָ שוין מער קיין אומקער, קיין צוריק.
מײַן קינדער־וועלט, די פרומע וועלט פון חומש און פון סידור,
פאַרשוווּמען איז מיט אותיות פאַרמעקטע פאַר מײַן בליק.

איצט זענען מײַנע לידער נאָר דער עכאָ פון מײַן שטומקייט,
פאַרדישעט איז מײַן שטימע אין אַ פרעמדער וועלט פון גרויל,
נאָר ס׳העלט אין מיר פון סידור נאָך מײַן קינדערש־ווײַטע פרומקייט
און ס׳זינגט אין מיר דער חומש נאָך אַ ליכטיקער אין מויל.

## ווערטער

כ׳האָב אַלע ווערטער מײַנע בײַ דער וועלט זיי אויסגעליִען —
דאָס האָב איך מיט מײַן אינערלעכן אויער זיי דערהערט,
די ווערטער וואָס עס האָט פאַר פרייד זיי עמעץ אויסגעשריִען,
צי עמעץ האָט פאַרלאָרן זיי גאָר קלאָגנדיק, פאַרטרערט.

און ווערטער פול מיט ספק, נישט דערזאָגט און אויסגעשטאַמלט,
און ווערטער אויסגעקרעכצטע אין דער עלנט פון דער נאַכט —
איך האָב די ווערטער אַלע זיי פאַרנומען און געזאַמלט,
און שפּעטער זיי אין ליד פאַרנאַרט, און זיי צו אײַך געבראַכט.

# אויף יענער זייט

## אויף יענער זײַט פון זאַכן

אויף יענער זײַט זײַן פון די זאַכן דאָרט ווערן גאָר אַנדערש די מאָסן,
דאָרט ווערן פון ווײַטקייטן — נאָענטן, דאָרט ווערן די גרויסן גאָר קליין,
דאָרט קומען צונויף זיך די וועגן און ס'ווערן די קרײַזן געשלאָסן
און איבער זיי אַלע דאָרט דויערט די געטלעכע חכמה אַליין.

נאָר איך, וואָס מײַן זײַן איז אַ רגע, אַ ווײַל בלויז, אַן אויגנבליק־צאַפּל,
לגבי דעם שטראַל וועלכער יאָגט זיך מיליאָניקע ליכטיאָר צו מיר,
איך טראָג אין מײַן האַרצן אַ וווּנדער, וואָס זינגט דורך דער נאַכט פון מײַן אַפּל —
די שירה פון געטלעכער חכמה, וואָס העלט בײַ דער שוועל פון מײַן טיר.

## אין יענער שעה

עס טרעפט, די טיר צו יענער זײַט שטייט אָפן אין אָוונט אָפן,
צו יענער זײַט, וווּ אַלץ מיט סוד פאַרהוילן איז, פאַרהילט,
וווּ ס'קומען זיך צונויף געהיים די אָנהייבס און די סופן,
וווּ אַלע גלוסטן ווערן אויס, זיי לעשן זיך פאַרשטילט.

אין יענער שעה פאַרנעמסטו אַלץ, ווי מיט אַ דריטן אויער —
דערהערסט דײַן אייגן קול, גאָר ווי צום ערשטן מאָל אַליין.
דײַן קול, וואָס איז אין רויש פון טאָג, דורך וואָכנדיקן דויער,
געלעגן שטום באַהאַלטן וווּ, פאַרשטעקט אין דײַן געביין.

## ווּ איז ער איצט?

דאָס טעלעוויזיע-פּענצטערל האָט פּלוצלונג זיך פאַרלאָשן,
פאַרגאַפּט אַ קליינטשיק מיידעלע פאַרחידושט זיצט און טראַכט:
אָט איז אַ מענטש געווען דאָך, האָט גערעדט און איז נישטאָ שוין —
ווּ איז ער איצט? ווי אײַנגעשלונגען וואָלט אים דאָרט די נאַכט.

זי וויל פאַרשטיין: ווּ זענען זיי, די מענטשן און די שטימען?
נאָר ס׳שווײַגט דאָס טעלעוויזיע-פּענצטער, ס׳גלאָציקט שטום און בלינד.
און איך, בײַם פּענצטער פון דער וועלט, וואַרט אויך אַלץ אויף אַ סימן —
אַ מענטש געלעבט האָט און איז טויט, ווּ איז דער מענטש אַצינד?!

## די ווײַל פון שאַפן

דו ווערסט פון דײַנע ווערטער אָפּט אַליין באַרוישט, פאַרשיכּורט,
דיר דאַכט, אַז אין דײַן וואָרט פאַרבלײַבט דײַן אייביקייט, דײַן רום,
נאָר אויף אַן אמת איז די ווײַל פון שאַפן גאָר דער עיקר,
כאָטש מעג זי קורץ זײַן און דערנאָך דיך איבערלאָזן שטום.

ווײַל דורך דער ווײַל פון שאַפן, פון התגלות, וואָס איז געטלעך,
דערפילסטו עפּעס מערער, ווי אַנטפּלעקט וואָלט זיך דיר דאָרט —
דאָס דו ביסט אייביק, נישט די ווערטער אויף די ביכער-בלעטלעך,
אַז אומשטערבלעך ביסטו — דײַן גײַסט, און נישט דאָס
שענסטע וואָרט.

## אויף יענער זײַט

מיר דאַכט, איך זע די וועלט ווי דורך אַ פאַרביקער מאָזאַיִק
פון אַ וויטראַזש, ווּ אַלץ גייט-אויף קאַלירפול, העל צעשטראַלט.
ס׳קען זײַן, אַז דאָרט, אויף יענער זײַט, גאָר גרויט אַ הימל בלײַיִק,
דאָרט טונקלט זיך אַ דרויסן האַרבסטיק-נעפּלדיק און קאַלט.

נאָר אין מײַן וועלט דאָ, ווּ איך בלאָנדזשע איינזאַם און פאַרשטויסן,
קוקט יענע זײַט אַרײַן צו מיר אַ פאַרביקע צעהעלט,
כאָטש וואָס איז אויף אַן אמת דאָרט, אויף יענער זײַט, אין דרויסן,
דאָס ווייס איך נישט — ס׳האָט דער וויטראַזש מיט פאַרבן אַלץ
פאַרשטעלט.

## חלומות

אַדורך חלומות קום איך צו מײַן לעבנס־אָנהייב ווידער,
איך קער זיך אום דורך זיי צו מײַן פאַרגאַנגענהייט צוריק,
ווי כ׳וואָלט דורך זיי אין טיף גאָר פון יאָרטויזנטער געגנידערט
אויף יענער זײַט פון מײַן געבורט, צום ערב פון מײַן וויג.

אַהין דאָרט צו דער ערשטער ווײַל, ווו ס׳הייבט זיך אָן דאָס לעבן,
צו יענע ערשטע דורות פון דעם טונקעלן אַמאָל
און אין מײַן חלום הייב איך אָן מיט זיי זיך צו פאַרוועבן,
און ס׳ווערט מײַן גאַנג דאָן — זייער גאַנג, מײַן קול ווערט — זייער קול.

## ערגעץ־ווו צווישן

אין שלאָף אַפילו פיל איך אויך וואָס ס׳טוט זיך אַלץ אַרום מיר —
ס׳מעג חלומען זיך דעמאָלט מיר: עס שנייט, עס איז אַ קעלט,
נאָר מיט אַ זעקסטן חוש איך פיל — אַז אויף דער וואָר איז זומער,
אַז ס׳איז די נאַכט גאָר וואַרעם איצט און שטערנדיק צעהעלט.

אַ קראַפט אַזאַ, וואָס לאָזט מײַן וואָר מיט טרוים זיך נישט פאַרמישן,
אַ קראַפט, וואָס צווינגט מיך זען די וועלט אַ נישט־פאַרשטעלטע, קלאָר,
און כ׳ווייס נאָך אַלץ נישט ווו געהער איך — ערגעץ־ווו צווישן
דעם חלום־לאַנד דעם אויסגעדאַכטן און דער גרויער וואָר.

## אין לאַנד פון פאַרלאָרענע זאַכן

אין לאַנד פון פאַרלאָרענע זאַכן,
אין גאַס פון פאַרגעסענע רייד —
דאָרט שטויבן פון הונדערטער שפּראַכן
די ווערטער פון אומעט און פרייד.

דאָרט וואַלגערט זיך ערגעץ מײַן וויגל,
מײַן קינדעריש־פאַרגעסענער בליק.
און ס׳וויינט אין צעבראָכענעם שפּיגל
אַ שמייכל פון פלומרשטן גליק.

## אין מײַנע נעכט

ס'איז גוט, וואָס מיר באַשערט געווען איז אויף דער וועלט צו לעבן,
די וועלט אַדורכגײן, אַלץ צו זען, באַנעמען און פאַרשטײן,
כאָטש אויף אַ ווײַל נאָר, און זיך שפּעטער אויף דאָס נײַ פאַרוועבן
מיט יענער שטומער טונקלקייט, מיט נאַכט פון שטויב און שטיין.

ס'איז גוט, וואָס פון דעם בלינדן רוים, פון דעם אומענדלעך-גרויסן,
פון אין-סוף האָב איך אויפגעטויכט צו קענען שטאָלץ און דרײַסט
אַרויפקוקן אין מײַנע נעכט צום שטערנדיקן דרויסן
און פילן ווי מײַן לײַב ווערט אין התגלות פלוצלונג גײַסט.

## דער גאַנצער וועלטאַל לעבט אין מיר

איך בין דעם וועלטאַלס אָפּשפּיגלונג — דער קאָסמאָס אין זײַן קלײנקייט,
עם קרײַזן אום אין מיר גאַלאַקסעס, וועלטן ווי אין רוים.
אין מיר איז ווי אין קאָסמאָס דאָ זײַן אין-סוף און זײַן שײנקייט,
איך בין זײַן לעבעדיקע וואָר, נאָך מער — איך בין זײַן טרוים.

דער גאַנצער וועלטאַל לעבט אין מיר, איך בין זײַן טאָפּל-גײער.
מײַן שׂכל, מײַן געפיל ציט-צו, שטראַלט אוים פון זיך אַ ליכט.
מיט מײַנם אַ וואָרט רײַס איך אַראָפּ פון טונקלקייט דעם שלײער
און דורך מײַן וואָרט מיט גאָטס געשטאַלט גײט אויף דאָן מײַן געזיכט.

## ס'קען זײַן

ס'קען זײַן, איך וועל אַ מאָל גאָר צו אַן אַנדער וועלט געהערן —
אַ וועלט אַ טויטע, וואָס איך ווײס נישט איצט איר זין, איר מײַן.
איך וועל אַ ליכטשטראַל אפשר ווערן פון אַ ווײַטן שטערן,
צי אפשר אויף דער ערד דאָ גאָר אַ גליווערדיקער שטײן.

נאָר איך וועל זײַן און וועל אַדורך מײַן שטומקייט דעמאָלט הערן
דורך לײדיקייט דורך קאָסמישער מײַן לאַנג-פאַרהילכטן קול,
אַ ליכטשטראַל, וואָס טראָגט אום אין זיך דעם גלי פון הייסע טרערן,
אַ שטײן, וואָס שווײַגט אוים ווײטיקלעך זײַן מענטשלעכן אַמאָל.

## ס׳ווערט נישט פאַרפאַלן גאָרנישט

ס׳קען זײַן, דאָס וואָרט, וואָס דו רעדסט אויס, בלײַבט אייביק אין דער לופט,
ס׳בלײַבט אייביק שוועבן אין דעם רוים דײַן בליק און דײַן באַגער.
עס טרעפט בײַ נאַכט, דו הערסט אַ מאָל דורך ווײַטקייטן מען רופט —
אַ וואָרט פון טויזנט יאָר צוריק גייט אויף און בעט זיך: הער! —

ס׳ווערט נישט פאַרפאַלן גאָרנישט — ניין! ס׳בלײַבט איבער יעדער ריר.
ס׳איז דאָ אַ האַנט, וואָס נעמט צעניפֿ, אַן אויג וואָס ציילט, וואָס וואַכט.
מײַן וואָרט, קען זײַן, מײַן ציטער־קול, וועט אויך דערגיין צו דיר,
דו, מענטש, פון טויזנט יאָר אַרום, אין דײַן צעבלויטער נאַכט.

## מײַן כּישוף־שפּראַך

איך האָב פאַרבלאָנדזשעט צו מײַן לעבן על פּי טעות
פון ערגעץ גאָר אַן אַנדער אומבאַקאַנטער וועלט.
איך טראָג נאָך ווערטער אום, וואָס קלינגען ווי השבעות,
אַ כּישוף־שפּראַך, וואָס זינגט אין מיר געהיים צעהעלט.

און כאָטש איך רייד צו אײַך פון ליידן און פון זאָרגן,
און כאָטש איך זינג פאַר אײַך, איך פריי זיך און איך לאַך, —
נאָר שטילערהייט, געהיים, פאַר אַלעמען פאַרבאָרגן
רייד איך צו זיך אַליין גאָר אויף אַן אַנדער שפּראַך.

## די שטומע וועלט

ס׳איז גוט צו ליגן פויל און שטיל. דורך רויש פון גאַסן־קולות
פאַרנעמען גאָר אַ וועלט, וואָס האָט אין גאַנצן נישט קיין קול,
אַ שווײַגנדיקע וועלט, וואָס פונקט ווי דו איצט שטום און פויל איז,
וואָס פונקט ווי דו פאַרגליווערט ליגט, פאַרמאַכט ווי אין אַ שאָל.

און דורך דײַן שווײַגן ערשט פאַרנעמען ווי גאָר דײַן געדאַנק הערט
פון אָט דער וועלט דער שטומער איר געשריי און איר געוויין,
ווײַל דו אַליין נישט ווייסנדיק ביסט אויך אין איר פאַראַנקערט
און טראָגסט פון שטומער וועלט דעם קול פאַרשטעקט אין דײַן געביין.

## דעם איינזאַמענס געוויין

איך וואַרט נאָך אַלץ אויף ניסים, אויף די אויסטערלישע וווּנדער,
כ׳בין אַלץ פאַרליבט אין זיי נאָך אַט ווי קינדווייַז, ווי אַ מאָל.
איך לעב נאָך אין אַ ווייַטן, אַ פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט,
ווו ס׳האָבן מענטשן דעמאָלט אויף דער וואָר געהערט גאָטס קול.

און כאָטש אַרום מיר איצטער רוישט די שטאָט מיט גאַסן ברויזנד,
וואָס טראָגן זיך פאַרנאַכטיקע מיט ליאַרעם און מיט האַסט,
לעב איך נאָך אַלץ גאָר ערגעץ אין אַן אַנדערן יאָרטויזנט,
ווו ס׳קומען נאָך מלאכים אַלץ צוגיין צו אונדז צו גאַסט.

## די לעצטע אַנטפּלעקונג

מיר דאַכט זיך, אַז קינדווייַז איז יעדער אַ נביא,
ס׳איז יעדער אַ זעער ווען ער איז אַ קינד —
ס׳אַנטפּלעקט זיך פאַר אים דאַן די מעשה־מרכבה,
וואָס גיט אַ באַווייַז זיך און גלייַך אַ פאַרשווינד.

ס׳איז יעדן פון אונדז דאָך געגעבן די ווייַלע,
מיר טראָגן דערנאָך זי פאַרבאָרגן אין בלוט.
ביז קומען וועט ווידער די זעונג של מעלה —
די לעצטע אַנטפּלעקונג, אין לעצטער מינוט.

## איך וואַרט נאָך אַלץ

ס׳קען זייַן, אַ מאָל בין איך אַדורך דער אייביקייט געפלויגן
אַ פּיטשעמאָנטשיק שטויבעלע פון ערשטיקן באַשאַף.
דאָס שטויבעלע האָט איצטער שוין אַ פּאָר פאַרטרוימטע אויגן,
וואָס קוקן אַן די גרויסע וועלט צעזונגען און פאַרגאַפט.

ס׳קען זייַן, די וועלט קוקט אויך מיך אַן, דאָס שטויבעלע, פאַרוווּנדערט,
וואָס האָט אַ מאָל געטראָגן דורך דעם אין־סוף זיך אַליין,
איצט גייט ער אויך אָט דאָ אַרום אַ פרעמדער אָפּגעזונדערט
און טראָגט אין זייַנע לידער אום דעם איינזאַמענס געוויין.

# דער שטיין

א

דער אַלטער גרויער פעלדזנשטיין ליגט שטום לעם מיר אַנטשוויגן.
ער ליגט אַזוי ווער ווייסט ווי לאַנג — יאָרטויזנטער צו מאָל.
און ס'דאַכט זיך מיר, פון שטויב אַרויס אַ נישט-געהערטער ניגון
הייבט פלוצלונג אָן פאַרבינדן אונדז מיט נישט-געהערטן קול.

איך פיל, מיר ווערן איינס, דאָס ווער איך איצט זײַן אויג, זײַן אויער —
דאָס זעט ער איצט די וועלט דורך מיר, ער טראַכט דורך מײַן געביין
און איך דורך אים דערפיל אין זיך אַ ווײַטן, שטומען טרויער
פון דעמאָלט נאָך ווען איך אַליין בין אויך געווען אַ שטיין.

ב

עס וויל דער שטיין, אַז אויך זײַן קול פון שטומקייט זאָל פאַרבלײַבן,
ער וויטיקט מיט זײַן גליווער אין אַ וועלט, וואָס הויערט בלינד,
ער פרוווט זײַן ווײ אין זאַמד מיט קריץ מיט פעלדזיקן פאַרשרײַבן
און ס'טראָגט זײַן שטומען קרעכץ אַרום דער פלאַטער פון דעם ווינט.

און טרעפט בײַ נאַכט, איך הער די שטילקייט הייבט אָן פלוצלונג ברומען,
עס וואַקסט דער ברום, ווי ס'וואָלט די שטילקייט זיך צעקלאָגט אין נאַכט.
איך ווייס — דאָס קלאָגט דער שטיין, איך הער זײַן פלאַטער-קרעכץ
דעם שטומען,
וואָס ס'האָט אין שפּעטקייט פון דער נאַכט דער ווינט צו מיר געבראַכט.

ג

עס דרעמלען ערגעץ טיף אין מיר באַהאַלטענע געפילן,
וואָס זענען ווי די שטיינער שטום און ווי די זאַמדן בלינד.
איך בין אַ מאָל אַליין געווען דאָך זאַמד און פלעג זיך שפּילן
מיט כוואַליעס אויף דעם ברעג פון ים, מיט פלאַטער פון דעם ווינט.

איצט רוישט נאָך אַלץ דער ים אין מיר און שקיעה-וואָלקנס שוועבן,
און שטורעם-ווינטן קרײַזן אום אין נאַכט פון מײַן געביין.
דאָס האָט מען מיר באַפוילן דאָך — בין איך געוואָרן לעבן,
נאָר ס'וויינט אין מיר און ס'זינגט אין מיר די שטומקייט פון דעם שטיין.

## אַן איינציקע רגע

אַן איינציקע רגע — דורך טויזנטער, הונדערטער טויזנטער רגעס —
זי ליגט אין זיכּרון אין מײַנעם פאַרבאָרגן, פאַררוקט אויף דער דעק —
אַן איינציקע ווײַל וואָס פאַרשאָטן פון נעכט און אומצאָליקע טעג איז,
זי דרעמלט פאַרגעסן, פאַרהוילן — אַ גרויער פאַרלאָשענער פלעק.

נאָר טרעפט, אַז די רגע דערוואַכט גאָר, זי גייט אויף בײַ מיר אין זיכּרון —
פון לאַנג שוין פאַרלאָרענער קינדהייט די רגע זי טויכט אויף צעהעלט,
אַן אויגנבליק-זעונג געצונדן, זי רײַסט זיך דורך טעג און יאָרן,
און לויפט מיר פאַרחידושט אַנטקעגן — מײַן ערשטע אַנטפּלעקונג
פון וועלט.

## ווי אַלץ איז אַנדערש גאָר

ס׳מוז ערגעץ זײַן אַ צײַט, וואָס גייט נישט לויטן זייגער,
ווו ווײַזערס ווײַזן נישט פון דעם מעת-לעת דעם גאַנג,
ווו זאַכן פירן זיך נישט לויטן אַלטן שטייגער,
ווו אַלץ איז אַנדערש גאָר — אַ יעדע פאַרב און קלאַנג.

ווו אַלץ, וואָס איז געווען בײַ אונדז אַ מאָל באַוועגלעך,
וועט דאָרטן גאָר פאַרקערט, פאַרגליווערט בלײַבן שטיין,
און וואָס בײַ אונדז געווען אַ מאָל איז גרוי, טאָגטעגלעך,
וועט דאָרטן ערשט גאָר אויפגיין וווּנדערלעך און שיין.

## איבערחזרונג

דו הער זיך צו באַגינען צו דעם פאַלנדיקן רעגן —
ער קומט אַראָפּ פון הויכקייטן און קלאַפּט בײַ דיר אין שויב.
ער גייט צו דיר, ער קומט צו דיר דורך ווינטיק-ווײַטע וועגן
צו בלײַבן שפּעטער ליגן אונטן אויף דעם ברוק, אין שטויב.

ער וויל אַ סוד פאַרטרויען דיר און קלאַפּט אין שויב צוקאָפּנס:
פון גורל-איבערחזרונג — דעם מוראדיקן סוד
פון פאַלן אויף דער ערד און ווידער אויפגיין — ווערן טראָפּנס
אין אומקרײַז דעם אומאויפהערלעכן פון דעם גורל-ראָד.

## אויף שפּיצן פינגער

אויף שפּיצן פינגער טראָג איך אום פון וועלט די דינסטע שפּירונג,
פון אַלץ, וואָס ליגט נאָך נישט אַנטפּלעקט, מיט טונקלקייט פאַרהילט.
אַזוי מיט אויגן צוגעמאַכט, בלויז מיט מײַן האַנט-באַרירונג,
גייט אויף די גאַנצע וועלט אין מיר מיט קלאַנגען און מיט בילד.

דורך אַלע אברים גייט זי אויף — אַדורך מײַן לײַב, מײַן פּנים,
דורך דעם באַריר אַליין גייט אויף אַלץ אין מײַן בלוט צעהעלט,
און כ׳טראָג אויף שפּיצן פינגער אום געהיים די וועלט-סימנים
וואָס ליגן פאַר מײַן אויג און אויער שטאַנדיק פאַרשטעלט.

## דעם סוד פון וועלט

דאָס האָב איך נישט מיט מײַן פאַרשטאַנד דעם סוד פון וועלט געלערנט,
נאָר מיט אַ חוש אַ זעקסטן האָב איך זי געזען, געהערט:
דאָס האָב איך מיט מײַן לײַב געפילט דעם הימל אויסגעשטערנט,
דעם צאַפּל פון אַ מערישקע, וואָס קריכט אום אויף דער ערד.

דער שׂכל נאָר פאַרטײַטשט האָט מיר די שפּירונג פון די חושים,
מײַן אַנונג ווי פאַרענטפערט מיר, געמאַכט פאַר מיר עס קלאָר,
אַ יעדן סוד אַנטפּלעקטן, נאָר ווי אָנגעטאָן אַ לבוש אים
מיט ווערטער פון טאָגטעגלעכקייט, מיט בילדער פון דער וואָר.

## אַ וועלט נאָך נישט געבוירן

איך צינד נישט אָן קיין ליכט, כאָטש ס׳איז שוין זייער שפּעט אין אָונט,
איך זיץ אין בלייכן טונקל צו דעם ראַדיאָ-קלאַנג פאַרהערט.
אויף ציטער-כוואַליעס שווימט צו מיר דורך ווײַטקייטן בעטהאָווען
מיט פידל-טענער, מיט קלאַוויר אין שטורעם פון קאָנצערט.

איך זיץ מיט אויגן צוגעמאַכטע, שטיל, אַ ווײַט-פאַרהערטער,
אַ וועלט נאָך נישט-געבוירן שרײַט אין עכאָ פון אַקאָרד,
אַן ערב-וועלט, וואָס ליגט נאָך אויף דער אַנדער זײַט פון ווערטער,
ווען ס׳האָט נאָך גאָט נישט אויסגעטראַכט פון וועלטבאַשאַף דאָס וואָרט.

## איצט האָבן מיר באַגעגנט זיך

אַ שטערן ווינקט — ער רופט צו מיר דורך ווײַטער ווײַטקייט: — זע מיך!
קוק אָן מיך, מענטש, פאַרנעם מיך איצט, כ׳וואַרט דורות אויף דײַן בליק!
זײַן בלייכע שײַן זינגט אויס אין מיר אַ וווּנדערלעכן זמר,
וואָס האָט געוווּשט אין מיר אַ מאָל — יאָרטויזנטער צוריק.

וואָס האָט אַ מאָל דורך ביידן אונדז מיט גלי אַדורכגעוויטערט
אין ערשטן טאָג, ווען ס׳האָט גאָטס וואָרט צעשטראָמט מיט
בראשית-ליכט.
איצט האָבן מיר באַגעגנט זיך — מײַן האַרץ פאַרצאַפּלט ציטערט
און ס׳ציטערט אויך דער שטערן דאָרט פאַרבענקט נאָך מײַן געזיכט.

## אַ האַרבסטיקער ניגון

איך גיי, עס שאָרכן אונטער מיר די פאַלנדיקע בלעטער,
די נאַכט איז פול מיט ווינט, מיט ציטער-אָפּשײַנען פון ליכט.
אַ שאָטן שפּרינגט אַרויס און גיט אַריבער מיר אַ קלעטער,
דער ווינט לויפט אָן און שלינגט אים אײַן, דעם שאָטן, אומגעריכט.

איך גיי, מיר דאַכט, די בלעטער שאָרכן-אויס געהיים אַ ניגון,
וואָס גיסט צונויף דעם שאָטן דעם צעטאַנצטן אין דער נאַכט
מיט מײַנע טריט — אַ ניגון אַ צעפּלאַטערטן, נישט היגן,
וואָס ס׳האָט דער ווינט דער האַרבסטיקער פון סודות-לאַנד געבראַכט.

## צווישן טאָג און נאַכט

ס׳איז דאָ אַ דרעמל, ווי אַ שטייענדיקער פלאַכער וואַסער —
דו ביסט נישט טיף אין שלאָף און ביסט נישט אויבן אויף דער וואָך.
דער הימל הענגט אויף דיר אַראָפּ אַ נידעריקער, בלאַסער
און דו ביסט ווי אין דעמער ווו, צווישן טאָג און נאַכט.

און דײַן געדאַנק איז ווי אַ שיף אָן זעגלען, אָן אַ רודער,
וואָס טונקלט אין דעם נעפּל זיך גרוי-שאָטנדיק, נישט קלאָר.
דו דרעמלסט — כוואַליעס גליווערן, קיין רויש נישט, קיין גערודער —
און דײַן געדאַנק גרויט דעמערדיק צווישן טרוים און וואָר.

## אויסדאַכט

איך זיץ בײַ דער נאַכט אין מײַן צימער און פלוצלונג פאַרנעם איך אַ ניגון,
ער גייט־אויף פון ערגעץ און ציט זיך אין צימער צו מיר נאָך אַנאַנד.
מיר דאַכט זיך, אין נאַכטיקער שפעטקייט גייט עמעץ מיט אים אויף די שטיגן,
מיט טריט ווי צום טאַקט דאָרטן גייט ער אויף יענער זײַט נאַכטיקער וואַנט.

דעם ניגון האָב איך שוין געהערט ווו און כ'האָב אים מסתמא פאַרגעסן,
ער ליגט אין מיר ערגעץ באַהאַלטן און קלינגט אַזוי מאָדנע באַקאַנט.
ס'קען זײַן נאַר, אַז דעמאָלט אין שטול דאָ איז עמעץ ווי איך איצט געזעסן,
און איך בין אויף טרעפ דאַן געגאַנגען, געזונגען אויף יענער זײַט וואַנט.

## אַזוי טרעפט

צי לעבט נישט דאָס קול פון געשטאָרבענעם מענטשן אין שטוב דײַנער, ווײַטער,
צי בלאָנדזשעט נישט אום נאָך זײַן בליק דאָרט פאַרחתמעט אין טינק פון די ווענט —
עס טרעפט, דו דערהערסט אָפט אַ שאָרך, וואָס דו ווייסט נישט אין שרעק וואָס באַטײַט ער,
ווי עמעץ וואָלט פלוצלונג פון טונקל מיט פליסטער צו דיר זיך געווענדט.

אַזוי טרעפט, דו לייענסט, דײַן אויג איז מיט ווערטער מיט פרעמדע פאַרנומען,
דו טראַכסט עפּעס נאָך אין דעם בוך דאָרט, נאָר פלוצלונג דערפילסטו אַ בליק,
וואָס איז דורך די ווענט, ווי פאַרהוילן, צו דיר אומגעריכט דאָ געקומען —
פון נעכטנס פאַרשוווּנדענע לאַנג שוין, געקומען צו גיין אויף צוריק.

## מיר דאַכט

ס׳ליגט ערגעץ הינטער מילכוועגן מײַן גורל אָנגעצייכנט,
ס׳קען זײַן, דאָרט איז פאַרויסגעזען שוין אַלץ — מײַן יעדער טראָט.
בײַ נאַכט קוק איך אַרויף צום הימל ווו די שטערן בלייכן,
זיי אָטעמען אויף מיר מיט קאַלטן, זילבערדיקן סוד.

מיר דאַכט, אַז עמעץ קוקט אויף מיר דורך שטערנדיקע שויבן,
דורך קאַלטע, בלויע שלייערן פון פערלדיקן ליכט,
ווי איך וואָלט אפשר זיך אַליין גאָר נאָכגעקוקט פון אויבן,
ווו אויף אַן אמת, כאָטש פאַרהוילן, בלייכט דאָרט מײַן געזיכט.

## מײַן ניגון

כ׳טראָג אַרום זיך מיט אַ ניגון. ערגעץ אײַל איך, ערגעץ גיי איך —
כ׳ווייס נישט אַלץ פון וואַנען קום איך, כ׳ווייס נישט אַלץ וווהין איך אײַל.
ס׳ליגט שוין אַלץ אין מיר פון פריִער — יעדע פאַרב און יעדער ריח,
ס׳זינגט אין מיר אַ יעדער קלאַנג אויף פונקט צו דער באַשטימטער ווײַל.

כ׳וועל פון אים שוין נישט אַנטלויפן, נישט אַנטרינען פון דעם ניגון,
ער איז מײַנער, שטענדיק מײַנער, ווי מײַן שמייכל, מײַן געוויין.
כ׳האָב אים אײַנגעזאַפּט אַ מאָל נאָך, ווען מײַן לײַב האָט נאָך געשוויגן,
ווען מײַן לײַב געווען איז שטויב נאָך — שטומער, גליווערדיקער שטיין.

## דער גרעסטער סוד

דו נעמסט אַן פון געוווינשאַפט שוין, אַז אַלץ איז דיר פאַרשטענדלעך,
אַ ניכטערער בײַ טאָג, דו חלומסט כּלומרשט נאָר אין שלאָף,
דיר גייט נישט אָן, צי איז דער וועלטאַל ענדלעך, צי אומענדלעך,
צי איז די צײַט אַן אייביקייט, צי האָט זי גאָר אַ סוף.

ס׳זעט אַלץ דיר אויס נאַטירלעך אין דעם גאַנג פון דײַן יאָרהונדערט —
דו רעדסט אין טעלעפאָן, עס ברענט עלעקטרע אין דײַן היים,
און ס׳פעלט דיר גאָר נישט אײַן, אַז דו אַליין ביסט דאָך אַ וווּנדער,
דער גרעסטער סוד אין וועלטאַל, כאָטש ס׳איז אַלצדינג דאָרט געהיים.

## צ ײַ ט

מיר ווייסן נישט וואָס צײַט איז, כאָטש מיר לעבן דאָך מיט דאַטעס —
געבורט און טויט, דאָס איז דער אייביק־גורלדיקער בײַט.
פאַרשפּאַרט, פאַרקלעמט מיר לעבן הינטער ציפערדיקע קראַטעס,
וואָס האַלטן אונדז געפאַנגען אין דער ענגער תּפיסה — צ ײַ ט.

געבורט און טויט — צונויפגעדריקטע צווישן ביידע ברעגעס,
פאַרקלעמטע דאָרט מיר רײַסן זיך און צאַפּלען פול מיט שרעק.
די צײַט זי פּענטעט אונדז מיט יאָרן, בינדט מיט שעהען, רגעס,
און מיר, געפאַנגען, ראַנגלען זיך און קענען נישט אַוועק.

## דער עפּילאָג

אין די קוליסן פון דעם וועלטאַל ווערט דאָרט אַלץ באַהאַלטן :
אַ יעדנס פרייד און יעדנס לייד, דאָס שטילסטע וואָרט און שטים,
און פון די אַלע העלדן, פון די הערלעכסטע געשטאַלטן
די פּנימער די א מ ת ע — אָן מאַסקעס שוין, אָן גרים.

אָט דאָרט, אין די קוליסן פון דעם מענטשלעכן ספּעקטאַקל,
וואַרט אָפּ אויף אונדז, אויף יעדערן, זײַן גורל־עפּילאָג,
ווו אָפּגעשלאָסן ענדלעך ווערט ענדגילטיק דער סך־הכּל,
וואָס ציט זיך נאָך פון אָדמען ביז אונדזער לעצטן טאָג.

## ווו אַלץ ווערט איינס

איך הער אין ליד גאָר אָפט דאָס בילד און זע דאָרט דאָס געהערטע,
ס׳ווערט קלאַנג און זעונג ווי באַהעפט, פאַרקניפּט אין מײַן געמיט.
כ׳הייב אָן די וועלט באַנעמען ווי מיט חושים גאָר פאַרקערטע —
און אָט אַזוי גייט־אויף די וועלט, אַנטפּלעקט בײַ מיר אין ליד.

אַזוי פאַרטווישט זיך אין מײַן שורה אויסטערליש מײַן שפּירונג,
ווען ניגון ווערט גאָר זעונג — בילד, און בילד ווערט ניגון — קלאַנג.
זיי ווערן ווי באַהעפט דורך דער געהיימער וואָרט־באַרירונג,
ווו אַלץ ווערט איינס — אַוו געפיל ווערט שׂכל און געדאַנק.

## אַ נישט־אַנטפּלעקטע וועלט

ס׳איז דאָ אַ וועלט, וואָס דו קענסט מיט דײַן שׂכל נישט באַנעמען,
זי ליגט פאַרשטעלט אויף יענער זײַט פון אונדזער אויסדאַכט־וואָר.
זי לאָזט זיך נישט אין ענגער ראַם פון דעם פאַרשטאַנד פאַרקלעמען,
כאָטש ס׳דאַכט זיך דיר, דו זעסט די וועלט דאָך שׂכלדיק און קלאָר.

אַ וועלט, וואָס דו קענסט פילן בלויז, וואָס מוזסט דײַן אָנונג גלויבן —
אַ נישט־אַנטפּלעקטע וועלט... אָט ווי דו זעסט, עס שווימט אַ שיף,
דו זעסט דאָך נאָר אַ טייל פון איר, די טייל, וואָס שווימט פון אויבן
און נישט איר צווייטע העלפט — איר דעק, וואָס שווימט אין וואַסער טיף.

## אַ וועלט גאָר פאַרקערט

אין וועלט פון געסדרטע זאַכן,
ווו וואָר נאָר האָט אָנזען און ווערט,
פּרוּוו איך מײַנע טירן פאַרמאַכן
און ס׳גייט־אויף אַ וועלט גאָר פאַרקערט.

אַ וועלט, ווו די וואָר איז קיין וואָר נישט,
וווווירקלעכקייט גיט זיך אַ לעש,
און אַלץ וואָס געזעזן איז גאָרנישט
ווערט פּלוצלונג אַן אמת, אַ יש.

## אויף יענער זײַט טיר

ווי קען איך דערקאָנען דאָס ווײַטע, אַז כ׳קען נישט דאָס נאָנטע דערקאָנען.
וואָס זענען די ווײַטקייטן ווײַטע, אַז כ׳ווייס נישט וואָס דאָ איז לעם מיר.
אַז ערגעץ־ווו אַנדערשן זאַכן — דאָס ווייס איך און קען זיך דערמאָנען,
ווײַל ערגעץ האָב איך זיי געטראָפן, געזען זיי אויף יענער זײַט טיר, —

אויף יענער זײַט טיר דער פאַרמאַכטער, וואָס האָט זיך פאַר מיר דאַן געעפנט
אין רגע פון העלער אַנטפּלעקונג — אַ נײַע פאַרהוילענע וועלט.
ס׳איז דאָ אַזאַ טיר אַ געהיימע און ווערסטו אין ערגעץ זי טרעפן,
וועט אויפגיין דער סוד פון די זאַכן, וואָס טונקלען פאַר דיר איצט פאַרשטעלט.

# מיר מיינען

א

מיר מיינען, אַז חלומות לעשן אויס זיך אין פרימאָרגן,
אַז זיי פאַרשווינדן ווען פון שלאָף מיר גיבן זיך אַ וועק,
נאָר אויף אַן אמת בלײַבן זיי אין אונדז אַליין פאַרבאָרגן,
זיי בלײַבן שוין אַ טייל פון אונדז ביז צו דעם סוף פון טעג.

ס׳קען זײַן, די וואָר איז נאַרנדיק, דער חלום איז גאָר וואָרער,
ער מאַכט אונדז זען די וועלט, נאָר מיר פאַרשטייען נישט זײַן מיין —
אונדז דאַכט זיך אויס נאָר, אַז מיר זעען אויף דער וואָך אַלץ קלאָרער,
נאָר אָן אַ חלום קענען מיר די וואָר גאָר נישט פאַרשטיין.

ב

עס ווערט קיין חלום קיין מאָל נישט בײַם אויפוואַכן פאַרענדיקט,
פאַרשטעקט ער ווארט אַ גאַנצן טאָג און קומט בײַ נאַכט צו גאַסט,
אַזוי זײַנען די מענטשן פון דעם חלום לעם אונדז שטענדיק —
זיי גייען אום אין שטוב בײַ אונדז, באַגלייטן אונדז אין גאַס.

מיר זעען זיי נישט וואַכע, כאָטש זיי זײַנען דאָ דערנעבן,
מיר טרעפן נאָר אויף ס׳נײַ זיך בײַ דער נאַכט אין חלום-וועלט,
ס׳קען זײַן, אַז טאַקע דאָרט ערשט לעבן מיר דאָס וואָרע לעבן
און אויף דער וואָך מיר גייען אום ווי זיי גאָר אויך פאַרשטעלט.

# זוניקע מאַטיוון

## מײַן יוגנט

דער הייסער אָטעם פון מײַן יוגנט ליגט נאָך אין מײַן וואָרט באַהאַלטן
ער פלאַטערט אום נאָך אין מײַן שטימע מיט דער בענקשאַפט צו
דער וועלט,
אָט ווי אַ מאָל נאָך, ווען ער האָט אין יונגן פרילינגטאָג צעשטראַלטן
די בלוטן מײַנע היים געצונדן און די ווערטער היים צעהעלט.

דער אומרו־אָטעם פון מײַן יוגנט טראָגט נאָך אום אין מײַנע ווערטער
די נישט־פאַרלאָשענע באַגערן היים צעהילכטע אין מײַן קול
און איך אַליין, איך שטיי פאַרפּישופּט, כ׳שטיי אַ פריידיקער־פאַרהערטער,
ווי ס׳זינגט נאָך אַלץ אין מיר מײַן יוגנט ווי אַ מאָל נאָך, ווי אַ מאָל.

## פאַרפרילינג

נאָך טונקלט זיך די שוואַרצע ערד מיט פרירנדיקער רויקייט,
אַ האַרטע ערד, וואָס וועקט זיך, יערט אין פלאַטער פון דעם ווינט,
וואָס רײַסט די וואָלקנס אויף און ווײַזט אַ בלייכע הימל־בלויקייט,
אַ זוניקייט אַ גאָלדענע, וואָס גליט־אויף און פאַרשווינדט.

אַ שפּיל פון ווינט מיט גאָלד און בלוי. אין צאַרטער אויסגעמישטקייט
עס מיניעט זיך די לופט, די ערד זי טײַעט און זי יערט,
און ס׳טראָגט דער ווינט אַרום די ערשטע שמעקנדיקע פרישקייט,
און ס׳שטייט אַ בוים אַ שוואַרצער נאָך אַ פריידיקער פאַרהערט.

## אַ פרילינגווינט

מיט בלוי מיט זוניקן לויפט אום דער פלאַטערווינט דער לינדער,
ער טראָגט אום אַ צעשטיפּטער ווײַטע ריחות פון אַ פעלד.
פון הינטער אים עס לויפן נאָך די קולות פון די קינדער
און בולקענדיקע וואַסער־ריטשקעס פרילינגדיק צעהעלט.

די וואַסער־ריטשקעס זינגען אויס דעם אומעטליד פון שנייען,
וואָס ס'האָט די זון צעשמאָלצן איצט און שטאַרבן אָפּ צעטריפט
און מישן מיט דעם צאַפּל זיך פון קינדערשע געשרייען,
וואָס פלאַטערן צעזוניקטע און זאָרגלאָז־העל צעשטיפּט.

## אַ פרילינגדיקער רעגן

אַ פרילינגליד געזונגען האָט פאַר מיר בײַ נאַכט דער רעגן,
געקלונגען אין די שויבן מיט אַ ציטערדיקן שטיף,
ווי ער וואָלט מיר פאַרטרויט פון זײַנס אַ זוניקן פאַרמעגן,
וואָס ער טראָגט אום פאַרבאָרגן אין זײַן טראָפּנדיקן טריף.

און אין דער פרי געלאָפן איז דער טאָג מיר שוין אַנטקעגן
מיט גאָלדענע קאָלוזשעס, זוניק־פינקלדיק צעגליט,
ווי ס'וואָלט פאַר מיר דער פרילינג־אוצר דאָרט אַנטפּלעקט געלעגן,
וואָס ס'האָט בײַ נאַכט דער רעגן־טריף פאַרטרויט מיר מיט זײַן ליד.

## כ'האָב ליב געהאַט

כ'האָב ליב געהאַט די וואָלצן פון די אַלטע קאַטערינקעס
מיט הייזעריקע טענער, פול מיט בענקענדיקער פרייד.
דער הייסער צאַפּל זייערער אי אומעטיק, אי פלינק איז
געלאָפן דורך מײַן געסל מיט אַ פרילינגזון באַגלייט.

די טענער פלעגן פריידיקע, צעשטיפט, צום טאַקט פון ניגון,
צערינצלען די קאָלוזשעס, מיט אַ יוגנטבלוי צעהעלט
און פלעגן שפּעט בײַ נאַכט מיט עכאָס זוניקע פאַרוויגן
מײַן קינדערש האַרץ מיט בענקשאַפט צו אַ ווײַטער, ווײַטער וועלט.

## די וואָר איז נישט קיין וואָר

חלומות אין דער נאַכט און זעונגען בײַ טאָג.
די וואָר איז נישט קיין וואָר — זי איז אַוועק צערונען.
און כ׳צאַפּל אין דער מיט — דאָס צינגל אין דער וואָג
מיט איבערפילטע שאָלן אויסגעדאַכטע זונען.

חלומות אויף דער וואָר און זעונגען בײַ טאָג
און שיכּור איז מײַן בלוט פון צו פיל שײַן און שטראַלן,
און כ׳צאַפּל אין דער מיט — דאָס צינגל פון אַ גלאָק
וואָס וויל אין גרויען רוים זיך יום־טובדיק צעשאַלן.

## די זון מישט אַלץ צונויף

די היץ שלאָגט אָפּ זיך פון דעם גרינס מיט בײַסיקע גערוכן,
עס שמעקט מיט בלעטער זוניקע, מיט גראָזן און מיט מינט.
די בינען זשומען, שמײַען אום, זיי נישטערן, זיי זוכן,
אַ פעטע פליג איז שטיין געבליבן גאָלדיק־דורכגעגרינט.

די זון מישט אַלץ צונויף דאָ מיט אַ ריח מיט אַ הארבן —
דעם טערפּקן דופט פון הייסער ערד, דעם שאַרפן אַראָמאַט
פון בלי — פון שפּעטע קנאָספּן אויפגעפּלאַצט מיט בלייכע פאַרבן
און מיט דעם ערשטן פויל־גערוך פון אַ פאַרוועלקטן בלאַט.

## כ׳האָב ליב דעם זומער

כ׳האָב ליב דעם זומער מיט די בליצן, מיט די שווערע דונערקנאַלן —
דעם אָוונט־הימל, ווען ער שפּאַלט זיך אין אַ פײַערדיקער שפּיל.
ווען ערשטע, גרויסע, שווערע טראָפּנס הייבן האַסטיק אָן צו פאַלן,
דער ווינט בלײַבט שטיין און אַלץ אַרום ווערט פּלוצלונג ווי פאַרגליווערט,
שטיל.

און נאָר די טראָפּנס פאַלן, פאַלן, ווי אַ פּויק וואַלט זיך צעפּײַקלט,
עס גיט אַ בליץ אַ קריץ דעם הימל, גיט אַ בלענד גרין און פאַרשווינדט.
און ווי צעליאַרעמט ס׳וואָלטן פּעסער זיך אין הימל שווער געקײַקלט —
עס לויפט אַ דונער און צעשיט זיך, הינטער אים לויפט שוין דער ווינט.

# אַ וואָרעם

די היץ איז גליִיק-דושנע, כאָטש די זון קוקט מאַט, פאַרכמורעט,
קיין ווינטל-פאָך, די גראָזן ליגן נידעריק און מיד.
דיביימער שטייען גרויע, אין אַלייען אויסגעשורהט,
די שאָטנס ליגן הייסע פון דער זון אַדורכגעגליט.

ס'איז שטיל — די פייגל האָבן אויך זיך פאַר דער היץ באַהאַלטן,
ווי ס'וואָלט די היץ אַ יעדן קלאַנג, אַ יעדע פאַרב פאַרצערט,
און נאָר פון גרונט דעם טרוקענעם דורך אויפגעפּלאַצטע שפּאַלטן
אַ וואָרעם קריכט אַרויס און שאַרט זיך אויף דער הייסער ערד.

# אַ וועווערקע

דער קילער בלוי פון הימל מישט זיך אוים מיט הייסער גרינקייט
פון ביימער רײַף-צעוואָקסענע, פאַרפלאָכטענע געדיכט.
אַ וועווערקע אַ קליינע שפּרינגט אויף צווײַגן אום מיט פלינקייט,
פאַרשיכּורט פון דעם בלוי און גרין, און בלענדיק-הייסן ליכט.

זי טאַנצט אוים אין דעם בלעטערפלעכט, אין טונקעלער פאַרהילטקייט,
דעם צאַפּלטאַנץ פון אייביקייט מיט יוגנטשפּרונג און יאָג,
וואָס זינגט פון איר מיט שטיפערישער, פריידיקער צעשפּילטקייט
אין אויסגעמיש פון בלוי און גרין אין זומערדיקן טאָג.

# אַ זומער-פייגעלע

די היץ האָט אַלץ פאַרשווענקט, מיט גאָלד מיט גליִיקן פאַרשוווּמען
די גאַנצע ערד, די ביימער מיט אַ גאָלדיקייט באַהויכט.
דער הימל האָט מיט הייסער בלויקייט אַלץ אַרומגענומען
און מיט איר אָפּשײַן דורכזיכטיק פאַרנעפּלט אַלץ, פאַררויכט.

די זון מאַכט מיד, די ביימער שטייען אָנגעהיצט, פאַרמאַטערט,
די בלעטער שמעקן ביטערלעך מיט טערפּקן אַראָמאַט
און נאָר אַ זומער-פייגעלע אין גרינעם שויבער פלאַטערט,
און בלײַבט אויך פלוצלונג שטיין אַ מידע אויף אַ מאַטן בלאַט.

## דער זומער־רעגן

דער זומער־רעגן איז אַדורך, דער ווינט מיט אַ ירגזון
אַוועק מיט דעם געוויטער איז, מיט לעצטן רעגנטריף.
אַ געלבלעכקייט אַ בראַנדזענע לייגט אויס זיך אויף די גראָזן,
אַ גאָלדיקייט פון טראָפּנס, פול מיט פינקלענדיקן שטיף.

ס׳ווערט פאַרנע־היים — אַ גלייִקייט איז פלוצלונג אויפגעשוואומען
פון פריילעכע קאַלוזשעלעך, וואָס שלאָגן אָפּ די היץ.
עס בלענדט די זון. די פליגן פליִען ווידער אום און זשומען,
און ערגעץ הילכט אַ דונער אָפּ — אין גאַנצן אָן אַ בליץ.

## דער פרילינג קומט

דער פרילינג קומט און איך דערפיל אַפילו דאָ אין שטאָט אים,
ווי ס׳וואָלט דאָס ווינטל אים פאַרהוילן דאָ צו מיר געבראַכט.
אַ בוים האָט אויך זיך אויפגעכאַפּט, ס׳קען זיין, דערפילט זיין אָטעם
און מיט די ברוינע צווייַגן זיך צעהעלט אין דעם פאַרנאַכט.

ווי ביידע וואָלטן מיר אין שטאָט דערפילט דעם פרילינג קומען,
און שטייען אויף דער גאָס דער קאַלטער פריידיקע פאַרהערט,
ווי איך וואָלט אין דעם רויש פון בלוט אים זינגענדיק פאַרנומען
און ער, דער בוים, מיט זייַנע זאַפּטן, טריפנדיק צעיערט.

## די ערשטע גרינקייט

די ערשטע גרינקייט שמעקט נאָך מיט דער דורכגעבלויטער קילקייט
פון שנייען אָפּגעטריפטע וואָס ס׳האָט אייַנגעזאַפּט די ערד.
זיי טראָגן דאָרט באַהאַלטן אום אַ דורכגעבלייכטע שטילקייט,
וואָס זינגט מיט ערשטן גרין אַרויס אַ ניגון קוים געהערט.

אַ דורכגעבלייכטע שטילקייט, וואָס גייט אויף דערנאָך אין בלעטער,
און רוישט צעברומט פאַנאַנדער זיך שוין זוניק־היים צעגליט,
אָט ווי די שטילקייט פון מייַן וואָרט, וואָס ווערט אַ שורה שפּעטער
און וואַקסט פאַנאַנדער זיך צערוישט אין וואַלד פון מייַנס אַ ליד.

## דער ריח פון זשאַסמין

דער הייסער ריח פון זשאַסמין פאַרנאַכט-צײַט זיס און שאַרף איז,
איך זיץ פאַרשיכּורט און מיר דאַכט דער בלויער הימל שפּילט —
דאָס שפּילן אויס די וואָלקנדלעך אַן אָוונטליד אויף האַרפעס,
ווי גאָלדענע מלאכימלעך אין ראָזער שײַן פאַרהילט.

דער טאָג גייט אויס און כאָטש די וועלט נאָך ליכטיקט אַלץ צעזוניקט,
נאָר ס׳ווערט דער בלוי שוין טונקעלער און שאָטנדיק דער גרין,
די וואָלקנס שווימען ראָזלעכע מיט ווײַטן ברום צעסטרוניקט
און שאַרפער ווערט און נאַכטיקער דער ריח פון זשאַסמין.

## פאַרהאַרבסט

נאָך גליט די זון ווי זומער אַלץ, דער טאָג נאָר מאָדנע קורץ איז,
זײַן גרינקייט די פאַרהאַרבסטיקע שלאָגט אָפּ זיך געלבלעך-מאַט.
און נאָר מיט פלאַמיקן אָראַנזש נאָך גליִען די נאַסטורציעס
ביים ראַנד פון טאָג, וואָס שמעקט מיט קילן, פּײַכטן אַראָמאַט.

עס אָטעמט נאָך מיט זומער אַלץ, נאָר ערגעץ אויף אַן אמת
אַ ציטער-זיפץ גיט האַרבסטיק שוין אין גראָז אַ שאָרך, אַ שוועב.
און נאָר אויף הויכע, דינע פיסלעך שטאַלץ די כריזאַנטעמעס
זיי טראָגן נאָך די זון אַרום אויף בלאַנד-געקרויזטע קעפּ.

## אַ ווינטערטאָג

דער ווינטערטאָג האָט אויסגעזען, ווי אין אַ קינדער-מעשׂה:
די זון האָט פריידיק-העל געשײַנט, נאָר גלאָזיק, בלענדיק-קאַלט
די ערד, זי האָט צוריקגעשײַנט מיט פינקלען שנייִיק-ווײַסע,
מיט רעגנבויגנס אין קרישטאָל פון אײַזליכטלעך צעשטראַלט.

די צווײַגן גלאָזיק-אײַזיקע אויף פערלמוטער-שטאַמען
געשימערט האָבן, ווי מיט קרעלן, קלינגענדיק אין ווינט —
ווי ס׳וואָלטן אַלע שײַנען זיך צונויפגעשטראַלט צוזאַמען,
ווי ס׳וואָלט אַ קינדער-מעשׂה זיי אין כּישוף-שפּיל פאַרשפּינט.

## דער פלי אַליין

איך טראָג זיך אין מײַן ליד אום איבער שורות הויך צעהוידעט,
דער הימל אַ צעטאַנצטער פליט אום שיכּור אויף מײַן קאָפּ,
די וואָלקנס ווינקען מיר געהיים, זיי גאָלדיקן פאַרסודעט —
און איך, איך פלי, אַט שטײַג איך הויך, אַט פאַל איך באַלד אַראָפּ.

אַזוי, צווישן ערד און הימל, זינגענדיק צעוואַקלט,
איך פלי און שוועב, עס רוישט מײַן בלוט, דער הימל יאָגט מיך, פליט,
און דאָס איז פון דעם גאַנצן דראַנג דער פריידיקסטער סך־הכּל —
דער פלי אַליין, און אין דעם פלי — דער ניגון פון מײַן ליד.

## אין שאָטן פון מײַן ליד

איך רו אין שאָטן פון מײַן ליד, פון אונטער זײַנע שורות,
ווי אונטער צווײַגן אויסגעשפּרייטע רײַפט אָן מײַן פאַרנאַכט,
נאָר ס׳רוישט נאָך אַלץ מײַן זומערטאָג, זײַן לעצטער הייסער שפּור איז
באַהאַלטן אין מײַן בלוט נאָך אַלץ, ער פינקלט דאָרט און וואַכט.

און מעג מײַן ליד שוין שאָטענען, נאָר איך, אַ זון־צעהעלטער,
פון אונטער זײַנע שורות זיץ אויף אָוונטיקער שוועל,
אַט כּלומרשט נאָר אַ האַרבסטיקער, אַ שאָטנדיק־פאַרשטעלטער,
ווײַל ס׳זינגט אין מיר נאָך אַלץ דער טאָג, ער זינגט נאָך זוניק־העל.

## און דו וועסט זען

דו הער נישט וואָס מען זאָגט — אַז ס׳איז נישטאָ שוין מער קיין
וווּנדער,
דו הער נישט וואָס מען זאָגט, גיב גוט פאַר זיך אַליין אַ טראַכט,
דערמאָן זיך גוט און קוק אַדורך דײַן יעדן טאָג באַזונדער,
דערמאָן זיך, גיי אַדורך אין דײַן געדאַנק אַ יעדע נאַכט.

און דו וועסט זען — עס איז דײַן לעבן שטענדיק פול מיט ניסים,
עס טראָגט אַ יעדע רגע אום פאַרשטעלט אַ טיפן סוד,
און קומט אַ נײַער טאָג צו דיר — אַ פריידיקער באַגריס איס,
און זעגן איס בײַם ראַנד פון נאַכט מיט שמייכלענדיקער גנאָד.

## דער ווייַן

עס גליט דער ווייַן צעגאָלדיקט אין דעם דורכזיכט פון באָקאַלן —
דאָס לעבט אין אים די זון נאָך דאָרט, זי יערט אין אים צעהעלט,
כאָטש ס׳איז שוין שפּעטער האַרבסט אין דרויסן און די בלעטער פאַלן
און ס׳שטייען אַלע ווייַנגערטנער פאַרוועלקט שוין און פאַרגעלט.

נאָר ס׳ווינקט דער ווייַן נאָך גאָלדיק דורך דעם גלאָז-געשליף דעם קאַלטן
און ס׳פינקלט אין זייַן קילקייט נאָך די זון מיט זומערשייַן.
אין יעדן טראָפּן דאָרטן ליגט דער גלי נאָך אַלץ באַהאַלטן
און וואַרעם, זוניק ווערט אין בלוט דורך יעדן זופּ פון ווייַן.

## ווי קינדווייַז נאָך

עס שמעקט די לופט מיט פראָסטיקייט, דער רויטער בלעטער-שייַטער
גליט פלאַקערדיק געצונדן אין דעם האַרבסט-געפלעכט פון וואַלד.
פון ריחות ווייַניק-שיכּורע מייַן בלוט זינגט מונטער, הייַטער,
מייַן יעדער שפּרייַז איז פריידיק, כאָטש דער ווינט איז פראָסטיק-קאַלט.

און איך, איך גיי — די וועלט אַרום, זי ליכטיקט דורכגעלייַטערט,
מיר דאַכט, אַז נאָך ווי קינדווייַז אַלץ די לופט איז דורכגעבלויט,
ווי איך וואָלט נאָך געגאַנגען אַלץ אַן אויפהער ווייַטער, ווייַטער,
געגאַנגען נאָך פון דעמאָלט אַלץ דורך האַרבסטגלי — געל און רויט.

## אַ זומערדיקער רעגן

די גראָזן ליגן אייַנגעלייגט פון שווערן זומער-רעגן,
די כמאַרעס יאָגן, טראָגן זיך אין שטורעמדיקן ווינט,
ווי מאָנסטערס ווילד צעכראַסטעטע פון הימלשע געשלעגן
און הינטער זיי אַ בליץ לויפט נאָך — אַ פייַער-בייַטש צעגרינט.

נאָך הילכט אַ דונער יאַדישלעווע, ערגעץ ווייַט — אַ לעצטער
און ווערט פאַרשטומט, דער הימל בלויט שוין נאַקעט, אָפּגעדעקט.
דאָס גראָז צינדט אָן זיך זוניק-העל, אַ זאַפטיק-דורכגענעצטער
און גאָלדיק-בלויער ווערט די לופט מיט ריחות שאַרף-צעשמעקט.

# די זון

א

די זון לעשט אָפּ די פאַרבן, זי טושירט אָפּ די קאָנטראַסטן,
זי גיסט צונויף אַרום אַלץ מיט איר בלענדיקן באַריר.
די ערד שלאָגט אָפּ איר גלי צוריק אַ מאָטן, אָפּגעבלאַסטן
און גאָלדיק ווערט פאַרצויגן אַלץ, פאַרנעפּלט, אָן קאָליר.

די זון וויל מיט איר שטראַלן־נעץ פאַרוועבן אַלץ, פאַרשפּינען,
פאַרציִען אַלע זאַכן מיט אַ גאָלדיק־מאַטער הויט,
און נאָר אין שאָטן הייבט אַ בוים אָן זאַפטיקער צו גרינען,
און ס׳גליט אַרוים אַ מאַלינע מיט בלוטיק־הייסן רויט.

ב

ס׳איז מיטן טאָג, עס גליט די זון, איך שטיי ווי אַ פאַרבלענדטער,
די לופט וויברירט, זי כוואַליעט זיך ווי רויכיק־בלוי צעשפּילט.
אין נעפּל שווימט אַלץ אום — אָט ווערט דער האָריזאָנט גאָר נענטער
און אָט ווערט ער צערונען גאָר מיט בלויקייטן פאַרהילט.

די זון זי בלענדט, די ווײַטקייט שווימט, די לופט צעכוואַליעט ציטערט,
אַלץ וויגט זיך רויכיק, נעפּלדיק מיט דורכגעבלויטער שײַן,
און פון דער הויך דער הימל אָטעמט הייס אַ דורכגעגליטער,
און שלינגט אַלץ אײַן, און זאַפּט אין זיך די גאַנצע וועלט אַרײַן.

## אַ זוניקער טאָג

דער זומערטאָג דער זוניקער, ער אָטעמט הייס אַ זאַטער,
עס גאָלדיקן די בינען אויף צעווייגטע בלומענקעפּ.
פון זאַטקייט ווערט דער גרין פוןביימער דרעמלענדיקער, מאַטער —
זיי הענגען מיד פאַרשפּינט ווי אין אַ זוניקן געוועב.

קיין פייגל־פּיפּס — זיי זיצן אויף די ביימער שטיל, אַנטשוויגן.
די ערד אַליין ליגט אָנגעזעטיקט און זי אָטעמט הייס
מיט ריחות שאַרפע, ביטערע וואָס דרעמלען אײַן, פאַרוויגן,
און נאָר די פליגן בײַסן זיך פאַרעקשנט, זלידנע בייז.

# אַ זומערטאָג

דער זומערטאָג דער העלער האָט צעעפנט אַלע שפּונטן,
עס פליסט, עס גיסט זיך בלויקייט, ס׳גיסט זיך ליכט, וואָס שטראָמט
און פלייצט.
דער מאָרגן־ווינט טראָגט אום דעם הייסן בלענד דעם דורכגעזונטן
און מישט אים מיט דעם גאָלד אוים פון דעם כוואַליעדיקן ווייץ.

אַרום אַ רחבות — סאַראַ פרישקייט, ווערסט פון שײַן פאַרכליניעט,
דו ווערסט פאַרשיכּורט פון די ריחות, פון דעם העלן גלי,
ווי גאָלד און בלוי צונויפגעגאָסן כוואַליען זיך צעמיניעט,
אין כּישוף פון מײַן קינדערשן, פון ווײַטן אין דער פרי.

# די בענקשאַפט פון די וואָרצלען

די זאַפטיק־פרישע גרינקייט פון די פרילינגדיקע ביימער
טראָגט אום אין זיך די בענקשאַפט פון די וואָרצלען אין דער טיף,
וואָס ציִען זיך צום הימלבלוי — אַ כּוח אַ געהיימער,
וואָס גייט אויף מיט די זאַפטן, מיט אַ יעדן טראָפּן־טריף.

און ס׳רײַסט זיך אָט די בענקשאַפט דורך דעם שטאַם און שטײַגט,
און קלעטערט
צו הויכקייטן, צו בלויקייטן פון טיפקייט פון דער ערד,
און זינגט אַרוים אין ווינטגערויש — אַ ניגון גרין־צעבלעטערט,
און וואָלקנס בלײַבן שטיין אַ ווײַל צום ניגון־ברום פאַרהערט.

# פרילינג

די פרילינג־ביימער בליִען אָפּ. מיט נאַכטיק־שאַרפע ריחות
די בליטן פאַלן אויף דער ערד — די ערד ליגט ווײַס־צעפלעקט,
זי ליכטיקט ווייך. די טונקלקייט אַדורכגעהעלט און בלייך איז,
ווי ס׳וואָלטן זי לבנה־פלעקן זילבערדיק באַדעקט.

די ריחות מאַכן העל די נאַכט. אין בלויעכן באַגינען
גייט אויף די ערד פאַרשאָטן מיט דעם בליִעכץ — ווי פאַרשנייט
און נאָר די קנאָספּן ערשט־צעלאָזטע, אויפגעפּלאַצטע גרינען,
צו אויפנעמען די זון מיט ליפּן אויפגעמאַכטע גרייט.

## נאָך אַ געוויטער

די לופט איז פול מיט ווינטיקן נאָכרעגנדיקן ציטער,
מיט קילן, פייַכטן בלוי די שויבן דורכזיכטיקן נאַס.
מיט בייזן האַסט אַריבער איז דער כמאַריקער געוויטער
און הינטער זיך געלאָזט אַ שמאָלע, פרילינגדיקע גאַס.

די גאַס, זי אָטעמט אייַן אין זיך די זוניקייט די בלאַסע —
די דעכער ווערן גאָלדיקער, די שויבן פול מיט בלענד,
און נאָר מיט שאָטנס שמוציקע, אַדורכגעווייקטע, נאַסע
נאָך טונקלט דער געוויטער זיך באַהאַלטן הינטער ווענט.

## פאַר טאָג

ס'איז נאַכט אין וואַלד. פאַרשלאָפענע עס שאָרכן נישט די צווייַגן.
דער וואַלד ליגט נאָך באַהאַלטן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.
אַ בלויער נעפל הייבט אָן בייַ דעם ראַנד פון וואַלד צו שטייַגן,
ווי ער וואָלט מיט זייַן אָטעם אָט די שטילקייט דאָ באַוואַכט.

ס'איז שטיל. די יאָדלעס שטייען ווי פאַרשאָטנטע געצעלטן
נאָך פול מיט שלאָף. אַ שאָטן גיט אַ ציטער אומגעריכט —
אַן ערשטער שטראַל האָט מיט אַ גלי אַ זוניקן, צעהעלטן
אַ שפּיץ פון יאָדלע אָנגעצונדן גאָלדיק ווי אַ ליכט.

## אין מייַנע פענצטער

אין מייַנע פענצטער שמעקט מיט ווינט און ימען.
מייַן נייַע וווינונג לייַכט מיט זון צעהעלט.
נאָר איך האָב מיטגעבראַכט מיט מיר צוזאַמען
מייַן אַלטן פרייַנד — דעם אומעט פון דער וועלט.

איך קען אים לאַנג, מייַן גוטן פרייַנד דעם אַלטן,
ער גייט מיר נאָך, באַגלייט מיר טראָט נאָך טראָט, —
נאָר איך פון אים וויל גאָר זיך נישט באַהאַלטן,
ווייַל מיר איז אומעטיק אָן אומעט, גאָט!

## איך קען נישט ווערן אַלט

איך קען נישט ווערן אַלט, אין מיר אַלץ זינגט נאָך די צעהעלטקייט
פון יוגנט-טעג — איך בין נאָך אַלץ מיט פרילינג איבערפילט,
און מעגן גרויען מײַנע האָר — אַ כלומרשטע פאַרשטעלטקייט,
ווען טיף אין מיר גאָר זינגט נאָך אַלץ מײַן יוגנט דאָרט צעשפילט.

איך קען נישט ווערן אַלט, די גרויע טונקעלע פאַרהילטקייט
פון יאָרן און פאַרגענגלעכקייט איז אַלץ אויף מיר נישט חל.
עס שײַנט אין מיר נאָך אַלץ די העלע, קינדערשע צעשפילטקייט
ווי ס׳העלט אַרײַן אין טונקל דורך אַ שפּאַלט פון זון אַ שטראַל.

## אַלטמאָדישע ראָמאַנען

איך האָב נאָך ליב צו לייענען אַלטמאָדישע ראָמאַנען,
מיט ווערטער שוין פאַרגעסענע פון בענקשאַפט צו דער וועלט.
איך האָב נאָך ליב צו פאָרן מיט די סאָפּענדיקע באַנען,
וואָס פײַפן אויס דעם אומעט פון פאַרנאַכטן אויף אַ פעלד.

צו קוקן דורכן פענצטער אויף די סטאַנציעס, אויף די שטעטלעך,
וואָס וואַלגערן זיך אומבאַקאַנטע סתּם אויף גאָטס באַראָט,
און אין ראָמאַנען אַלטע מיט שוין לאַנג פאַרגעלבטע בלעטלעך
צו לייענען פון צניעותדיקע ליבעס פול מיט סוד.

## כ׳האָב אפשר נאָר פאַרשפּעטיקט

מיט אַלע פרילינג-בלויען איז מײַן אויג נאָך נישט באַגנוגנט,
מיט אַלע זונען-שײַנען איז מײַן בליק נאָך נישט געשטילט.
אין מײַנע בלוטן בושעוועט די שׂריפה פון מײַן יוגנט
און הייסע שטורעמס וויכערן געוויטערדיק און ווילד.

אָ, ניין, איך בין נישט אַלט — איך בין נאָך יונג, כ׳האָב נאָר פאַרשפּעטיקט,
אין שטרויכל-וועג, אין בלאָנדזשעניש, צום שוועל פון טרוים און נס —
און ס׳פלאַקערט אין מײַן בלוט נאָך אַלץ דער פרילינג נישט געזעטיקט
מיט גליִענדיקע שײַטערן פון בלוי-צעבליטן בעז.

## דער סודותפולער ווינט

אין גרויע טעג, ווען ס׳ליגט די זון פון כמאַרעס אַ פאַרשטעלטע,
פאַרוויקלט און פאַרהילט פון הינטער זייער גרויען טראַכט,
טראָגט אום דער ווינט אין זײַנע פּאָלעס בלויקייטן צעהעלטע,
וואָס ער האָט זיי געשמוגלטע פון הימלהויך געבראַכט.

ער טראָגט זיי אום פאַרבאָרגן ווי געהיימנישפולע גרוסן,
וואָס ס׳האָט די זון פון הינטער איר פאַרהילונג אים פאַרטרויט,
און שפּרייט זיי אויס מיט פרייד בײַ יעדן גרעזעלע צופוסנס,
און ס׳ווערט דער טונקל פּלוצלונג ווי פון זיך אַליין צעבלויט.

## יוגנטפרייד

די יוגנטלעכע שטיפערישקייט ליגט אין אונדז באַהאַלטן,
פון קינדווײַז נאָך, פון ערשטער ווײַל פון קומען אויף דער וועלט.
זי רײַסט זיך ווי אַ זונפלעק דורך די שאָטנדיקע שפּאַלטן
און שפּילט פאַנאַנדער זיך אין טונקל אומגעריכט צעהעלט.

די יוגנטלעכע שטיפערישקייט ווינקט פון באָרד פון זקן,
זי העלט מיט יונגן חן נאָך פון דער אַלטער פרוים אַ בליק,
און אויף איר גרויען קאָפּ גייט אויף דער בלאָנדער שײַן פון לאָקן,
ווי ס׳וואָלט איר ווײַטע מיידלפרייד אַ לויכט געטאָן צוריק.

## דער ניגון פון דער וועלט

כ׳האָב ליב דעם קלאַנג פון לעבן און איך גיי אום אַ פאַרהערטער,
ס׳איז פול מײַן אויער מיט דעם רויש פון אומעט און פון פרייד.
דער ניגון פון דער וועלט באַהאַלטן ליגט אין אַלע ווערטער,
ער זינגט אַרויס אַפילו פון די וואָכעדיקסטע רייד.

איז האָב איך טאַקע אַלע ווערטער תּאווהדיק געזאַמלט,
פון יעדן וואָרט געזונגען האָט אַ ניגון, כאָטש פאַרשטעלט.
פון יעדן אות, אַפילו פון אַן ערשטן קינדער־שטאַמל
האָב איך געפילט, אַרויסגעהערט דעם ניגון פון דער וועלט.

## דער ריח פון דער ערד

אַ נודנער רעגן גייט — דער פראָסט האָט דורך דער נאַכט געלאָזן,
דער שניי ליגט שמוציק, ווי אַ ברודנע נישט־פאַרבעטע בעט.
די וואָלקנס פליִען אום פון ווינט דעם רויכיקן צעבלאָזן,
די פײַכטקייט שמעקט מיט דעמפּיקייט פון נישט־דערוואַשן גרעט.

נאָר אָט רײַסט דורך אַ פרישקייט זיך פון פײַכטער ערד צעשמעקטער,
דאָס גייט די ערד אויף פריילעך מיט קאַלוזשעלעך צעשפּילט,
דער הימל בלויט, כאָטש וואָלקנדיק נאָך אַלץ אַ צוגעדעקטער,
ווי ער וואָלט אויך דעם ריח פון דער ערד מיט פרייד דערפילט.

# גלויביקע לידער

## דער מענטש

ס׳איז דאָ אַ שיינקייט אין דעם גאַנג פון מענטשן, אין זײַן וויסן,
אין זײַן פאַרשטיין וווהין ער גייט, אין שטאָלצקייט פון זײַן טראָט.
ער האָט פון זײַן פּירפּיסיקייט אַ מאָל זיך אויפגעריסן,
זיך אויפגעשטעלט — אַ וועלט דערזען פון שיינקייט און פון סוד.

און האָט דערזען אַריבער זיך דעם הימל און די שטערן,
אַ זון וואָס האָט געגליט אויף אים — אַ פײַערדיקער ראָד.
און ס׳איז פון זײַן געשריי געוואָרן — וואָרט, און אין זײַן הערן
האָט זיך צום ערשטן מאָל צו אים אַנטפּלעקט די שטים פון גאָט.

## כ׳בין, גאָט, אין דײַנע וועגן נישט באַהאַוונט...

כ׳בין, גאָט, אין דײַנע וועגן נישט באַהאַוונט,
איך וויים נישט, צי דו ביסט צו מיר גערעכט.
נאָר איך האָב אין מײַן פּײַן צו דיר געדאַוונט,
דורך בלויע קראַטעס פון די שטערן־נעכט.

פאַרשמידט אין קייט פון דײַנע שטרענגע לאַוון,
אַ קנעכט, וואָס וואַרט געהאָרכזאַם אין זײַן שרעק,
האָב איך דאָך פאַרט צו דיר אין פּײַן געדאַוונט,
דורך תּפֿיסה־ווענט פון מײַנע גרויע טעג.

## זיי קומען זיך צונויף אין מיר

די חכמה פון דעם וועלטאַל ליגט אין גוף בײַ מיר באַהאַלטן,
אַ יעדער גליד אין מיר טראָגט-אום דעם געטלעכן באַפעל.
דער ווײַטסטער, גרעסטער שטערן מיט זײַן העלסטן גלי, צעשטראַלטן,
איז אויך צו מיר אַ שותּף, צו מײַן קלענסטן קערפּער-צעל.

מײַן מאַרך און דער גאַלאַקסעס-לויף, מײַן בלוטפּלום אין די וועגעס,
דער אויסמעסט פון אַ ווינקל און דער ריטעם פון מײַן טראָט,
די חכמה פון מײַן אָטעמען, די שיינקייט פון דער וועגוס —
זיי קומען זיך צונויף אין מיר, זיי ווערן איינס — אחד.

## דו שטייסט פאַרגאַפט

דער מאָלעקול-געבוי, דער אימפּעט-לויף פון ליכט, פון שטראַלן,
דער שמייכל מאָנאַ-ליזאַס, די קאָלירן פון אַ בלום,
דער ריטעם פון סאָנעט און די סימעטרישע קאַראַלן,
די שיינקייט, די פּילפּאַרביקע, וואָס רינגלט אונדז אַרום —

זיי זענען שטרענג באַהעפט מיט זיך אין איין האַרמאָניע-שײַכות,
אין ציקל-גאַנג פון אייביקייט, מיט פאַרעם-סוד צעשפּילט.
דו שטייסט פאַרגאַפט — ווי אַלץ אַרום פּילפאַרביק שיין און רײַך איז
און איבער אַלץ — אָט דו, דער מענטש, וואָס זעט עס און דערפילט.

## די שיינקייט פון דער וועלט

זאַפּ אײַן אין זיך די זוניקייט, דעם בלוי, דעם גרין פון פרילינג,
די פאַרבן-שפּיל פון שפּעטן האַרבסט — זאַפּ אַלץ אין זיך אַרײַן!
און ווי עס גלוסט, און ווי עס לעכצט דײַן דאַרשטיקייט נאָך שטילונג,
אַזוי אויך גלוסט דײַן בלוט זיך צו פאַרשיכורן מיט שײַן.

די וועלט איז גרויס, די וועלט איז פול מיט אומעט און מיט בענקשאַפט,
טאָ, זאַפּ עס אַלץ אַרײַן אין זיך — איר גרוי, איר בלוי צעהעלט.
מיט דײַן געפיל פאַראַל אויף, רײַס אויף די דלד אמות-ענגשאַפט,
און אין דײַן וואָרט וועט אָפּטריפן די שיינקייט פון דער וועלט.

## דער אייביקייט־געפיל

דער אייביקייט־געפיל, ער זינגט דורך אַלע מײַנע ווערטער,
דער סוד פון דער אומענדלעכקייט, ער נײַגערט מײַן געדאַנק.
אין שטערנדיקע נעכט, אין שפּעטע, שטיי איך אַ פאַרהערטער,
ווי ס׳וואָלט צו מיר די אייביקייט גערעדט דורך יעדן קלאַנג.

און כאָטש איך בין אין קאָסמאָס נאָר אַ שטויבעלע, אַ שפּרינקל,
ווער קען מיט מיר פאַרמעסטן זיך אין סודותדיקער שפּיל —
צו פילן אָט ווי איך, דער מענטש, פון אייביקייט דעם פינקל
און טראָגן פון אומענדלעכקייט דעם סוד אין מײַן געפיל.

## אין פלאַטער פון ספק און גלויבן

ווען שטערן אין הויכקייטן צירקלען
דעם גאַנג פון דער נאַכט אין דעם רוים,
ווען טויבן אין טונקלקייט טירקלען
אין אומרו פון שלאָף, צי פון טרוים —

צו קילע, פאַרלאָשענע שויבן
כ׳פאַל־צו אין דער נאַכטיקער שײַן.
אין פלאַטער פון ספק און גלויבן
דערפיל איך מײַן אייביקן זײַן.

## צו אַ שענערער וועלט

ס׳איז גוט, וואָס איך בין דורך מײַן לעבנסוועג געגאַנגען
מיט ווערטער פול מיט חידוש, פול מיט אויסטערלישן קלאַנג.
ס׳איז גוט געווען, וואָס ס׳האָט מיך נישט די גרויע וואָר געפאַנגען,
וואָס ס׳האָט די פרייד, די פאַלשע, נישט פאַרנאַרט מיך אין מײַן גאַנג.

און מעג מײַן קול נאָך ווערן אָפּט פון טאָג־גערויש פאַרשלונגען —
ער וועט דערגיין! ווי ס׳איז צו אונדז דערגאַנגען פון אַ מאָל
אַ דיכטערס שטים, וואָס האָט אַ וועלט אַ שענערע באַזונגען
און ס׳גליט נאָך אַלץ אין וואָרט פאַרחתמעט זײַן פאַרשטומטער קול.

## צום נײַעם, העלן טאָג

איך וויל אַרײַן פון אומעטיקן נעכטן אין דעם מאָרגן,
אַריבערשפּרינגען ווילט זיך מיר דעם גרויען, כמורנעם הײַנט.
מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז ערגעץ־ווו נאָך וואַרט אויף מיר פאַרבאָרגן
אַ נײַער, העלער טאָג, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען צעשײַנט.

באָטש ס'קען דאָך זײַן אַ מאָל — דער מאָרגן קומען וועט אַ גרויער
און ס'איז געוועזן אומזיסט דאָס גאַנצע אײַלן זיך, דער יאָג,
נאָר ס'איז דער כמורנער הײַנט פאַר מיר אַ דורכגאַנג נאָר, אַ טויער,
פון אומעטיקן נעכטן צו אַ נײַעם, העלן טאָג.

## איך בין אַ שטויבעלע אַ קליינס

איך בין אַן אויגנבליק אין דויער פון מיליאָנען יאָרן,
איך בין אַ שטויבעלע אַ קליינס איןווירבלענדיקן פלי,
נאָר ס'האָט די אייביקייט אין גאַנג אירן אין מיר פאַרלאָרן,
אין בלוט מײַנעם, אַ שפּרינקעלע פון בראשיתדיקן גלי.

אַ פינקל בלויז, אַ בלינצל־שפּריץ פון יענעם אור הגנוז,
וואָס שײַנט אין מיר, וואָס זוכט אין מיר די שיינקייט פון דער וועלט.
און ווען מײַן לײַב מיט ערדישקייט טאָגטעגלעכער פאַרטאָן איז,
זינגט־אויף אין מיר אַט יענער גלי מיט בראשית־ליכט צעהעלט.

## ווער ווייס

ווער ווייס די ווײַטע אורנאַכט אויף דעם אויסבעט פון די צווײַגן,
ווען ס'האָט צום ערשטן מאָל דער מענטש פון חיהשקייט דערוואַכט,
מיט ערשטן וואָרט־געבריל צו קענען שפּעטער מענטשלעך שווײַגן,
צו קענען זיך דערהייבן צו די שטערן פון זײַן נאַכט.

ווער ווייס די ווײַטע אורנאַכט, וואָס ליגט אומבאַקאַנט פאַרלאָרן,
ווען ער האָט אַ פאַרוווּנדערטער זײַן אייגן קול דערהערט,
וואָס האָט אַ וואָרט געבאָרן און דורך וואָרט אויך אים געבאָרן,
און פון דעם בוים אַראָפּגעפירט צו הערשן אויף דער ערד.

## דער זונשטראַל

דער זונשטראַל, וואָס האָט זיך דורך רוימען געטראָגן און גאָלדיק און
גרין זיך אויף צווײַגן געשפּיגלט,
מיט זאַפטן צעיערט זיך, צערונען, צעשוווּמען, מיט בלעטער געפּלאַטערט
אין ווינטיקן שטיף,
איז שפּעטער מיט ביימער אין גרונטן געזונקען, אין פעלדזיקע שיכטן
געוואָרן פאַרזיגלט,
פאַרשאָטן, פאַרגאָסן, פון שטורעמס פאַרפּלייציקט — געוואָרן איז קויל
גאָר אין זומפּיקער טיף.

איצט וואַרט דאָרט דער זונשטראַל, אַז קומען זאָל עמעץ און זאָל פון
דעם חושך פון טיפן פאַרהוילן,
פון שטיינערנער קויל־שאָל באַפרײַען זײַן כוח, וואָס רײַסט זיך דורך
פעלדזיקן גליווער מיט פּײַן —
און זאָל מיט אַ פונק אויף דאָס נײַ אים באַרירן און אויפשײַנען וועט ער
פון שוואַרצקייט פון קוילן
מיט ערשטיקן זונליכט, וואָס האָט דאָרט געוואַרט אַלץ זיך ווידער
אַנטפּלעקן אין פלאַמיקער שײַן.

## איך בין אַליין

נישטאָ קיין מענטש חוץ אונדזער מענטש, נישטאָ קיין וועלט חוץ
אונדזער וועלט,
מיר זײַנען אפשר גאָר די איינציקע אין אוניווערז דעם גרויסן —
די אַלע שטערן זענען טויט, זיי שײַנען, פינקלען קאַלט צעהעלט
און ס'איז קיין מענטש גאָר נישט פאַראַן אין גאַנצן שטערנדיקן דרויסן.

און ס'טרעפט בײַ נאַכט, כ'הייב אויף מײַן קאָפּ — דער הימל פינקלט
פול מיט סוד,
און איך דערפיל, איך בין אַליין אין גרויסן אין־סוף ווו אין מיטן.
און ס'טויכט אַ פרייד גאָר אויף אין מיר — אַז נאָר מיט מיר גערעדט
האָט גאָט,
מיט מיר, דעם מענטש, אויף אונדזער ערד, אַדורך דעם פײַער־סנה צעגליטן.

## מיך שרעקט

מיך שרעקט אַ וועלט אָן מענטשן, די נאַטור אַליין איז גרויליק:
ווי גרויזאַם איז דער רויש פון ים — מיך שווידערט זײַן געבריל.
מיך שרעקט די שטומקייט פון דעם שטיין, וואָס גלאָצט אויף מיר אָנמויליק,
דאָס בייזע קראַקן פון דער קראָ, דער הינטישער געביל.

און נאָר דער מענטש איז ליב מיר, נאָר זײַן קול קלינגט אָפּ מיר פריידיק,
נאָך הילכט אין אים גאָטס שטים, וואָס האָט געשטראַמט מיט ליכט אַ מאָל.
ווי קאַלט וואָלט זי, די וועלט, געווען — אומהיימלעך און ליידיק,
ווען נישט געווען וואָלט דאָס וואָרט און נישט דעם מענטשנס קול.

## צום פאַרהוילענעם ציל

אַן אומרו פון נײַגער, אַן אומגעדולד יאָגט מיך, פאַרצוקט מיר די וואָכן,
צעקרישלט די טעג מיר —
זי קעמפט מיט מײַן בענקשאַפט צו רו און מנוחה, וואָס בעט זיך
פאַרעקשנט: צו וואָס און וווהין?
דער אומרו, ער קרײַזט אום אין רויש פון די בלוטן, פאַרקראַמפּט
אין די טיפן ער עגבערט, ער עגבערט —
די בענקשאַפט צו רו אָבער בעט זיך: וואָס יאָגסטו, צי מיינסטו, אַז
ערגעץ פאַראַן איז אַ זין?

איך ווייס נישט, איך ווייס נישט און קען עס נישט וויסן! איך ווייס
נאָר, דער אומרו ער יאָגט מיך, ער טרײַבט מיך —
אַ בלינדער בין איך אין דעם פלייץ פון די כוואַליעס, אַ שפּענדל בין
איך אין דער שוימיקער שפּיל;
נאָר ערגעץ אין מיר לויכט אַ פונק פון התגלות, וואָס גליט אין מײַן
בלוט און וואָס רײַסט פון מײַן לײַב זיך,
און פירט מיך דורך תהומות, דורך נאַכטיקע שטורעמס, צום ווײַטן,
צום העלן, פאַרהוילענעם ציל.

# דיכטער

צי וועט מען דעמאָלט פֿליִען שוין צו שטערן אין די רוימען,
צי וועט מען ערגעץ פֿאָרן נאָך מיט וואָגן און מיט פֿערד,
נאָר ס׳וועלן מענטשן אייביק נאָך אין די פֿאַרנאַכטן טרוימען
און אייביק, אייביק וועלן דיכטער זינגען אויף דער ערד.

ס׳וועט נישט נאָך איין יאָרהונדערטער אַלץ מיידן אַ יאָרהונדערט,
וועד ווייס וואָס דורך יאָרטויזנטער דעם מענטש איז אַלץ באַשערט.
נאָר שטיין וועט אין די שטערנגעכט דער מענטש נאָך אַלץ פֿאַרוווּנדערט
און זינגען אַלץ נאָך וועלן דיכטער גלויביק אויף דער ערד.

## איך טרוי דיר, מענטש

איך טרוי דיר, מענטש. כ׳בין זיכער אין דײַן גאַנג,
דו וועסט דערגיין — די וועלט וועט ווערן שענער,
ווי ס׳איז דעם אורמענטשס ערשטער שטאַמל-קלאַנג
דערגאַנגען צו בעטהאָווענס פֿידל-טענער.

דורך בייזער וואָר דו שפּאַנסט פֿאָרויס, דו אַנסט —
די וואָר באַזיגן ס׳וועלן דײַנע טרוימען,
ווי ס׳האָט באַזיגט דעם אַלטן דיליזשאַנס
דער אַסטראָנאַט מיט דרייסטן פֿלי אין רוימען.

## דאָס ליד פֿון הויכן פֿלי

איך בין געווען אַ שטיין, געצילט פֿון גאָט,
אַן אומרו-שטיין געשלײַדערט פֿון זײַן האַנט.
מיך האָט געיאָגט, געטריבן זײַן געבאָט
דורך נעכט און טעג פֿון חורבן און פֿון בראַנד.

איצט ליג איך שוין אַראָפּגעפֿאַלן מיד ——
אַ קאַלטער שטיין מיט אויסגעברענטן גלי.
נאָר פֿון דער נידער, אונטער שפּאָט פֿון טריט,
זינג איך נאָך אַלץ דאָס ליד פֿון הויכן פֿלי.

## איך אָטעםביידן אײַן

פון אונטער צווײַגן נידעריקע זיץ איך אין דעם שאָטן,
איך לייען לידער אין אַ בוך — אַ האַרבסטיק־טריבער בוך.
מיט עפּל־בליִעכץ ראָזן ליגט די ערד אַרום באַשאָטן
און ס'שמעקט די לופט אַרום מיר מיט אַ זיסלעכן גערוך.

אין בוך איז האַרבסט — דאָרט גרויט אַ טאָג, אַ רעגנדיק־פאַרטרערטער,
און דאָ אַרום איז פרילינג איצט — די זון זי העלט צעגליט,
און איך, איך אָטעם ביידן אײַן: דעם וועלק־גערוך דורך ווערטער,
און אויף דער וואָר דעם פרילינגטאָג מיט זון און עפּלבליט.

## די קינדער־מעשׂה

ס'איז אין דער קינדער־מעשׂה דאָ אַן אויסטערלישע וועלט,
וואָס מיר האָבן אַ מאָל געקענט און האָבן שוין פאַרגעסן,
ווו אַלץ איז אַנדערש גאָר, פאַרקערט, נאָר איז פאַר אונדז פאַרשטעלט
מיט טעג און נעכט פאַרנעפּלטע פון טויזנטער מעת־לעתן.

זי פינקלט נאָך, די וועלט, דאָרט אַ פילפאַרביקע, צעשטראַלט,
אָט זי, די וועלט, די אמתע, ווו אַלץ איז דאָרט נאָך מעגלעך.
נאָר מיר, די ווייסערדס, מיינען אַז די מעשׂה איז שוין אַלט
און זעען גאָר אַן אַנדער וועלט, וואָס גרויט פאַר אונדז טאָגטעגלעך.

## אַ פײַערל

ווי גוט עס איז דאָס פײַערל, וואָס ווינקט פון ווײַטן ישוב
פאַר דעם, וואָס ס'האָט די פינצטערניש דעם וועג אים בלינד פאַרשטעלט.
ווי שרעקעוודיק איז אַלץ אַרום, נאָר אָט ווי דורך אַ כּישוף
די שאָטנדיקע פינצטערניש ווערט אומגעריכט צעהעלט.

אַ פײַערל אַ קליינס אַזאַ, אַ פלעמל קוים, וואָס ציטערט,
נאָר ווינקט מיט היים, מיט וואַרעמקייט און מיט אַ מענטשנס בליק —
און דו, אין מיטן נאַכט, אַליין אַ ליכטיק־דורכגעגליטער
דו פלעמלסט־אויף, ווערסט פול מיט שײַן און ליכטיקסט אויף צוריק.

## די ווײַל

איך בין דער מענטש פון רגע, פון עמפּינדונג, פון אַנטפּלעקונג,
אַט וועט די רגע באַלד נישט זײַן און אַלץ וועט ווערן אויס.
מײַן זעונג, מײַן מחשבה זוכט אין וואָרט בײַ מיר אַ דעקונג,
אַז בלײַבן זאָל אין ליד בײַ מיר די ווײַל פון גלי און ברויז.

ווײַל אַט די ווײַל איז אייביקייט, וואָס דורך מײַן בלוט־צערוישונג
האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט און האָט איינמאַליק דורכגעבליצט,
און איך צווישן גלויביקייט, און צאַפּל פון אַנטווישונג,
איך כאַפּ די ווײַל אויף און זי בלײַבט שוין אין מײַן וואָרט פאַרקריצט.

## הייב אָן פון אָנהייב

הייב אָן פון זיך אַליין, פאַרגעס די אַלע שיינע ביכער,
די טראַכטונגען די פרעמדע און די אַלע קלוגע רייד.
דו מיין נישט, אַז דו ווייסט שוין אַלץ און זײַ נישט קיין מאָל זיכער,
אַז האָסט פאַר אַלץ געפונען שוין אַן ענטפער, אַ באַשייד.

הייב אָן פון אָנהייב, ווי געווען וואָלסטו דער מענטש דער ערשטער,
ווי דו געזען וואָלסט אין דער וועלט אַלץ ווי צום ערשטן מאָל,
און שטיין פון דער אַנטפּלעקטער פּראַכט אין גאַנצן אַ באַהערשטער,
ווען אַלע פרעמדע ווערטער לעשן אויס זיך אין דײַן קול.

## ווי אַ מאָל

דו האָסט דעם מילכוועג, גאָט, פאַר מיר אַ מאָל צעשײַטערט,
די אַלע שטערן און די בלויקייטן אַרום.
נאָר איך האָב זיך פון דיר אין מײַנע נעכט דערווײַטערט,
און ס׳איז מײַן האַרץ געוואָרן קאַלט אַזוי און שטום.

איצט פיל איך אויף דאָס נײַ דעם ווונק פון דײַנע שטערן,
ווי קינדווײַז, גאָר אַ מאָל, אין אָוונטיקער שפּעט,
און ס׳דוכט זיך מיר, איך וועל דײַן קול נאָך אויף דאָס נײַ דערהערן,
אַט ווי אַ מאָל, ווען חומשדיק דו האָסט צו מיר גערעדט.

# איך וואַרט נאָך אויף זײַן סימן אַלץ

איך וואַרט נאָך אַלץ אויף גאָטס אַ וואָרט, איך וואַרט אויף זײַנס אַ סימן,
אין מײַנע נעכט, די שלאָפלאָזע, איך וואַרט אויף זײַן באַריר.
איך ליג און הער די שטילקייט ברומט, זי זינגט צו אים אַ הימן,
דאָס פענצטער בלויט מיט לויב צו אים, מיט ציטער וואַרט די טיר.

כ'האָב קיין מאָל נישט אין מײַן גערדאַנק דעם וועג צו אים פאַרגעסן,
מיט יעדן קרומען טראָט גיי איך נאָך אַלץ צוריק צו אים.
דורך אַלע טעג און נעכט, דורך אַלע איינזאַמע מעת לעתן
איך וואַרט נאָך אויף זײַן סימן אַלץ, איך וואַרט נאָך אויף זײַן שטים.

# ס'איז גוט

ס'איז גוט, וואָס ערגעץ ווו האָב איך פאַרשפּעטיקט
דעם לעצטן צוג וואָס גייט צו סטאַנציע „רו".
ס'איז גוט, וואָס ס'האָט די זעט מיך נישט געזעטיקט,
וואָס נישט דערגאַנגען בין איך ערגעץ ווו.

און כאָטש איך שטיי אַצינדער דורכגעשטויביקט
מיט מידע פיס בײַם סוף פון וועג, אַליין —
וואָלט איך אויף ס'נײַ איצט אָנגעהויבן גלויביק,
כאָטש כ'ווייס פאָרויס, אַז איך וועל נישט דערגיין.

# זיכרונות

## אין זיכּרון...

ס'קען זײַן, אַז אַלץ איז איצטער שיין בײַ דיר נאָר אין זיכּרון,
און אויף דער וואָר געווען, קען זײַן, איז דעמאָלט גאָר פאַרקערט.
דו האָסט פאַרגעסן אין דעם לויף פון אַלע דײַנע יאָרן
ווי אויף אַן אמת אויסגעזען דער הימל האָט, די ערד.

דער פרילינג האָט געקוקט, קען זײַן, אין שויב אַ גרויער, בלינדער,
מיט הימלען קאַלטע, ווינטיקע, אַדורכגערויכיקט-בלאָס.
נאָר גוט איז פאָרט געווען צו טאָפּטשען באָרוועס מיט די קינדער
דורך בלאָטיקע קאַלוזשעס פון אַ פרילינגדיקער גאַס.

## אין וואַכע נעכט

מײַן טאַטע האָט אין מײַנע יאָרן זיך געגרייט שוין שטאַרבן
און איך, זײַן זון, ליג בײַ דער נאַכט אין עבר גאָר פאַרהערט,
און פּרוּוו זיך אַלץ דערמאָנען ווײַטע קלאַנגען, ווײַטע פאַרבן,
און ווי געשמעקט האָט קינדווײַז מיר אין פרילינגטעג די ערד.

אַ גאַנצע נאַכט איך קען אַזוי אַ וואַכער ליגן, הערן —
אַזוי פיל יאָר פון חורבן הינטער מיר, פון בראָך און נס.
אָט וואָלט איך גאָר באַדאַרפט בײַ נאַכט פון עולם הבא קלערן,
און איך, איך טראַכט גאָר ווי געשמעקט האָט קינדווײַז מיר דער בעז.

## דער ריח פון קראָפּעווע

איך טראָג פון קינדווייַז אום אַ זומערטאָג. דער גרין, די פאַרבן,
זיי זוניקן צונויפגעגאָסן אין דעם פאַרנעם גלי.
איך שפּיר נאָך איצט דעם קראָפּעווע-גערוך דעם בייַסיק-האַרבן,
וואָס פּרווווט פאַרשלאָגן אַלע ריחות פון צעשמעקטן בלי.

דער ריח גייט נאָך איצט מיר נאָך ווי קינדווייַז מיט אַ ציטער,
צוזאַמען מיט אַ שמאַרצנדיקער ברִיעכץ אויף אַ פוס.
איך טראָג אים אום, דעם זומערטאָג — אַ זון-טאָג אַ צעגליטער
פון קינדער-טעג פאַרלאָרענע — אַ ווייַטער, הייסער גרוס.

## זיכרונות

ס׳איז דאָ אַ שעה — איך טו מיך אוים פון אַלע טאָג-געדאַנקען,
איך וואַרף אַראָפּ פון זיך אַ יעדן וואָכיקן געפיל,
איך נעם אַרויס באַהאַלטן, ווי פון לאַנג-פאַרמאַכטע שאַנקען,
זיכרונות פון מייַן יוגנט-לאַנד, וואָס טונקלען דאָרטן שטיל.

איך טו מייַן דמיון אָן מיט לאַנג-פאַרגעסענע באַגערן,
ווי אַטלאַסן אַלטמאָדישע, נאָך פול מיט הייסן גלאַנץ,
וואָס שימערן און מיניען זיך מיט ווייַטער פרייד און טרערן,
וואָס פלאַטערן און שאָרכן נאָך מיט לידער און מיט טאַנץ.

## מייַן זיכּרון

אַן אָפּגעשוימטער שטילער ים איז איצטער מייַן זיכּרון —
די לייַדנשאַפטן-כוואַליעס רינצלען קוים זיך דאָרטן, קוים.
ווי שיפן נאָך אַ שטורעם טיף פאַרזונקען און פאַרלאָרן
דאָרט ליגן לאַנג-דערטרונקענע — אַ בענקשאַפט ווו, אַ טרוים.

איצט שפּיגלט מייַן זיכּרון זיך — אַ ים צעבלויט, געשליפן,
אַ ים, וואָס ס׳גיט קיין ווינטל מער נישט אומרויִק קיין וועק.
נאָר ס׳וואָגלען אין די טיפן זייַנע אום, ווי טויטע שיפן,
די בענקשאַפטן, וואָס קענען אַלץ נישט רוען אויף דער דעק.

# דאָס נאַפּטלעמפּל

כ'האָב אַלף־בית געלערנט ביַי אַ נאַפּטלעמפּל אַן עלפער,
וואָס האָט אַ געלע שיַין געשפּרייט אַנטקעגן אויף דער וואַנט.
איך זע נאָך אַלץ דאָס פּנים פון מלמד, צי באַהעלפער,
איך זע נאָך אַלץ דעם טיַיטל אין זיַין ביינערדיקער האַנט.

אַזוי פיל יאָר. דאָס נאַפּטלעמפּל, זיַין אָפּשיַין נאָך דער געלער,
וואָס האָט אַ מאָל אַ רויכיקער געהעלט אַדורך דעם גלאָז,
ער לעבט אין מיר, ער ווערט פאַר מיר פון יאָר צו יאָר אַלץ העלער
און ליכטיקער, און וואַרעמער ווערט מער מיר יעדעס אות.

# דער בלויער פויגל

אַ וויַיטער טאָג, אַ יינגלשער, איך זיץ ביַים טיש אין חדר,
אין פענצטער שטייט אַ בוים מיט צוויַיגן גרינע ברייט צעשפּרייט.
דער רבי לערנט און די קינדער זאָגן נאָך כּסדר,
און איך, איך קוק ווי אויף אַ בוים אַ בלויער פויגל שטייט.

אַזוי פיל יאָר — איך זע דעם חדר, כ'הער דעם זשום פון פליגן,
איך הער דעם רבינס קול נאָך ווי ער לערנט אונדז דעם טראָפּ,
איך זיץ, מיר דאַכט, אַז דורך דעם פענצטער זינגט מיט אונדז דעם ניגון
דער בלויער פויגל אויפן בוים, וואָס קוקט צו אונדז אַראָפּ.

# ביַים בענטשן ליכט

מיַין מאַמע וויינט ביַים בענטשן ליכט, איך הער נישט אירע ווערטער,
איך זע נאָר ווי די טרערן טריפן אָפּ אויף איר געזיכט.
איך קוק זיך צו — אַ ליַיכטער שטייט אין גאַנצן אַ פאַרטרערטער,
אַ ליַיכטער וויינט, ווי זי, מיט הייסע טראָפּנס פון אַ ליכט.

איך זע נאָך אַלץ מיַין מאַמעס הענט, וואָס פליגלען ביַי איר שטערן,
די אויגן אירע, האַלב־פאַרמאַכטע, אין דער וויַיט געווענדט,
און דורך דער העלער שיַין, וואָס פינקלט אָפּ אין אירע טרערן,
אַ קיין מאָל נישט־פאַרגעסענעם, אַ שבתדיקן בלענד.

## אַן אָרעמאַן

איך זע נאָך איצט דעם אָרעמאַן אין אונדזער קיך — ס'איז פרײַטיק,
איך זע אים אַ געבויגענעם בײַם טעלער מיט געקעכץ —
ער קוקט אויף מיר, דעם יינגעלע, אַ טרויעריקער, זײַטיק
און ווי נאָך יעדן לעפל גיט ער שטיל פאַר זיך אַ קרעכץ.

איך זע נאָך איצט דעם פּנים זײַנעם מיט דער באָרד דער גרויער,
ער זיצט ווי אַ פאַרשעמטער בײַ דעם פרעמדן טעלער זופּ.
וואָס טראַכט ער, וואָס? צי זעט ער נישט אַ מאָל גאָר זיך מיט טרויער,
אַ יינגעלע ווי איך, נאָר בײַ זײַן מאַמען אין דער שטוב?

## איך זע נאָך אונדזער שטוב

איך זע נאָך אונדזער שטוב — די אויסגעקאַלכטע דירה,
די שאַנק לעם וואַנט, דעם גרויסן טיש מיט אַ סערוועט באַדעקט,
און אויף דער וואַנט די קאַרטע, אויף העברעיִש, פון „הצפירה",
פון קריג נאָך פון יאַפּאַנישן — שוין אָפּגעבלייכט, פאַרפלעקט.

ס'איז לאַנג שוין נאָכן קריג, נאָר בײַ דער וואַנט דאָרט לעם דער קאַרטע,
זיך פּילפּלענדיק מיט סבֿרות, מיט אַ נײַגער נישט-געשטילט,
נאָך שטייען דאָרט צוויי ליטוואַקעס אין קאַפּעליושן האַרטע
און פרוּוון אַלץ דערגיין — פאַר וואָס ס'האָט פּאָניע פּאָרט פאַרשפּילט.

## מײַן טאַטע

מײַן טאַטע איז געווען אַ ייִד פון נײַנצעטן יאָרהונדערט —
אַ משׂכּיל אַ פאַרליבטער אין סמאָלענסקין און תּנך.
די נײַע צײַט האָט אים געפּלעפט, האָט מאָדנע אים פאַרוווּנדערט
און נישט געקענט פאַרשטיין האָט ער, באַנעמען שוין איר שפּראַך.

אין שניפּס און האַרטן קאַפּעליוש אין פּראַסטן אין דער וואָכן,
מיט מאַפּוס „אהבת ציון" אין די צערטלענדיקע הענט,
האָט אים פון דער קאָלוזשע, אין דעם גאָרטן בײַ דעם שכן,
דער ירדן אַ צעכוואַליעטער, אַ זוניקער געבלענדט.

## מײַן באָבע

מײַן באָבע פֿון דעם טאַטנס צד פֿלעגט מיך צום שלאָף פֿאַרוויגן,
זי איז געווען אַ ספּרדישע — פֿון ווײַטן שפּאַניע־לאַנד.
איצט טראָג איך אום איר קול אין מיר, באַהאַלטן מיט איר ניגון,
ווען זי האָט מיך פֿאַרוויגט אַ מאָל מיט גלעטנדיקער האַנט.

כאָטש איך געדענק נישט מערער שוין איר פּנים, אירע גלעטן,
כאָטש כ׳קען זיך נישט דערמאָנען מער איר שטימע, אירע רייד,
נאָר ווען איך הער צום טאַקט פֿון טאַנץ דעם קנאַק פֿון קאַסטאַנעטן
גייט אויף אין מײַנע בלוטן היים אַ פּיבערדיקע פֿרייד.

## דעם שכנס שטוב

איך זע נאָך אונדזער שכנס שטוב, אַ שטוב כמעט אָן מעבל:
אַ קרומער טיש, אַ לאַנגע באַנק, דער באַלקן אויפֿן קאָפּ —
אַ פּולע שטוב מיט פֿליגן, אויפֿן טיש — אַ שוואַרצברויט־לעבל,
אין מיטן שטוב — דער אויוון, אויפֿן פּריפּעטשיק — אַ טאָפּ.

נאָר קומט דער שבת, בײַט זיך אַלץ — אַוועק דער אינדערוואָכן —
דער טיש פֿאַרדעקט, דער לײַכטער־מעש ער שײַנט, כאָטש מאַט, פֿאַרגעלט,
נאָר ס׳בלענדט די קופּערבאָרד צעקעמט אין צווייען בײַ דעם שכן
און ס׳זינגט אין גאַס דער טײַטש־חומש אין שכנהס קול צעהעלט.

## די באַבע

מען האָט אַ מאָל מיר אָפּגעשפּראָכן קינדווײַז אַן עין הרע,
איך זע נאָך אַלץ די באַבע מיט דער קורצער, ברייטער נאָז,
דאָס קרומע אויג, וואָס קוקט אַרויס פֿון שפּעלטל, ווי אַ נאַרע —
אַן אויג אַן איין און איינציקס און אין האַנט ביי איר אַ גלאָז.

זי פּרעפּלט עפּעס, פּליסטערט צו דעם גלאָז מיט מוטנעם וואַסער,
זי רעדט אַרײַן אין פּנים מיר און גיט פֿון גלאָז אַ שפּריץ —
איך ליג און ברען, און אויף מײַן קאָפּ אַ האַנטעך ליגט אַ נאַסער,
אַ רויטער טונקל הילט מיך אײַן און שלאָגט אויף מיר מיט היץ.

## די בויד

און איך געדענק נאָך פון מײַן קינדהייט, ווי אַ פורל מיט אַ בויד האָט
געפירט מיך קראַנקערהייט צום דאָקטער אין אַ נאָנטער, גרויסער שטאָט.
ווי איצט געדענק איך, ווי דאָס פורל האָט געטרייסלט זיך, געהוידעט,
זיך אַרויף, אַראָפּ געשאָקלט און געסקריפּעט האָט אַ ראָד.

ווי איצט געדענק איך אָט די בויד נאָך מיט דער האַלב-פאַרמאַכטער קליאַפּע,
ווי ס'האָט דער ווינט די פור געריסן און געטרייסלט מיט דער בויד.
איך געדענק דעם סקריפּ פון ראָד נאָך און דעם רעגנס בייזן כליאַפּען,
און ווי אין ווינקל האָט מײַן מאַמע שטיל געוויינט מיט אויגן רויט.

## דער גלעזער

דער גלעזער פון זשעלאַזנע-גאַס — איך זע נאָך אַלץ זײַן פּנים:
אַדורכזיכטיק און גרינלעך, ווי די טאָפּלען פון זײַן גלאָז,
צעפּלעקט, ווי ס'טרעפט אויף שויבן בלײַבט פון רעגן די סימנים,
מיט שמאָלע ליפּן ווי מיט בלאָסן שקיעהדיקן ראָז.

די אויגן נאָר זײַנען בלויען פול מיט שמייכלענדיקן טרויער,
זיי ליכטיקן און מאַכן העל זײַן מאָגערן געזיכט,
ווי שויבן אין דעם שפּעטן האַרבסט וואָס ווערן פלוצלונג בלויער,
ווען ס'גיט די זון אַ שײַן אַרײַן מיט לעצטן, קאַרגן ליכט.

## אַ מיידל זינגט

איך זע נאָך אַלץ ווי איצטער יענעם אָוונטיקן שײַטער —
דער הייסער טונקל שמעקט מיט רויך און ליפּעס זיס-צעבליט.
אַ ליבע-ניגון שווימט אַרום אַ הייסער, אַ פאַרשײַטער
און אַ האַרמאָניק שפּילט צום טאַקט-צו פון דעם מיידל-ליד.

אָט ווייפל טעג און ווייפל נעכט עס האָבן שוין געמיטן,
נאָר יעדעס מאָל ווען כ'הער בײַ נאַכט ווי אַ האַרמאָניק שפּילט,
דערזע איך ווידער יענע נאַכט: דעם שײַטער דעם צעגליטן,
אַ מיידל זינגט — איר פּנים רויט, מיט הייסער שײַן פאַרהילט.

## וואָס איז פון דעם פאַרבליבן?

זעט אויס, איך האָב פאַרגעסן אַלץ — די רייד דײַנע, די ווערטער,
פאַרגעסן אַלע נעכט פון דעם צעפּרילינגטן אַמאָל.
נאָר טרעפט, אַז אין אַ שטערן-נאַכט איך בלײַב שטיין אַ פאַרהערטער,
ווי עמעצער דערמאָנט וואָלט מיר די רייד דײַנע, דײַן קול.

און איך דערמאָן זיך ווידער אַלץ — וואָס איז פון דעם פאַרבליבן?
אַ בלייכער שמייכל נאָר, אַ בליק, אַ וואָרט וואָס קלינגט צעשטיפט.
ס'קען זײַן, די נאַכט דערציילט מיר דאָס — זי האָט אַ מאָל פאַרשריבן
דעם בלוי פון דײַנע אויגן מיט איר שטערנדיקער שריפט.

## דער נאַסער ליים

כ'בין לאַנג פון שטעטל שוין אַוועק, אַוועק שוין לאַנגע יאָרן,
נאָר ס'ליגט אין מיר באַהאַלטן נאָך דער אויסזען פון מײַן היים:
דאָס שמאָלע געסל און דער טײַך, אַ פעלד מיט גאָלד פון קאָרן
און אין אַ רעגנטאָג בײַם וועג — אַ גרוב מיט נאַסן ליים.

ווי מאָדנע איז, כ'האָב שיינקייטן אַזוי פיל שוין באַגעגנט,
אַזוי פיל ימען, בערג און הימלען ליכטיקע צעבלויט,
נאָר איך זע אַלץ דאָס געסל נאָך, דעם טײַך, דאָס פעלד — עס רעגנט
און ס'גליט דער נאַסער ליים אין גרוב מיט אויסטערלישן רויט.

## ר י ח ו ת

עס ליגן געררוכן באַהאַלטן אין מיר, פאַרגעסענע קינדערשע טעמען,
זיי כאַפּן זיך אויף און זיי קומען ווי געסט גאָר צו מיר אומגעריכט,
און אויגן צעלויכטן זיך פּלוצלונג, וואָס קומען מיט זיי אויף צוזאַמען,
און ס'טויכט אויף דורך טונקעלן ריח פון קינדערשע טעג אַ געזיכט.

און ווערטער פאַרגעסענע קומען פאַרבלאָנדזשעט דורך ווײַטע געררוכן,
מיט שמייכלען פאַרלאָשענע, בלייכע, וואָס וואַכן מיט בענקשאַפט
אין מיר —
אַ וועלט אַ פאַרלאָרענע ערגעץ, זי קומט מיר דורך ריחות באַזוכן,
דורך היימישע ריחות זי פירט מיך צוריק צו מײַן קינדערשער טיר.

## דיַין שאָטן

פון אַלע אויגן קום איך אויף צוריק צו דיַינע אויגן,
פון אַלע בליקן קום איך צו דיַין בליק נאָך פון אַ מאָל.
אַזוי פיל ווערטער האָב איך שוין געמאָסטן און געוווגן,
נאָר ס'זיַינען נאָנט די ווערטער מיר ווו ס'קלינגט נאָך אָפּ דיַין קול.

דורך וויפיל שטעט און גאַסן האָב איך אַלץ שוין נישט געטראָטן,
ווו האָט פאַר מיר אַ טיר זיך נישט צעעפנט פריידיק־העל,
נאָר ס'איז מיר אַלץ נאָך ליבער איצט דיַין פלאַטערדיקער שאָטן,
וואָס איז לעם אונדז געשטאַנען ביַי דיַין אַוונטיקער שוועל.

## מיַין שטעטל ביַי נאַכט

מיַין שטעטל ביַי דער נאַכט. די שטערן רוישן אין די צוויַיגן,
זיי בלאַנדזשען דאָרט, און פול מיט בלוי איז דער גערוך פון ווינט.
אַ וויַיטער רעדער־סקריפּ. ס'איז שטיל. די וועלט איז פול מיט שוויַיגן,
וואָס מישט זיך אוים מיט נאָגנדיקן וויַיטן ביל פון הינט.

עס בלויט דער טיַיך. די וואַסערמיל איז פול מיט וויַיטן ברומען.
די שטערן הוידען זיך צום טאַקט פון כוואַליעדיקער שפּיל.
ס'איז שטיל אַזוי, אַ שטילקייט, וואָס וועט מער צו מיר נישט קומען
און נאָר דער אומרו בליַיבן וועט מיט וויַיטן רויש פון מיל.

## יוגנט־זעונגען

די יוגנט־זעונגען, ווי געל־פאַרעלטערטע גראַוויורעס,
זיי שאָטענען אין מיַין זיכּרון טונקל פון דער ציַיט,
איך פּרוּוו צו זיי גענענען דורך דעם כּישוף פון די שורות,
אַדורכריַיסן צו זיי זיך דורך דער נעפּלדיקער וויַיט.

אַזוי גיי איך דורך שורות ווי דורך כּישופדיקע וועגן
צוריק צו מיַין פאַרשוווּנדענעם, מיַין וויַיטן יוגנטלאַנד
און אַלע עבר־זעונגען זיי לויפן מיר אַנטקעגן,
ווי טונקעלע גראַוויורעס, אויפגעלעבטע אויף דער וואַנט.

## קינדוויַיז

כ׳האָב קינדוויַיז ליב געהאַט צו ליגן אויף דער ערד אין שאָטן
און הערן מיט אַ צוגעלייגטן אויער צו דער ערד,
ווי עמעצער וואָלט ערגעצוווּ אין אײַלעניש געטראָטן,
ווי ערגעץ וואָלטן רײַטערס זיך געטראָגן אויף די פערד.

מײַן האַרץ פלעגט קלאַפּן אומרויִק, דער ווינט פלעגט שאָרכן, בלאָזן,
די ערד מיט אַראָמאַטן האָט געאָטעמט הייס, צעגליט,
און איך פלעג ליגן אויף די ווייכע, שאָטנדיקע גראָזן,
און הערן ווי עס לויפט צו מיר די ערד מיט אומרו־טריט.

## מײַן יוגנט

מײַן יוגנט כאַפּט זיך אויף מיט ווײַטע טעמען און גערוכן,
מיט שוואַרצברויט און מיט עפּל־ריחות קומט זי אָפּט צוגאַסט.
אַ זומערטאָג אַ קינדערשער הייבט פלוצלונג אָן מיך זוכן,
ער קומט מיט וואָלקנס גאָלדיקע אין בלויקייט אײַנגעפּאַסט.

די וואָלקנס, דאַכט זיך, שמעקן נאָך מיט שוואַרצן ברויט און קימל,
זיי גאָלדיקן און העלן מיט אַ ווײַטן קאָרנפעלד,
און ס׳שמעקט מיט קילן וואַסער נאָך דער בלויער גלאַנץ פון הימל
וואָס האָט, ווי איך, געבאָדן זיך אין זעלבן טײַך צעהעלט.

## האַרבסט אין שטעטל

די וואָלקנס אײַלן זיך צום האָריזאָנט געבויגן,
זיי פאַלן צו פאַרווייניטע צו דער קאַלטער ערד.
דער ברונעם־אָטשעפּ, ווי אַ כליפּענדיקער בויגן,
קלאַגט אויס אויף פידלען ווינטיקע אַ ליד פאַרטרערט.

די נאַכט פאַלט צו. אין עמער שווימען בלייכע שטערן.
די נאַכט געבליבן איז בײַם ראַנד פון ברונעם שטיין.
ס׳איז שטיל אַזוי. מיר דאַכט זיך אויס — איך קען איצט הערן
מײַן קינדערשן, שוין לאַנג פאַרגעסענעם געוויין.

## כל נדרי

דער מאַרק שטייט פּוסט אין דעם פאַרנאַכט, אַן אויסטערליש אַנטבלויזטער
פון וואַכיקער טאָגטעגלעכקייט — נישטאָ אַרום קיין ייִד.
מען זאָגט כל נדרי איצט אין שול, אין מיטן מאַרק דער קלויסטער
צעשראָקן קוקט ווי אין די פענצטער פלעמלעך ליכט צעגליט.

דער קלויסטער גלאָצט פאַרגליווערט מיט פאַרשטומטע טורעם-גלאָקן,
ער הערט דעם ניגון פון דער שול און זעט ווי אויפן ראָג
אַ גוי געבליבן שטיין איז און ער קוקט, ווי ער, צעשראָקן
ווי ס׳גייט אוים אויפן מאַרק מיט ליכט צעפלעמלטע דער טאָג.

## נעילה

אַט נאָך אַ ווײַל פאַרשלאָסן ווערט אין הימל שוין דער טויער,
אין שול איז טונקל, ס׳טשאַדען נאָר די צאַנקענדיקע ליכט.
אַ ייִד האָט זיך צעכליפּעט פול מיט דאַוונענדיקן טרויער,
די טרערן קאַפּען, טריפן היים אַראָפּ אויף זײַן געזיכט.

די שקיעה האָט אַ פענצטער מיט איר אָפּשײַן היים פאַרגאָסן,
אַ שויב האָט רויט צעפלאַמט זיך און עס האָט זיך מיר געדאַכט
דער הימל האָט געעפנט זיך און האָט זיך באַלד געשלאָסן,
צעשראָקן צאַנקען ליכט — עס האָט דער טויער זיך פאַרמאַכט.

## די לבנה

פון הימל די לבנה קוקט אַ בלאַסע מעלאַנכאָליש —
ווי דורכגעבלויט מיט קילע שאָטנס איז דער דרויסן פול,
זי קוקט אַראָפּ מיט טרויער פון דעם שטערנדיקן פּאָליש —
אַ קינדעריש פּנים, ווי אַ מאָל נאָך אויף דער שוועל פון שול.

ווי דעמאָלט, זע איך איצטער נאָך דאָס פּנים דער לבנהס —
ס׳איז נאָך נעילה, כ׳זיץ מיט שרעק אין פּאָליש אויף דער שוועל,
זי קוקט אויף מיר, איר פּנים בלאַס איז פון דעם לאַנגן תּענית
און מיר איז מאָדנע אומעטיק, כאָטש ס׳איז דער אָוונט העל.

## סופּותדיקע ריחות

די וואַרעמקייט די האַרבסטיקע שמעקט זיס מיט פּויל און האָניק,
זי טראָגט אַרום די ריחות פֿון דעם סופּותדיקן סכך.
דער בלויער אָוונט פֿאַלט שוין צו אַדורכזיכטיק, לבֿנהיק,
כאָטש די לבֿנה ליגט נאָך אַלץ אויף יענער זײַט פֿון דאַך.

זי ליגט נאָך דאָרט באַהאַלטן, נאָר שטראַלט אויס אַ בלאַסע גרינקייט
וואָס וועבט, פֿאַרשפּינט דעם דאַך, די ערד וואָס ליגט שוין האַרבסטיק־הויל.
דער אָוונט פֿיבערט אין דער בלאַסער שטראַליקער פֿאַרשפּינטקייט
און ס׳שמעקט מיט סכך, מיט האָניק און מיט וועלקנדיקן פּויל.

## איך גיי אַרום אין פֿרעמדע שטעט

איך גיי אַרום אין פֿרעמדע שטעט און טראָג אין מײַנע טריט אום
דעם עכאָ פֿון מײַן יוגנט, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט.
דורך גרויסע שטעט, דורך זייער גרילציק־ליאַרעמדיקן ריטעם,
טראָג איך נאָך אום די שטילקייט פֿון מײַן שטעטלשן פֿאַרנאַכט.

מײַן זיידנס וועלט, מיט בלייכער שײַן פֿון מצוות, עולם הבאס,
האָב איך פֿאַרלאָזט און בין אַרײַן אין גויִש־פֿרעמדן גבֿול,
נאָר ס׳זינגט אין מײַנע טריט נאָך אַלץ דער ניגון פֿון אַ שבת
און ס׳ווינקט פֿון אַלע דעכער מיר דער דאַך פֿון אונדזער שול.

## דורך ווײַסע שׂריפֿות שנייִיקע...

דורך זאַווערוכעס רוויִקע קומט אַלץ צוגיין הײַנט ווידער,
אַ ווײַטער הימל קומט צו מיר, וואָס איז שוין לאַנג אַוועק.
דער טאָג שטייט אין מײַן פֿענצטער הײַנט אַן אײַנגעבויגן־מידער —
ער האָט אַליין פֿאַרבלאָנדזשעט און געפֿינט נישט מער דעם וועג.

די טיר פֿון מײַן זיכּרון אָבער שטייט הײַנט ברייט־צעעפֿנט —
דורך ווײַסע שׂריפֿות שנייִיקע מײַן קינדהייט קומט צו גיין.
אָט וועל איך באַלד אַרויסגיין און גאָר זיך אַליין דאָרט טרעפֿן,
גאָר זיך אַליין, אַ קינד נאָך, אין דעם שניי פֿאַרלאָרן שטיין.

## אַ ווײַטער טאָג

איך וויל אין שלאָף אַ מאָל נאָך דורך דעם אומוועג פון אַ חלום,
אַרויסגיין צו אַ טאָג, וואָס ליגט באַהאַלטן אין מײַן וואָר —
אַן אויסטערלישער טאָג, וואָס איך האָב שוין געזען אַ מאָל אים
און כ׳טראָג זײַן אויסזען אום אין זיך, כאָטש נעפּלדיק, נישט קלאָר.

אַ ווײַטער קינדער־טאָג, און דאָך אַזאַ מין היימיש־נאָנטער,
ווען איך האָב פון דער ערד צום ערשטן מאָל זיך אויפגעשטעלט
און האָב גענומען גיין, איך זע נאָך דורך דעם טעג־געפּלאָנטער
ווי כ׳בין אַוועק און גיי נאָך אַלץ פאַרחידושט אין דער וועלט.

## דײַן זיפּרון

עס קען נישט דײַן זיפּרון שוין דעם עבר איצט פאַרריכטן,
ער קען אים איצט באַנעמען נאָר און נאָכקוקן זײַן גאַנג
און אַלץ וועט ווידער אויפגיין אין אַ ליכט אַן אומגעריכטן,
נאָר דורכגעלײַטערט שוין אַדורך דער קלוגשאַפט פון געדאַנק.

און וואָס פאַר דײַן פאַרשטאַנד האָט דעמאָלט לאָקנדיק געליכטיקט,
און האָט געררייצט, געמאַניעט דיך מיט אויסדאַכט העל, מיט פרייד,
וועט איצטער שוין דיר אויסזען אַזוי נישטיק און נישט וויכטיק —
אַ נאַרנדיקע פאַלשע שײַן, וואָס קומט און וואָס פאַרגייט.

# נאָך אַלעמען

## נאָך אַלעמען

איצט איז עס שוין נאָך אַלעמען. אַ ייִד אויף פרעמדע גאַסן
טראָגט אום אין זײַנע אויגן נאָך די ווײַטע שׂריפה־שײַן.
ער פּרוּווט מיט הייסע ווערטער, כאָטש שוין שטיל, געצוימט, געלאַסן
דערציילן פון זײַן פּחד אין אַ וועלט פון שטומער פּײַן.

איצט איז עס שוין נאָך אַלעמען. איצט איז עס שוין געשיכטע,
אַן עכאָ אַ פאַרלאָשענער אין נאַכט פון מײַן געמיט —
און נאָר דער פּחד טליִעט נאָך, די שרעק די אומגעריכטע,
וואָס וועקט מיך אויף אין מיטן נאַכט מיט ווײַטע אומרו־טריט.

## פּאַר שרעק

מײַן לעבן ליגט צעקרישלט און צעבראָקלט
צווישן וואַרשע, מאָסקווע און ניו־יאָרק.
פון הינטער מיר אַ וועלט וואָס גרוילט און עקלט,
אַנטקעגן מיר אַ פרעמדע וועלט מיט זאָרג.

און איצטער שוין, פון וואָגלטעג אַ מידער,
בין איך נישט מיד פון ווײַטן, שווערן וועג,
נאָר פון מײַן וואָרט, פון אַלע מײַנע לידער,
וואָס כ׳האָב אַ מאָל דערשטיקט אין זיך פאַר שרעק.

# אַ חורבן־גאַס

אַ טויטע שטילקייט, כ׳הער אין שרעק נאָר פון מײַן האַרץ דאָס קלאַפּן.
אַ פּוסטע גאַס, אַ נאַכטיקע, די פענצטער — פינצטער, בלינד.
מײַן אויער וואַכט, ער פּרוּווט אין שטילקייט פון דעם חושך כאַפּן
אַ טראָט, אַ שאָרך, נאָר שטיל איז, שטיל, קיין פאָך נישט פון קיין ווינט.

די גאַס איז שוואַרץ־צונויפגעגאָסן — נישט קיין ווענט, קיין דעכער,
אַ מוטנער הימל ראַזיקט זיך פון שׂריפה־שײַן צעגליט
און שטיל — קיין קלאַנג נישט און קיין שאָרך, נאָר העכער אַלץ און העכער
עס קלאַפּט מײַן האַרץ, עס קלאַפּט צום טאַקט פון נ י ש ט -
ג ע ה ע ר ט ע טריט.

## דאָס פּנים פון אַ קינד

איך האָב געזען אַ געטאָ־גאַס — פון חורבות אַ מאָזאַיִק
פון שׂריפות דורכגעפרעסן מיט די רעשטלעך קוימענס, ווענט,
דעם הימל איבער זיי, וואָס האָט מיט שויבער־וואָלקנס בלײַיִק
ווי אָפּגעשפּיגלט טיף אין זיך דאָס בילד פון דעם פאַרלענד.

ווי ס׳וואָלטן ערד און הימל גאָר געוואָרן איין רויִנע,
געוואָרן איינס — דורך בראַנד און רויך פאַרוועבט זיך און פאַרשפּינט,
און נאָר פון גרויען וואָלקן־שפּיל, מיט אויגן רויכיק־גרינע,
אַראָפּגעקוקט צו מיר האָט ווי אַ פּנים פון אַ קינד.

## מײַן אומבאַקאַנטער פרײַנד

מײַן אומבאַקאַנטער פרײַנד פון יענעם קליינעם שטעטל,
וואָס האָסט באַגעגנט מיך אין טעג פון חורבן, טויט —
איך זע דײַן שטוב נאָך אַלץ, איך זע דעם טיש, דאָס בעטל,
און לעם דעם טעלער זופּ — דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט.

דײַן שטוב איז שוין נישטאָ, דאָס שטעטל לאַנג פאַרשוווּנדן
און דו, מײַן ווײַטער פרײַנד — ווער ווייס צי ביסט נאָך דאָ?
דער לאָמפּ פון יענער נאַכט ברענט אַלץ פאַר מיר געצונדן
און שײַנט נאָך אַלץ מיט גלויבן אין מײַן ספק־שעה.

## אָט קוים וואָס איך דערמאָן זיך

די צײַט הייבט־אָן פאַרנעפּלען אַלץ. דער בראָך דער אומגעריכטער
האָט אײַנגעשלונגען פּלוצלונג אַלץ אין בראַנדיקן פאַרלענד.
אָט קוים וואָס איך דערמאָן זיך שוין דעם אויסזען פון געזיכטער —
איך זע די ווײַטע גאַסן נאָך, איך זע שוין נישט די ווענט.

זיי טונקלען אין די ווײַטקייטן שוין אויסגעמישט צוזאַמען,
ווי בילדער אין אַ דעמערונג אויף גרויע ווענט פאַרקנוילט.
דו זעסט שוין מערער גאָרנישט דאָרט — עס גלאַנצן נאָר די ראַמען
און ס׳שטומט פון זיי אַ ליידיקייט, אַ גרויע פּוסטקייט גרוילט.

## עס שרײַט אַ וואָרט

מיך האָבן אַלע זומערס נישט געזעטיקט נאָך גענוג
און לײַדנשאַפטן רײַסן זיך ווי פרילינגדיקע קריִעס,
און פול בין איך און איבערפולט, אָט ווי אַ פולע קרוג
מיט ווײַן פון שיכּורע, פון גליִענדיקע שקיעות.

נאָר ערגעץ אין געביין בײַ מיר פאַרוואַלגערט שרײַט אַ וואָרט,
וואָס שטויביקט ווי אין מדבר־זאַמד אַן אויסגעבלייכטער שאַרבן.
ער שרײַט אין מײַנע בלוטן שטום מיט ווײַטע טעג פון מאָרד
און לעשט אין מײַנע אויגן אוים די שײַן פון אַלע פאַרבן.

## דער לייטער

נאָך קינדווײַז האָט געצויגן מיך צו שטאַפּלען אויף אַ לייטער,
מיר האָט געלאָקט אַרויפגיין אין דער הייך אויף זײַנע טרעפּ —
אָט זעט ווי שטאַלץ אַ יִינגעלע, ווי דרייסט בײַם דאַך דאָרט שטייט ער,
אָט שטייגט ער העכער, העכער איבער ווענט, אַריבער קעפּ!

נאָר נישט באַשערט איז מיר געווען צו קענען שטאַפּלען העכער —
נישטאָ דער דאַך, נישטאָ דער הימל, וואָס האָט בלוי געהעלט,
ווען חרוב ליגן אַלע ווענט און אָפּגעברענט די דעכער,
און ס׳איז דער לייטער אויך נישטאָ צו יענער וווּנדער־וועלט.

## אַלטע וואַלצן

אין די נעכט, מיט וואַלצן אַלטע ווײנסטו, גרויע קאַטערינקע —
ס׳ווײנט דורך דיר מײַן ווײַטע קינדהייט אויף אַ זומערדיקער גאַס.
ביסט נישטאָ שוין, נישט מײַן קינדהייט — הינטער רויכן פון טרעבלינקע
שרײַען נעכט צעפלאַקערט־רויטע, בלייכן טעג פאַרחלשט, בלאַס.

ווײַן־זשע, ווײַן־זשע, קאַטערינקע! וועסט מיך מער שוין נישט פאַרוויגן —
איבער דײַנע אומעט־וואַלצן שרײַט מײַן ייִדיש־הייסע קלאָג.
נאָר צווישן וואָך און חלום טאַנצט בײַ נאַכט נאָך אום דײַן ניגון,
לויפט נאָך אום מיט מיר דאָרט באָרוועס אין אַ זומערדיקן טאָג.

## דער שטורעמווינט פון מײַנע טעג...

דער שטורעמווינט פון מײַנע טעג האָט אויסגעגערבט מײַן פּנים
און ס׳האָבן שׂריפה־נעכט מײַן בליק פאַרצויגן רויכיק־מאַט.
פון אַלע שקיעות טראָג איך אום די בלוטיקע סימנים
און ס׳שמעקן מײַנע האָר מיט שׂריפה־סמאַלינעס און טשאַד.

דער שטויב פון אַלע וועגן ליגט צעגרויט אויף מײַנע זאַכן,
דער בלעטערפאַל פון האַרבסטן פורפורט רויט אין מײַנע נעכט.
אַדורכגעזשאַווערט בין איך פון אַזוי פיל פרעמדע שפּראַכן,
פון ווערטער אָפּגעשונדענע, וואָס ווונדיקן פאַרשוועכט.

## חורבן־רויכן

ווי שוואַרצע, גיגאַנטישע ביימער, מיט קרומע, צעבויגענע צווײַגן,
עס זענען די רויכן געשטאַנען אויף בראַנדיקע שטעט אין די נעכט.
זיי פלעגן צעשויבערטע וואַקסן, זיך ציִען אַלץ העכער און שטײַגן,
זיך קנוילן אין הימלען אין רויטע מיט פלאַמיקן שויבער־געפלעכט.

די קנויליקע ביימער — די רויכן, מיט פלאַמיקע וואָרצלען אויף דעכער,
מיט בליטן פון שׂריפהיקע פונקען צעשאָטן אין ווירבל־געדריי,
זיי האָבן די וואָלקנס געשפּאָלטן, געריסן זיך העכער און העכער
און האַרבסטיק אין הימל געוועלקט דאָרט מיט קופּערנעם, לעצטן געשריי.

## איך האָב מײַן ליד פֿאַרהיט

פֿון יעדער זאַך אין וואָס איך גלויב, צי גלויב נישט,
זינג איך פֿאַר אײַך מיט אויפֿריכטיקע רייד.
ווי גוט איז איצט נישט דאַרפֿן קיין דערלויבניש
צו מעגן זאָגן אַלץ אָן פֿאַלשער פֿרייד.

אין יענעם לאַנד ווו כ'האָב אַ מאָל געוואַנדערט,
פֿון שרעק געיאָגט, אין טעג פֿון בלוט און מאָרד,
האָב איך מײַן ליד פֿאַרהיט פֿון יענער שאַנד דאָרט —
נישט דאַרפֿן דאָ זיך שעמען מיט מײַן וואָרט.

## אַ תּפֿיסה־קאָרידאָר

איך זע נאָך אַלץ דעם קאָרידאָר — די שרעק זי שוועבט, זי לויערט,
איך הער מען זאָגט מיר: — איר זענט פֿרײַ! — אָט שטיי איך אויף דער שוועל.
איך גיי, די מאָסקווער גאַס זעט אויס — אַ קאָרידאָר אַ גרויער,
וואָס ציט פֿון ביידע זײַטן זיך — אַ שטיינערנער טונעל...

אַזוי איז ער מיר לאַנג דערנאָך אָן אויפֿהער נאָכגעגאַנגען,
פֿאַרשטעלט פֿאַר מיר די גאַנצע גאַס, פֿאַרשטעלט די וועלט, די וואָר.
איך גיי און פֿיל: אַלץ גרויט אַרום, איך בין פֿון אים געפֿאַנגען
פֿאַרשפּאַרט, פֿאַרקלעמט, ס'איז נישט קיין גאַס — אַ תּפֿיסה־קאָרידאָר.

## דאָס טויטע וואָרט

ווער ס'האָט זײַן פֿרייד און ווי אין ליד פֿאַרוואַנדלט,
ווער ס'האָט אין וואָרט פֿאַרוועבט זײַן פּײַן און האַס.
נאָר פֿרעמדע האָבן שפּעטער אונדזער ליד פֿאַרהאַנדלט,
ווען אין דער שטיל, ווער פֿראַנק און פֿרײַ אין גאַס.

איצט קרעמערט מען מיט קרעמאַטאָריע־פֿלאַמען,
מיט מוט און בלוט, מיט העלדישקייט און מאָרד,
און ס'טריפֿט דאָס בלוט פֿון אַלע שיינע גראַמען,
און טויט, פֿאַרצוקט ליגט אויף דער גאַס דאָס וואָרט.

## ער האָט באַפוילן מיר

איך בין צו אײַך פון חורבן־טעג אַהער געקומען
מיט ווערטער אַשיקע, אַדורכגעברענט אויף קויל.
איך האָב באַדאַרפט, קען זײַן, אַ גאַנצן לעבן שטומען,
נאָר גאָט באַפּעלעריש האָט אויפגעמאַכט מײַן מויל.

און ווערטער נײַע האָט ער אויף מײַן צונג געגעבן,
נישט ווערטער פון אַ מאָל, נאָר ווערטער העל־צעגליט.
ער האָט באַפוילן מיר : — דו ביסט געבליבן לעבן,
טאָ, נעם דאָס וואָרט און שרײַ ! — איז שרײַ איך אין מײַן ליד.

## די לידער פון מײַן נעכטן

נאָך זינגען ערגעץ טיף אין מיר די לידער פון מײַן נעכטן
וואָס איך האָב נישט באַוויזן צו דערזינגען זיי אַ מאָל.
זיי פּרוּוון זיך נאָך איצטער אין מײַן וואָרט אַ מאָל פאַרפלעכטן
זיי גנבענען אַרײַן זיך אין מײַן ליד מיט ווײַטן קול,

מיט ווערטער לאַנג־פאַרגעסענע, מיט זוניק־העלן שימער,
מיט הייסער פרייד, מיט זאָרגלאָזער, פון ווײַטע יוגנט־טעג, —
ווי ס׳טוט די זון אַ שײַן אַ מאָל דורך שפּאַרעס אין אַ צימער
און אויף דער וואַנט גיט הייס אַ גלי אַ זוניק־העלער פלעק.

## די טיר איז צוגעמאַכט

אָפט דאַכט זיך מיר, איך הער נאָך אַלץ דעם רויש פון ווײַטע ווערטער,
איך הער באַקאַנטע שטימען, כ׳הער נאָך לידער פול מיט פרייד.
כאָטש לײדיק איז אַרום, נאָר איך, אין טונקל אַ פאַרהערטער,
מיר דאַכט זיך — איך פאַרנעם נאָך אַלץ דעם רויש פון ווײַטע רייד.

ווי כ׳וואָלט פאַרלאָזט אַ יום־טוב־שטוב מיט פרייד און מיט געזאַנגען,
און מיט די טרעפּ געלאָזט זיך גיין אַראָפּ־צו אין דער נאַכט —
נאָך יאָגן מיך פון הינטן נאָך די לידער און די קלאַנגען,
נאָך הינטער מיר אויף שטענדיק איז די טיר שוין צוגעמאַכט.

## מײַן מאַמע

אין יעדן שטויבעלע פון אַש זע איך מײַן מאַמען,
אין אַלע קנוילן רויך זע איך אַלץ איר געזיכט.
און ס'שײַנען אָפּ מיט גלי פון שׂריפהדיקע פלאַמען
די צאַנקענדיקע פלעמלעך פון די יאָרצײַט־ליכט.

און ווו איך גיי נאָר, ווו איך שטיי, מיר דאַכט — די ווינטן,
ווי זי גאָר וואָלט מיר ערגעץ נאָכגעגאַנגען הינטן
זיי טראָגן אום דעם עכאָ נאָך פון איר געשריי,
און צוגעהערט זיך ווי מיט שרעק דורך נאַכט איך גיי.

## אין יענע טעג

און איך געדענק נאָך יענע טעג — אַן עלנט־וועלט אַ וויסטע,
אַ חורבן־וועלט — דו לויפּסט פאַר שרעק. אין שטויב ליגט פוילנס הערב.
איך הער נאָך איצט דאָס רויטאַרמייער־לידל „טרי טאַנקיסטאַ"
און איבער זיי די רויטע פאָן מיט האַמער און מיט סערפּ.

בײַ נאַכט — דעם הילך פון אויטאָס און דעם גרילץ פון די מאָטאָרן —
מען פירט אַרויס די „פײַנט פון פאָלק", מען פירט זיי קיין סיביר
און איך בײַם פענצטער שטיי פאַרשטעקט — אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן,
און הער מיט שרעק — צי קלאַפּט מען נישט בײַ מיר שוין, אין מײַן טיר.

## אַ חלום

ער וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און זיך דערמאָנען
דעם חלום, וואָס געווען איז אויסטערליש און ווילד —
ווי אויף אַ מאַרש אין מיטן גאַס מיט רויטע פאָנען
האָט ער דעם ערשטן מאַי געטראָגן סטאַלינס בילד.

ס'האָט סטאַלין זיך געשאָקלט אויפן לאַנגן פלאָקן,
די זון האָט פרילינגדיק די גאַס אַרום פאַרבלענדט,
און ער, מאַרשירנדיק, געזען האָט, ווי צעשראָקן
אַ שטאָט אַ גאַנצע האָט געקוקט אויף זײַנע הענט.

## זיי טראָגן אום די זעונגען

איך טרעף זיי נאָך די מענטשן אַלץ —האַלב-פֿרעמדע, האַלב-באַקאַנטע,
כ׳דערקען זיי לויט דעם אימפּעט-גאַנג, לויט זייער אויגן-בלענד.
זיי טראָגן אום די זעונגען פֿאַר קיינעם נישט-געאַנטע,
דעם אָפּשײַן פֿון אַ וועלט, וואָס איז געווען און איז פֿאַרלענדט.

פֿון וועלטיש-הייסן אויפֿרײַס, ווי אַדורכגעגליטע שפּליטערס,
זיי טראָגן-אום דורך שטעט און לענדער זייער הייסן וויי,
זיי רײַסן דאָרט די שטילקייט אויף מיט זייער אומרו-ציטערס
און לאָזן הינטער זיך אַ שטיל-צעעכאָטן געשריי.

## כ׳געדענק נאָך

כ׳געדענק נאָך די טעג, די פֿאַרנאַכטן,
די רייען, די לאַנגע, נאָך ברויט,
און בליקן מיט שטומע פֿאַרדאַכטן,
און אויגן, וואָס וואַרטן אויף טויט.

און כאָטש דאָס איז אַלץ שוין אַריבער —
די בליקן, די שרעק און די ריי,
נאָר ערגעץ אין נאַכטיקן פֿיבער
נאָך הער איך פֿון דאָרט מײַן געשריי.

## עס טרעפֿט

עס טרעפֿט, צווישן מענטשן, אין דעם גאַנג פֿון די געשפּרעכן —
ס׳איז טומלדיק און יום-טובדיק, אין גלעזער גליט דער ווײַן,
און דו, דו זיצסט, דו הערסט זיך אײַן, און אין דײַן בלוט גאָר עכאָן
פֿאַרטונקלטע געשרייען, ווײַטע ווערטער פֿול מיט פּײַן.

ווי דו וואָלסט זיך אין מיטן רויש דערמאָנט גאָר פּלוצלונג זאַכן,
וואָס האָבן גאָר קיין שייכות נישט צו אָט די אַלע רייד.
אַרום איז פֿריילעך, מענטשן זינגען, מענטשן ריידן, לאַכן,
און דו מיט שטילן טרויער זיצסט אין מיט פֿון פֿרעמדער פֿרייד.

## אונדזער געשריי

אָט וועלן מיר אַלע צעפּאָרן זיך פֿון דער אומהיימלעכער חתונה,
פֿאַרגעסענע, איינזאַמע געסט נאָך דעם גרויזאַמען, בלוטיקן טאַנץ,
און הינטער אונדז בלײַבן די וועלט וועט, אַ וועלט אַזאַ
ווילד־אויסגעלאַסענע,
ווו ס׳בלוטיקט דער הימל נאָך אַלץ מיט אַ שׂריפֿהדיק־פֿלאַמיקן גלאַנץ.

מיר וועלן צעפּאָרן זיך יעדערער באַלד מיט זײַן וועג דעם באַזונדערן,
אַ וועלט וועט אונדז נאָכקוקן בלוטיק, אַ וועלט, וואָס איז גרויזאַם
און פֿרעמד —
ס׳קען זײַן, אין דער צוקונפֿט דער ווײַטער וועט אפֿשר אונדז עמעץ
באַוווּנדערן,
נאָר בלײַבן וועט אונדזער געשריי אין דער שטומקייט פֿון עבר פֿאַרקלעמט.

## נאַכטיקע גאַסן

דורך אָוונטגאַסן פֿול מיט גלײַכגילטיקע פּנימער
האָב איך געבלאָנדזשעט, הינטער מיר האָט נאָכגעשלײַכט אַ נאַכט
מיט פֿלאַמענשײַן פֿון נישט פֿאַרלאָשענע גיהנומער —
אַ נאַכט, וואָס איך אַ מאָל האָב פֿון דעם חורבן־לאַנד געבראַכט.

געבלאָנדזשעט, נאָר קיין רו האָב איך שוין נישט געפֿונען מער,
די גאַסן האָבן, נאַכטיקע, מיט שרעק אויף מיר געוואַכט,
און צו דעם שטאָך דעם פּופּציקסטן, ווי טיפֿע ברונעמער,
זיי האָבן בלינד אַרויפֿגעקוקט און אימהדיק געלאַכט.

# חלומות נישט געחלומטע

איך שלאָף בײַ טאָג — איך נעם איצט אָפּ פֿאַר נעכט פֿון נישט דערשלאָפֿן,
פֿאַר יענע נעכט, וואָס ס׳האָט די שרעק פֿאַרצוקט זיי און פֿאַרצערט,
פֿאַר אַלע נעכט און טעג ווען איך בין דורך דער וועלט געלאָפֿן —
די טעג, וואָס ליגן איצט שוין מיט די פּנימער צו דר׳ערד.

זיי טונקלען איצטער אָט די נעכט אין קנויל פֿון בייזע יאָרן,
פֿאַרקניפּטע און פֿאַרפּלאָנטערטע אין גרויליקן געפֿלעכט,
און ס׳וויינען די חלומות מײַנע, וואָס איך האָב פֿאַרלאָרן —
חלומות נישט געחלומטע אין יענע וואַכע נעכט.

# ניו־יאָרקער מאָטיוון

## די שטאָט

כ׳האָב ליב די רויִקע פאַרנעפּלטקייט פון שטאָט, די ווייכקייט,
אַ מיניענדיק־צעשוווּמענע פון גרוי, פון בלוי און גאָלד,
ווען אַלע סילועטן מישן אויס זיך אין דער בלייכקייט
און גיסן זיך צונויף, ווי ס׳וואָלט די לופט זיי בלוי פאַרמאָלט.

די פאַרבן ווערן דורכזיכטיק און גרינג ווי אַקוואַרעלן,
די ליניעס ווערן ווייך פאַרווישט, אין פלעקן־שפּיל פאַרוועבט,
די שווערקייטן זיי רינען אויס, דער טונקל הייבט אָן העלן,
די שטאָט ווערט לײַכט און נאָכגיביק — זי שטייט נישט, נאָר זי שוועבט.

## אַ זונטיקדיקע גאַס

אַריבער דעכער טונקעלע דער טאָג האָט פאַרביק, בונטיק
זיך זוניק אויסגעפּיקט פון שוואַרצער שאָלעכץ פון דער נאַכט.
די גאַס גייט־אויף אַ ליידיקע, אַ שטילע גאַס — ס׳איז זונטיק,
זי שטייט מיט טירן, שויפענצטער פאַרריגלט און פאַרמאַכט.

ס׳איז שטיל און ליידיק, נאָר די זון ווערט העלער אַלץ און העלער,
די גאַסן שטייען שווײַגנדיק פאַרטוליעט — הויז צו הויז.
אַ קאַץ נאָר זיצט פאַרזשמורעט בײַם אַריינגאַנג אין אַ קעלער
און חלומט אַלץ דעם חלום נאָך פון אַ געכאַפּטער מויז.

## זונטיק פאַר נאַכט

אין טונקל פון פאַרנאַכטיקע אַדורכגערויכטע באַרן
גייט אויס דער טאָג. דער אומעט שטייט שוין ניכטער אויף דער שוועל.
מיט שאָטנס שיכּורע אויף דעמערדיקע טראָטואַרן
לויפט נאָך דער מידער טאָג אַ זונטיק־קאַרוסעל.

די וואַלצן מישן זיך מיט פײַערווערק צעשטערנט,
מיט הייזעריקע לידער פון אַ שיכּור אויפן ראָג —
ער זינגט נאָך אַלץ זײַן פרייליך ליד, כאַטש שורות פון לאַמטערנס
צעשראָקענע זיי לויפן שוין צום מאָרגנדיקן טאָג.

## אַ שטילער טאָג

אַ שטילער טאָג אַ רויִקער, ס'איז שטיל בײַ אַלע שכנים,
אין פענצטער דעם פאַרשאָטנטן קוקט האַלבער טאָג אַרײַן.
די גאַס איז שטיל, דו קוקסט אַרויס — דו זעסט נישט דאָרטן קיינעם,
די שויבן פון אַנטקעגן גליִען פול מיט זון, מיט שײַן.

ס'איז שטיל, ס'איז קיל — אַ ווינטל לויפט אַרײַן צו דיר אַ מילדער,
דו האַלטסט אַ בוך און קוקסט אַרײַן, דײַן בליק לויפט נאָך אים מיד —
אַ פרעמדע וועלט גייט אויף פון דאָרט מיט רויש און מיט געפילדער,
און דו, דו זיצסט — ס'איז שטיל אין שטוב, און שטיל איז דײַן געמיט.

## פאַר נאַכט אויף וואָלסטריט

אויף שקיעהדיקן הינטערגרונט, אַ גאָלדיק־ראָז באַהויכטן,
די וואָלקנקראַצערס טורעמען מיט גאָרנדיקע ווענט,
די פענצטער צינדן־אָן זיך, ווי אין זיי וואָלט אויפגעלויכטן
נישט לאָמפּן־ליכט־עלעקטרע, נאָר פון שקיעה גאָר דער בלענד.

ווי ס'וואָלט דורך פענצטער טויזנטער פון הויכע סילועטן,
וואָס שוואַרצן זיך אויף הינטערגרונט פון שקיעהדיקער שײַן
מיט וואָלסטריט־רויש, מיט אימפּעט פון פאַרנאַכטיקן מאַנהעטן,
דער הימל גאָר געפּרוּווט אַ מאָל פאַר נאַכט צו זיי אַרײַן.

# זונטיק אין דער פרי

א

ס'איז זונטיק אין דער פרי — די גאַס איז פּוסט און שטיל,
אַ זוניקייט אַ גאָלדענע צעשפּיגלט העל די שויבן.
דו גייסט אַדורך דער גאַס, ווי אויף אַ סצענע אין אַ שפּיל,
און הערסט ווי אַן אַפּלאָז דעם פליגל-פּאַטש פון טויבן.

אַרום איז ליידיק, שטיל-פאַרגליווערט קוקט די שטאָט,
די קראָמען-טירן שטייען צוגעמאַכט, פאַרריגלט,
קיין מענטש איז נישט פאַראַן, דו הערסט דײַן יעדן טראָט
און נאָר די טויבן פּאַטשן מיט די אויפגעפּאַכטע פליגל.

ב

ס'איז זונטיק אין דער פרי, אַ מיידל גייט אין גאַס געלאַסן,
דורך אײַזערנע וואָלן קוקן שויפענצטער זי נאָך.
זיי קוקן נאָך איר שטילן גאַנג דורך אויסבויג פון די גאַסן,
ווו הינטער ווענט באַהאַלט זיך נאָך די טומלדיקע וואָך.

דאָס מיידל מיט דעם בלויען הוט און שמייכלענדיקע אויגן,
אַ יונגע פרייד, וואָס מאַכט איר פּנים זוניק-העל צעגליט.
דער טאָג האָט האָט אַלץ אַרום מיט בלייכער רויִקייט פאַרצויגן —
די גאַס איז פּוסט — דער זונטיק גייט מיט שטילע מיידל-טריט.

ג

דער זונטיק אין דער פרי גרויט האַרבסטיק-כמורנע אויף די גאַסן,
זיי טונקלען אויסגעליידיקטע אַן קולות און אַן טריט.
אין הײַזער טרינקט מען קאַווע איצט נישט אײַלנדיק, געלאַסן,
כּאַטש פענצטער קוקן וואָכעדיק נישט אויסגעשלאָפן, מיד.

די פרויען בײַ די שפּיגלען מאַכן זיך צורעכט — זיי שמירן,
זיי ראָזיקן די באַקן צו, וואָס געלבן קרענקלעך-בלאַס —
מיט פנימער פאַרשמינקטע וועלן עפענען זיך טירן
און הויך מיט קולות שרײַיִקע וועט אויפגיין באַלד די גאַס.

## ברוקלין־בריק

אין זונפאַרגאַנג טויכט אויף די שטאָט מיט סילועטן שאַרפע,
אַ הענגבריק שווימט אַרויס פון הינטער דעכער און זי פליט.
זי פליט אין רוים אַ לופטיקע — אַ שוועבנדיקע האַרפע,
דער ווינט אויף אירע דראָטן־סטרונעס שפילט אַ שקיעה־ליד.

די פענצטער אין מאַנהעטן בלענדן־אויף מיט גאָלד צעגליטן,
ווי אותיות געליישטע פון אַ סודותפולער שריפט.
אין שקיעה־גלי, אין פענצטער־בלענד, די בריק זי שוועבט אין מיטן,
און הינטער איר מיט וואָלקנדלעך לויפט נאָך דער ווינט צעשטיפט.

## אין סאָבוויי

אין טונקל פון סאָבוויי, אין דורכגאַנגען שמאָלע פון נאַכט־קאָרידאָרן,
ווו געלבלעכע לעמפּלעך באַלויכטן די גרויע פאַרשמוציקטע ווענט,
האָט עמעץ אין איינלעניש דאָרטן זיין אייגענעם שאָטן פאַרלאָרן —
זיין דורכזיכטיק־גרינלעכן שאָטן מיט לאַנגע צעפּלאַטערטע הענט.

אַ מענטש איז פון רוישיקע גאַסן, פון עלנט און פחד געטריבן,
אַנטלאָפן, ער לויפט נאָך, קען זיין, אַלץ צום ווייטן פאַרחלומטן לאַנד,
און האָט דאָ זיין שאָטן פאַרלאָרן, וואָס איז דאָ פאַרגעסן געבליבן,
און פלאַטערט מיט הענט מיט צעפּאָכטע אויף גרויער, פאַרסאַרגעטער וואַנט.

## אין דזשעז־געקלאַנג

דער סאַקסאָפאָן אין ראַדיאָ גיט אין דזשעז־געקלאַנג אַ כליפּע
און וועקט די שאָטנס אויף די ווענט אין בלייכער לאָמפּנשיין.
מיט ווייטער שיין לבנהדיק גייט אויף דער מיסיסיפּי,
ער שטראָמט צו מיר אין שטוב מיט גרינעם וואַסערבלענד אַריין.

ער וויינט, דער סאַקסאָפאָן. אַדורך זיין אורגעקלאַנג צעציקלט
גייט אויף מיט שוואַרצע פּנימער אַן אַפריקאַנער נאַכט,
וואָס וויינט אין סאַקסאָפאָן אויס דורך דעם הייזעריקן ניקל
דעם אומעט, וואָס זיי האָבן דאָ אַ מאָל צום טייך געבראַכט.

# זומער

א

אַ גלײַיקער אַספּאַלט, ער גלאַנצט אַ דורכגערויכיקט־פּעטער —
אַ פּרעגל־בלעך, עס שמעקט מיט סמאָלע און מיט הייסן טשאַד.
די זון אַ גאָלד־באַלאָדענע אויף דעכער קריכט און קלעטערט,
די שאָטנס ליגן בײַ די ווענט פאַרחלשט, מיד און מאַט.

פון זוניק־הייסן בלענד דער הימל בלייך אַדורכגעבלויט איז,
ער שפּיגלט זיך אין שויבן אָפּ אַ גלאָזיקער, צעשטראַלט,
און אונטן, אויף דער גאַס, עס בלענדן גלאַנציקע די אויטאָס,
ווי איילן אָפּגעפּרעגלט אויף דעם בראָטבלעך פון אַספאַלט.

ב

דער פעכיקער אַספּאַלט צעגיסט זיך גלאַנציק אויף די גאַסן.
עס גליט די זון, די סמאָלע אָטעמט היים מיט טשאַד און רויך.
דער זומערטאָג גייט גרילצנדיק מיט טעמפּע טריט, געלאַסן,
ער רײַסט און שנײַדט מיט בויערערס איר שוואַנגערדיקן בויך.

דורך שוואַרצן לײַב פון דעם אַספּאַלט עס גייען אויף באַהאַלטן
די אינגעווייידן פון דער שטאָט — די גאַס צעוווּנדיקט שרײַט,
ווי ס׳וואָלט אַ קינד געקײַכט אַדורך די אויפגעפּלאַצטע שפּאַלטן —
און נאָר צעגרילצט די בויערערס זייי חוזק פאַרשײַט.

ג

דורך שאָלעכץ פון אַספּאַלט, ווי דורך אַ שוואַרצער איי צעשפּאָלטן,
אַ בויערער — אַ פויגל אַן איינפּיסיקער ער פּיקט.
אין מוטנעם גרוי פון דאַמף און רויך, אין ווענט־און דעכער־קאָלטן,
עס קאָרטשעט דער אַספּאַלט זיך אַ צעדלוביעטער, צעפּליקט.

די שטאָט פאַרגליווערט קוקט אַראָפּ מיט זוניק־הייסע שויבן,
זי קוקט זיך צו מיט פענצטער־אויגן פינקלענדיק־צעפּראַלט,
ווי אונטן, אויף דער דעק פון גאַס, מיט קנוילן שוואַרצע שטויבן,
אַ פויגל אַן איינפּיסיקער ער דלוביעט דעם אַספּאַלט.

## די שוואַרצקייט פון איר לײַב

עס ליגט נאָך אַלץ אין לײַב בײַ איר די שוואַרצקייט אײַנגעגעסן,
וואָס רײַסט זיך דורך פון אונטער איר שוין העל-צעבלייכטער הויט,
ווי ס'וואָלט איר לײַב אַלץ נישט געקענט דעם הייסן גלי פאַרגעסן,
וואָס ס'האָט די זון די אַפריקאַנער איר אַ מאָל פאַרטרויט.

ווי בלינצלען זוניקע, וואָס צינדן זיך, וואָס פינקלען, צאַפּלען,
אַדורכגעריסן דורך דעם דזשונגלס טונקעלן געפלעכט,
אַזוי רײַסט זיך דער גלי אַדורך דורך אירע שוואַרצע אַפּלען
און מישט דעם הייסן זונבלענד אויס מיט טונקלקייט פון נעכט.

## אַ לאַמטערן

אין פענצטער שטייט די נאַכט פאַרגליווערט, ווי אַ שוואַרצער טאָפּל
מיט נעאָן-ליכט געצונדענעם פון אַ רעקלאַמע-שריפט.
אַ פּיאַלעטע נעגערטע אויף הויכע, דינע קנאָפּל
מיט בויגעוודיקע היפטן טאַנצט צום טאַקט פון דזשעז צעשטיפט.

ס'איז פריילעך, רוישיק, רויכיק אין פאַרטונקלטן טאַווערן,
מיט טאָץ-געזשומזשל לויפט איר נאָך דער הייזעריקער דזשעז,
און נאָר אין שוואַרצן טאָפּל פון דעם פענצטער אַ לאַמטערן
קוקט בלייך אַרײַן, פאַרגליווערט ווי דער פנים פון אַ מת.

## אַ פענצטער

עס לעשט זיך שוין די שטאָט — ס'איז שפּעט. אויף גרינלעך-בלויע כוואַליעס
שווימט אום די נאַכט נאָך אונטן, אויף דער מוטנער גאַסן-דעק.
די פײַערלעך, ווי גליפליגן אויף אויסטערלישע סקאַלעס,
זיי פליִען אויף די ווענט אום אין אַ צינד-און-לעש-געיעג.

די הײַזער-סקאַלעס טונקלען זיך, זיי שטײַגן ווי געשפּענסטער,
זיי גלאָצן שוואַרץ-פאַרלאָשענע פון דר'הייך צו מיר אַראָפּ,
ווו פון אַ שטאָק אַ זעכציקסטן מיט איין צעגליטן פענצטער,
איינאויגיק, רויט, אַ וואָנט קוקט אָן מיך פינצטער — אַ ציקלאָפּ.

# פאַרנאַכטן

א

אין וואַרעמע פאַרנאַכטן בלויע, דורכזיכטיקע, זוניקע,
מיט קינדער־שטימעס זינגט די גאַס צום זומערטאָג אַ לויב,
ווי ס׳וואָלט אַ נישט־געזעענער קלאַוויר מיט טענער סטרוניקע
צעגלעקלט זיך, צעשאָטן זיך מיט גאָלד־רענדלעך אין שטויב.

פון קינדער־שטימעס פרייליכע די ווענט די אָפּגעשונדענע
זיי לעבן אויף, ווי עמעץ וואָלט דאָס געסל פריש באַמאָלט —
די אַלטע ווענט זיי ווערן יונג, די פענצטער רויט־געצונדענע,
זיי גליִען אויף, זיי פלאַמען פול מיט רויט־צעשפּילטן גאָלד.

ב

פאַר נאַכט ווערט שטיל די גאַס, די לופט ווערט אָפּגעלאָשן, קילער,
דער הייזעריקער רויש ווערט ווי פון זיך אַליין פאַרשטילט,
די קלאַנגען ווערן רויִקער, די שטימעס ווערן שטילער,
ווי ס׳וואָלטן זיי די בלויקייטן מיט שאָטנס איינגעהילט.

און נאָר די קינדער־שטימעס ווערן דווקא דעמאָלט העכער,
זיי הילכן אָפּ צעקלונגענע אין גאַס צווישן ווענט,
ווי ס׳וואָלט דאָס גאָלד פון שקיעה זיך געקייַקלט פון די דעכער,
צעשאָטן זיך ווי רענדלעך מיט אַ זוניק־רויטן בלענד.

## אַ פּוסטע גאַס

מיט הײַזער צוגעטוליעט גרויט אַ גאַס אַ הינטער־שטאָטישע,
זי גליווערט בין השמשותדיק מיט טירן צוגעמאַכט.
אַ רויטער ציגל־קלויסטערל מיט טורעמס שפּיציק־גאָטישע
פאַרלױפט דעם וועג איר, שטעלט זי אָפּ אין דעמער פון פאַרנאַכט.

די גאַס איז פּוסט, ס'איז שטיל, זי גרויט מיט שורות ווענט צעטרעפּלטע,
נאָר ערגעץ אויף אַ דאַך, אַריבער גליווערדיקע ווענט,
אַ ליכט־רעקלאַמע צינדט זיך אָן, אַ דעמערדיק־פאַרנעפּלטע
און לייגט אין דר'הייך אויף דעכער אויס אַ רויטן שׂריפה־בלענד.

## אַ כמורנע גאַס

די גרויע טינקען אויף די ווענט פון גאַס דער האַרבסטיק־טריבער,
דער מענטשן־שפּרײַז אין גאַס מיט פיס צעלאָפּן אין געאײַל,
די גרויע, שטויביקע פאַרגענגלעכקייט, וואָס שרײַט אַריבער
פון שטיין צו שטיין, פון וואַנט צו וואַנט: — ס'איז אַלץ דערווײַל,
דערווײַל!...

אַ כמורנע גאַס, וואָס טראָגט נאָך אום פון נאַכט די שרעק־סימנים
און נאָר אַ פענצטער כאַפּט זיך אויף מיט זוניק־הייסן גלאַנץ —
אַ מיידל קוקט אַרויס צום גאַס און ס'ליכטיקט העל איר פּנים
פון הינטערגרונט דעם טונקעלן, ווי פון אַ בילד רעמבראַנדטס.

## אַ פּוסטער, געלער סקווער

דער סקווער איז פול מיט אומעט, בלעטער בלעכיקע, פאַרגעלטע,
זיי קײַקלען זיך אין ווינט — די ביימער שטייען הויל, פאַרטרערט.
פון הינטער הויכע ווענט, פון הימלען בלײַענע, פאַרשמעלטע,
אַ רעגן כליאַפּעט ווי פון צעבערס שמוציקע אויף דר'ערד.

ס'איז אומעטיק און נאַס. מיט שיך מיט קלעפּיקע פון בלאָטע
שלעפּסט אום זיך אין פאַרנאַכט, עס כליאַפּעט מערער אַלץ און מער.
און דו, אַפּאַטיש טאָפּטשעסט סתם, אָן ווילן, אָן חרטה,
דו גייסט, די בלעטער קײַקלען זיך — אַ פּוסטער, געלער סקווער.

## גלעזערנע ווענט

די גלעזערנע ווענט שלאָגן אָפּ זיך צעפינקלט מיט הונדערטער זונען,
די פענצטער צעגאָרנטע שפּיגלען אין זיך אָפּ מיט גלאָזיקן בלענד
דעם הימל, וואָס האָט אין דער מיט פון דער שטאָט דאָ זײַן אָפּבילד
געפונען,
די וואָלקנס, וואָס קוקן זיך אָן אין דעם גלעזערנעם דורכזיכט פון ווענט.

די גלעזערנע ווענט קוקן אָן זיך אַליין ווי אין שפּיגלען, פאַרוווּנדערט —
אַ וואַנט קוקט זיך אָן אין דער צווייטער ווי ס׳פּאַלט־צו אַ בליק צו אַ בליק,
און ס׳שלאָגן די וואָלקנס זיך אָפּ דאָ צעשײַנטע אין פענצטער־ווענט
הונדערט,
און ווילן נישט אומקערן מער זיך צום הימל דעם קאַלטן צוריק.

## אַ משוגענע גאַס

אַ גאַס אַ משוגענע ליאַרעמט, די היץ מאַכט זי דולער און ווילדער —
מען ברעכט די צעגאָרנטע הייזער, מען רײַסט דעם אַספּאַלט אויף
מיט גוואַלד,
אַ לאַסטאויטאָ רײַסט זיך אַרײַן און ער זעגט, און ער שנײַדט
דעם געפילדער,
אַ ריזיקע וואַנט גיט אַ צאַפּל — אַ הייב זיך פון אָרט און זי פאַלט.

די ערד אַ צעשפּאַלטענע וויגט זיך, זי ציטערט אין ווילדע קאָנוווּלסיעס,
דער שטויב פליט אַרום אין דער לופטן מיט גלײַיקן סמאָלע־געשטאַנק —
די גאַס ליגט אַ קראַנקע, זי צאַפּלט, די דרעשטשעס פון צאַפּל —
איר פּולס איז,
וואָס צוקט דורך די אָדערן אירע — די גאַס איז מסוכּנדיק קראַנק.

# איסט־סײַד

א

אַזעלכע קליינע ייִדן פלעגט מען זען אַ מאָל אין שטעטלעך,
די קליינטשינקע ווי ייִנגעלעך, מיט בערד ביז צו די קני,
וואָס לייגן דאַכט מיר שלאָפן זיך אין קינדערש־קליינע בעטלעך, —
נאָר אונטער גרויע ברעמען קוקן אויגן פון נישט הי.

איך טרעף נאָך אויף דער איסט־סײַד זיי. איך זע זיי שטיין פאַריתומט,
פאַרקוקטע אין דער ווײַטקייט ערגעץ, אומעטיק־פאַרקלעמט.
זיי טראָגן אין די בליקן אום דעם אָפּשײַן פון שבתים
און מינחות טונקל־האַרבסטיקע, פאַרבלאָנדזשעט אין דער פרעמד.

ב

אויף איסט־בראָדוויי איז די לבנה ליכטיקער און גרעסער,
ווי אויף דער פינפטער עוועניו. ווי אומעטיק און פרעמד
זי שאַרט זיך אויף די דעכער דאָרט אַן איינזאַמע, פאַרגעסן,
ווי בלייך אין דער עלעקטרע־שײַן זי בלאָנדזשעט אום פאַרשעמט.

בײַ אונדז אָבער אויף איסט־בראָדוויי געדענקט זי נאָך דעם ניגון,
וואָס ייִדן פלעגן אויסזינגען צעטאַנצט לכּבוד איר.
דאָ פּרוווט זי מיט חלומות אונדז נאָך ווי אַ מאָל פאַרוויגן,
פאַרשפּילן מיט דעם כּישוף פון איר שטראַליקן באַריר.

## אַ זומערנאַכט אין שטאָט

אַ הייסע, דושנע נאַכט, זי אָטעמט שווערבלדיק און פּעכיק,
זי שטיקט מיט סמאָלע־ריחות פון צעשמאָלצענעם אַספאַלט.
אין פענצטער שלאָגט זיך פינצטער אָפּ אַ טויטע מאַטקייט, בלעכיק,
וואָס טוקט זיך, ווי געוויגט וואָלט ערגעץ דאָרט זיך אַ געשטאַלט.

אַרום זעט אויס פאַרדעכטיק אַלץ, ווי ס׳וואָלטן שאַרף די ריחות
פאַרטשאַדעט אַלע דעכער, אַלע ווענט — די גאַנצע גאַס,
דער הימל הענגט פאַרחלשט, פלאַך, זײַן בלויקייט מאָדנע בלייך איז
און שטערן פאַלן, גרין־צעשראָקן, ציטערדיק און בלאַס.

## ש כ נ י ם

דורך אַלע פענצטער פון אַנטקעגן זע איך מײַנע שכנים.
איך ווייס שוין יעדנס אויסזען — ווער צעשמייכלט, ווער באַטריבט,
און אָט אַזוי, פון קוקן בלויז, נישט קענענדיק דאָרט קיינעם,
ווער איך מיט זיי נישט־ווילנדיק פאַרבונדן און פאַרקניפּט.

די גרויסע שטאָט צעשיידט דאָך אונדז — מיר לעבן אָפּגעזונדערט,
אַ יעדערער אין זײַנע דלד אמות ענג פאַרקלעמט,
נאָר דורך די פענצטער קוקנדיק, אַדורך די פענצטער הונדערט,
מיר הייבן אָן צו קענען זיך, כאָטש בלײַבן ווײַטער פרעמד.

## אַ רעגנדיקער זונטיק

אַ רעגנדיקער זונטיק. גרוי, מיט וואָלקנס אַ באַדעקטער.
דער הימל טונקלט נידעריק. עס גלאָצט די פּוסטע גאַס.
דער פײַכטער טונקל שווימט אַרום אַ רעגנדיק־צעפלעקטער,
אַ בלעכיקער, מיט שוואַרץ און ווײַס צעמיניעט, גלאַנציק־נאַס.

די קראָמען שטייען צוגעמאַכט — אַ זונטיק־גאַס אָן קויפער,
פון טירן די פאַרשלאָסענע די שויבן גלאָצן שטאַר.
אַ דראָבנער רעגן גייט און וואַשט דאָרט אָפּ אָן אויפהער
די אומרו־טריט פון גרויער וואָך אויף נאַסן טראָטואַר.

# אַ נאַכטיק ליד

עס רוישט די גאַס, זי יאָגט, זי רײַסט זיך נישט-געזעטיקט, גיריק,
נאָר אין איר ליאַרעם, אין איר רויש, אין הילך פֿון ראָד און טראָט
שווימט זאַנפֿט אַרום אַ צאַרטער ברום, אַ שטיל-פֿאַרשטיקטע ליריק,
וואָס זינגט אַן אייגן ליד אויס אין אָרקעסטער פֿון דער שטאָט.

אַ נאַכטיק ליד, וואָס שווימט אַרום גאָר זײַטיק, אָפּגעזונדערט,
פֿאַרבײַ דעם ליכטער-גלי, וואָס שרײַט אין פֿיבערדיקן טראַנס,
מיט אָפּשײַן פֿון אַ נאַכט אין אַ פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט,
ווו ס'עכאָט נאָך אַ צאַרטער, לאַנג-פֿאַרגעסענער ראָמאַנס.

# אומעטיקע לידער

## אַ תּפֿילת־הדרך

אין וועג צו מײַן יענער וועלט שרײַב איך פֿון אומעט און טרויער די לידער.
עס לויפֿן פֿאַרבײַ, ווי אַכסניות, די טונקעלע, עלנטע טעג.
אין טומל פֿון פֿרעמדע געשרייען, אין מיטן דעם קאָך און האַרמידער
שרײַב איך אַן אַ תּפֿילת־הדרך — אַן אומעטיק ליד פֿאַרן וועג.

אַזוי דורך די טעג, ווי אַכסניות, ווו אַלץ איז פֿאַרגייִיק, דערווײַליק,
ווו ס׳קוקט דורך דער פֿלומרשטער שׂמחה אַרויס גאָר באַהאַלטן די שרעק,
שרײַב איך אַן אַ מאָל דאָרט מיט ווערטער, מיט שורות צעפּיבערטע אײַליק
אַ ליד ווי אַ תּפֿילת־הדרך — אַן אומעט־געבעטן פֿאַרן וועג.

## הײַנט ווייס איך נישט...

געוועזן אַ מאָל אַ האַנט — וואָס איך געדענק שוין הײַנט נישט וועמעס,
אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס האָט געטרייסט מיך אין מײַן זאָרג.
הײַנט ווייס איך שוין נישט וועמעס וואָרט מיינט עפּעס אויף אַן אמת,
און וועמעס ליבע איז אומגעפֿעלשט, נישט אויף אַ ווײַל געבאָרגט.

די וועלט ווו איך בין אײַנגעפּאַסט — אַ מענטש צווישן מענטשן —
האָט מיט מײַן לעבן נישט געשטימט, זיך עפּעס נישט געפּאָרט,
און נישט איך גלייב דעם בענטשער איצטער מיט זײַן פֿרומען בענטשן,
און נישט איך גלייב דעם שילטער מיט זײַן זידלענדיקן וואָרט.

## דער טרויער

ס׳וועט זײַן אַ טאָג — נישט איך וועל זײַן, נישט דו, נישט קיינער.
דער לעצטער בוים וועט שטיין פאַרוועלקט, דאָס לעצטע גרעזל — געל.
דער ווינט וועט מער נישט גלעטן שוין די נאַקעטקייט פון שטיינער,
דער ים וועט שטיין פאַרגליווערט בײַ דעם ברעג — די לעצטע שוועל.

ס׳וועט אַלץ שוין זײַן נאָך אַלעמען: אַ הימל־קנויל אַ גרויער.
נישט טאָג, נישט נאַכט — אַ דעמער־ערד מיט נעפּלען גרוי
פאַרשטעלט —
און נאָר דער טרויער בלײַבן וועט, דער בראשיתדיקער טרויער,
וואָס גאָט פון אים אַנטלויפנדיק באַשאַפן האָט די וועלט.

## הער זיך צו

ס׳איז נישטאָ קיין בלויע שטילקייט, סתּם פאַרחלומטע פאַרנאַכטן,
הער זיך צו, וועסטו דערהערן, ווי די בלויע שטילקייט שרײַט.
ערגעץ זינקען איצטער שיפן, ערגעץ גייען איצטער שלאַכטן,
אין שפּיטאָלן הערן קראַנקע, ווי עס טריפט לעם זיי די צײַט.

ס׳איז נישטאָ קיין בלויע שטילקייט, סתּם פאַרחלומטע פרימאָרגנס.
הער זיך צו ווי טיף באַהאַלטן שרײַט אין לײַב בײַ דיר די שרעק,
ווי אין טונקל פון די בלוטן קרעכצט דער אומרו דאָרט פאַרבאָרגן,
ווי דער אומעט וואַכט אין לויער צו פאַרלויפן דיר דעם וועג.

## די שטרענגע איבערחזרונג

ווי שטענדיק וועלן זאַפטן גיין פון וואָרצל צו די צווײַגן,
זיי וועלן זיך צעיערן דאָרט, צערינען אין דעם שטאַם.
ווי אייביק וועט דער בוים צעגרינט, צעוואַקסן זיך און שטײַגן,
ביז טרעפן קען אַ בליץ אים און פאַרברענען מיט זײַן פלאַם.

ווי אימהדיק דער אייביק איז, ווי אומהיימלעך דער שטענדיק,
די שטרענגע איבערחזרונג, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף
און נאַרט מיט דאָס פאַרענדיקטע, וואָס ציט זיך נישט פאַרענדיקט,
און וואַרטן אין דער ריי אַליין — אַ מוראדיקע שטראָף.

## דאָס גייט דער האַרבסט

אַ רעגן טריפט. דיביימער שטייען פאַרכמיקע און הערן —
דאָס גייט דער האַרבסט. דער טריף, דאָס איז דער שאָרך פון זײַנע טריט.
מיט ערשטן גאָלד די ביימער שמייכלען אומעטיק דורך טרערן —
דאָס גייט דער האַרבסט — דער ווינט זינגט אוים אַנטקעגן אים אַ ליד.

ווי פײַערלעך עס גייט דער האַרבסט, אין פאַרביק-בונטע קליידער
די שטילקייט וואַרט אים אָפּ — זי נעפּלט דורכזיכטיק-צעבלויט.
אַ קרומער רעגן גייט און גייט אָן אויפהער אַלץ, כסדר —
דאָס גייט דער האַרבסט, און הינטער אים מאַרשירט פאַרפּוצט דער טויט.

## פאַלנדיקע בלעטער

איך האָב די וועלט געלערנט נישט אויף זײַטלעך פון די ביכער,
נאָר אויף דער גאַס, אויף פּנימער, אויף שטיינער פון דעם ברוק,
ווו ס'ליגט פאַרקריצט דער גורל-גאַנג מיט וואַקלדיקע טריט נישט זיכער,
ווו ס'איז די וואָר קיין וואָר נישט, ווו די קלוגשאַפט איז נישט קלוג.

און ווי אַ טרעפער לייענט אויף דײַן האַנט — וואָס זײַן וועט שפּעטער
און פּרוּווט מיט קאָרטן אויסוואָרפן — צו זען די צוקונפט קלאָר,
אַזוי האָב איך געלייענט איבער פאַלנדיקע בלעטער
דעם אומעט פון פאַרגענגלעכקייט אין האַרבסט פון אונדזער וואָר.

## האַרבסטיקע לאַנדשאַפט

מיט רעגן-פעדעם שטעפּט דער האַרבסט דעם פאַרביקן געוועב
פון גאָלד און רויט, וואָס מיניעט זיך מיט פײַכטן גלאַנץ מיט גרעלען.
דער בלעטערפאַל לייגט פלאַמיק זיך אין ווינט אוים, ווי אַ שלעפּ,
וואָס וויל מיט גלי די גרויע ערד, איר נאַקעטקייט פאַרשטעלן.

די ווײַטקייט לעשט זיך נעפּלדיק, ווערט פּיאָלעטיק-בלאַס.
מיט זילבער-פעדעם שטעפּט און שטעפּט אָן אויפהער אַלץ דער רעגן.
און נאָר אַ דין בעריאָזקעלע, שוין אָפּגעפּליקט און נאַס,
לויפט ווינטיק אַ געבויגענע דער בלינדער נאַכט אַנטקעגן.

## צו זעכצן יאָר

וואָס האָב איך אַלץ נישט ליב געהאַט צו זעכצן יאָר:
דעם זיסן אומעט פון מיצקעוויטשעס אַ שורה,
דעם שכנס טאָכטער מיט די הייסע, רויטע האָר
און קאַרל קאַוטסקים אַ געלבלעכע בראָשורע.

וואָס האָב איך אַלץ נישט ליב געהאַט צו זעכצן יאָר:
דעם האַרבסטיקן געוויין פון פאַלנדיקע בלעטער.
און נישט געוווּסט האָב איך, אַז ערגעץ אויף דער וואָר
וועל איך אַליין גאָר וויינען אויף אַן אמת שפּעטער.

## ס'פּרוּווט אַלץ דערמאָנען מיך

ס'פּרוּווט אַלץ דערמאָנען מיך אָן דיר: די נאַכטיק-ליידיקע וואָקזאַלן,
די שייַן פון שפּעטע פּרילינגנעכט אויף אַ לאָמטערנדיקער גאַס,
אַ ווינטיק-האַרבסטיקער פאַרנאַכט, ווען לעצטע געלע בלעטער פאַלן —
דאָס אַלץ דערמאָנט מיר נאָך אָן דיר, מיט ווייַטער ליבע און מיט האַס.

ווי נאַריש, דאַכט זיך, איז צו טראָגן אָט-די בענקשאַפטן פון יאָרן,
נאָך אַלץ געדענקען, ווי עס שטיפט אַ מיידל-שאָטן אויפן שניי,
נאָר איך טראָג אַלץ נאָך אום פאַרכישופט אָט די זעונג אין זיכּרון,
נאָך לאַנגע יאָרן פון צעשיידונג, שטום מיט אומעט און מיט וויי.

## די ליבע

די ליבע איז גאָר אומעטיק. אין אירע קושן, גלעטן
באַהאַלטן ליגט באַצייַטנס שוין די מורא פאַר דעם טויט.
ווי זי וואָלט דורך דעם ציטער פון אַ וואָרט אַ נישט-דערדעדטן
דעם טרויער פון פאַרגענגלעכקייט באַצייַטנס אונדז פאַרטרויט.

די ליבע איז גאָר אומעטיק. פון טויער פון גן-עדן
זי פירט אונדז אין דער וועלט אַרום אי בלאָנדזשענדיק, אי בלינד
און ס'ווייַנט די קלאָג פון אָדמען, פון חוהן — פון זייַ ביידן,
אין ערשטן שלוכץ, וואָס רייַסט זיך פון אַ נייַ-געבוירן קינד.

## עס בלײַבט אַלץ ווי געווען

עס קערט זיך אום אַ יעדע זאַך צוריק אין אירע קרײַזן,
ווי ס׳קערט זיך אום אין זייער גאַנג דער טאָג, די נאַכט צוריק.
און ס׳בלײַבט אַלץ ווי געווען, און גאָלד בלײַבט גאָלד, און אײַזן — אײַזן,
און ס׳גייט דעם לאַנגן וועג צום טויט דאָס קינד שוין פון דער וויג.

דורך דורות לאַנג, אָן אויפהער אַלץ דער זעלבער — ווידער, ווידער:
געבורט און טויט, געבורט און טויט — די זעלבע שרעק און פרייד,
דער זעלבער שטאַמל פון אַ קינד, די זעלבע ליבעלידער,
און אַלץ די זעלבע בענקשאַפטן און אַלץ די זעלבע רייד.

## דיר דאַכט זיך אָפּט...

דיר דאַכט זיך אָפּט — ס׳ווערט אַלץ אַרום דיר נעפּלדיק פאַרצויגן,
די ליכטער ווערן טונקעלער, ס׳ווערט מאַטער זייער שײַן.
אַלץ רוקט זיך אָפּ, אַלץ ווײַטער ווערן פּנימער און אויגן,
זיי שווימען אָפּ, פאַרשווינדן ווו — אָט וועלן זיי נישט זײַן.

נאָר פּלוצלונג גאָר דערפילסטו — ס׳איז פאַרקערט, נישט די געזיכטער,
נישט זיי אַנטלויפן, נאָר אַז דו שווימסט גאָר פון זיי אַוועק.
דאָרט איז נאָך העל אַלץ — ס׳בלענדן דאָרט נאָך יום־טובדיק די ליכטער,
נאָר דו אַליין גאָר שווימסט אַוועק פון יענעם העלן ברעג.

## ס׳וועט אַלץ זײַן ווי געווען

עס וועט די וועלט מסתמא זיך נאָך אומקערן צוריק
צו יענע לאַנג־געוועזענע, אַלטמאָדישע מאַניערן:
פאַרליבן וועט מען ווידער זיך — אָט גלײַך, פון ערשטן בליק
און שווערן וועט מען ווי אַ מאָל — אויף אייביק זיך געהערן.

ס׳וועט אַלץ זײַן ווי געווען — אַ מענטש מוז פריִער זײַן אַ קינד,
דערנאָכדעם טאָן להכעיס אַלץ זײַן מאַמען און זײַן טאַטן,
און רײַדן וועט ער פרומע רייד, און בענקען גאָר נאָך זינד,
און שווערן ליבע אייביקע, און באַלד דערנאָך פאַרראַטן.

## דער האַרבסטמאַנטל

מיט מאַטע זון-בלינצלען אויף גליווערדיקן פּנים פון דעם וואַסער
שווימט אום דער האַרבסט. נאָך פלאַטערט אום און פאַלט אַ לעצטער
בלאַט.
די שקיעות ווערן נעפּלדיק, דער הימל — דורכגערויכיקט, בלאַסער,
און ס׳גייט אויף פון דער פייַכטער ערד פון בלעטער-וועלק דער אַראָמאַט.

און פון דער אויפגעמאַכטער שאַנק גייט אויף מיט שטומען, גרויען טרויער
דייַן האַרבסטמאַנטל, וואָס שמעקט מיט נעפּל-נעכט, מיט רעגנדיקע טעג,
ווי ס׳וואָלט אין טונקל פון דער שאַנק דער האַרבסט באַהאַלטן דאָרט
געלויערט,
דיך אָפּגעוואַרט מיט בייזער פרייד — אַ גרויער, שרעקנדיקער פלעק.

## דער פאַרנאַכט

לאָז שטיין דעם טאָג אויף יענער זייַט פון טיר — אין דרויסן.
דער שטויביקער פאַרנאַכט וואַרט אָפּ דיך בייַ דעם ראַנד פון שוועל.
פאַרגעס די גאַס, פאַרגעס די וועלט, פאַרגעס וואָס זי איז אויסן.
די טיר מאַך צו, די פענצטער מיט די פאָרהאַנגען פאַרשטעל.

בייַ דיר אין שטוב וואַרט דער פאַרנאַכט, ער וואַרט אויף דיר אַ גרויער,
ער איז אַן אַלטער דער פאַרנאַכט, אַן אַלטער ווי די וועלט.
ער טראָגט אין זיך מיט חכמה אום דייַן שמייכל און דייַן טרויער,
און אַלץ וואָס דו האָסט הייַנט בייַ טאָג פאַרלאָרן און פאַרפעלט.

## אַ רעגן גייט

אַ רעגן גייט. ער קלאַפּט אין שויב. ער קלאַפּט מיט מידע טראָפּנס.
ס׳איז גוט זיך איצט אַרייַנזעצן אין ווייכן, טיפן שטול,
זיך אָנלענען און הערן שטיל, ווי אויף דער וואַנט צוקאָפּנס
דער זייגער קלאַפּט און ס׳איז די שטוב מיט ווייכער שטילקייט פול.

דער זייגער קלאַפּט. אין פענצטער קלאַפּט מיט טראָפּנס מיד דער רעגן.
דייַן אומעט טראָגט זיך אין אַ בויד צו דיר איצט אויפן טראַקט
אָט וועט ער באַלד אַרייַנקומען און זעצן זיך אַנטקעגן.
אין שטוב איז שטיל. דער זייגער קלאַפּט. דער רעגן קלאַפּט צום טאַקט.

## אין פאַרנאַכט

די וואָלקנס פאַלן-צו צו דר'ערד אין גרוי-צעפליקטע קליידער,
זיי קניִען ביַי דעם האָריזאָנט, וואָס גלאָצט פאַרלאָשן, בלינד —
זיי דאַוונען דאָרט. די ביימער רוישן — זאָגן נאָך כּסדר
די תּפילות פון די וואָלקנס, וואָס עס ברענגט צו זיי דער ווינט.

די ביימער דאַוונען שטייענדיק. די פייגל אויף די צוויַיגן
זיי זיצן שטיל-פאַרהערט, פאַרטראַכט, דער טאָג גייט אויס, ס'איז שפּעט.
אַ גרויסע שטילקייט נעמט אַרום, אַ פאַרכטיק-בלויער שוויַיגן
און פול ווערט אין פאַרנאַכט די וועלט מיט רחמים און געבעט.

## אין מייַנע יאָרן

אין מייַנע יאָרן זעט מען נאָר אַן ענגן קרייַז באַקאַנטע —
דו זעסט די זעלבע פּנימער, דו הערסט די זעלבע רייד.
די וועלט ווערט אַ גיהנום דיר און דו גייסט אום — אַ דאַנטע
אין שווידער פון אַ גלייַכגילט-וועלט, אָן אומעט און אָן פרייד.

און וועלן וואָלט זיך נאָך געוואָלט גאָר גיין מיט יונגע שפּרייַזן,
פאַרקוקן ווי אַ מאָל נאָך דרייסט אין יעדנס פרעמדן בליק
און צאַפּלען אַלץ, און אָפּוואַרטן, אַז אָט וועט זיך באַווייַזן
אַ לאַנג-דערוואַרטער פּנים דיר, וואָס שמייכלט אויף צוריק.

## און שפּעט איז שוין

ווי מאָדנע איז — די גאַנצע וועלט שטייט איצט פאַר מיר שוין אָפן —
די גאַנצע וועלט, נאָר איך, איך האָב נישט מער ווּהין צו גיין.
איך האָב נישט צו מייַן גורלדיקער באַן אַ מאָל געטראָפן —
איך בין געבליבן ערגעץ אויף אַ פרעמדער סטאַנציע שטיין.

און כאָטש די וועלט איז אָפן איצט פאַר מיר אויף אַלע זייַטן,
איז אַלץ נאָך מיר דער וועג פאַרהוילן, אומבאַקאַנט — אַ סוד.
און שפּעט איז שוין — ווען ס'רופן מיט אַ מאָל מיר אַלע ווייַטן,
וועל איך אַלץ איינס שוין נישט דערגיין אין ערגעץ מיט מייַן טראָט.

## אַ גרויער גלײַכגילט

עס טרעפט, אַ גלײַכגילט נעמט אַרום מיך גלײַך אין דעם פרימאָרגן,
ס׳הייבט אַלץ אָן אויסזען דעמאָלט אָפּגעבליאַקעוועט און בלאַס —
אַ בלייכער טאָג גלאָצט רויִק, מאַט אין פענצטער ווי דערוואָרגן
און אָפּגעלאָשן, טונקל קוקט צום ברוק אַראָפּ די גאַס.

אַ גרויער גלײַכגילט גלאָצט פון אַלע ווענט אַראָפּ פאַרכמורעט,
אַ לאַנגווײַל אַ פאַרבליבענער פון נעכטן נאָך בײַ נאַכט,
מיט ביכער אויף די פּאָליצעס, וואָס שטייען שטרענג צעשורהט,
און מיט אַ בוך בײַם בעט, נאָך נישט פאַרענדיקט, נאָר פאַרמאַכט.

## אַ דעמער־ניגון

אַ מויל־האַרמאָניק אין אַ ווינטיק־האַרבסטיקן פאַרנאַכט,
ווען אָפּגעוועלקטע, געלע בלעטער פאַלן פון די צווײַגן —
ער האָט אַ דעמער־ניגון אַ פאַרגעסענעם געבראַכט
צוזאַמען מיט דעם אומעט פון אַ נאָגנדיקן שווײַגן.

די בלעטער פאַלן הילפלאָז אויף דער אָפּגעוועלקטער ערד,
זיי פאַלן דאָרטן קרעכצנדיק און בלײַבן טויטע ליגן.
דער האַרבסטיקער פאַרנאַכט נאָר פלאַטערט ציטערדיק פאַרהערט
און שווימט אַוועק אין טונקל אויף די טענער פון דעם ניגון.

## אַ נ ע פּ ל

אַ נעפּל האָט צעשפּרינקלט זיך אַ רעגנדיקער, נאַסער,
ער פאַלט צום פּנים־צו דיר ווי אַ דורכגעפּײַכטיקט טוך —
אַ שווערער דעמער־נעפּל, אַזאַ מילכיק־גרויער, בלאַסער,
וואָס דרינגט אַרײַן אין דיר, וואָס נעמט אַרום דיך דורך און דורך.

דו ווערסט אַ טייל פון נעפּל, ווערסט ווי ער אַליין צעשוווּמען,
דו גיסט צונויף מיט אים זיך, מיט דײַן לײַב, מיט דײַן געביין,
ווי ער וואָלט דיך מיט פּײַכטע אָרעמס קיל אַרומגענומען,
דיך אײַנגעזאַפּט — דו ווערסט צענעפּלט, ווערסט ווי ער אַליין.

## צום אויסדאַכט־ציל

אַ גאַנצן לעבן בין איך פון דער גרויער וואָר געלאָפן,
געשטאַפּלט צו מײַן אויסדאַכט־ציל, געקלעטערט אין געאײַל,
און ווי איך וואָלט די לעצטע רגע ערגעץ־ווו פאַרשלאָפן
פאַרזאַמט זיך ווו — איך האָב פאַרשפּעטיקט שטענדיק אויף אַ ווײַל.

ווי ס׳וואָלט אומזיסט געווען מײַן גאַנג־אַרויף, מײַן גאַנצער צאַפּלען,
ווי דאָס וואָלט נאָר געווען אַן אויסדאַכט פון מײַן פּלאַטערקאָפּ,
ווי איך וואָלט איבער וויקלטרעפּ געפּרווּוט אַרויף צו שטאַפּלען,
ווען ס׳לויפט דער עסקאַלאַטאָר גאָר אַ האַסטיקער אַראָפּ.

## די אַלטע עוולות

די אַלטע עוולות קומען אין דער נאַכט צו מיר צו גיין, —
פון קינדערטעג זיי קומען מיט פאַרגעסענע פאַרוואָסן.
זיי טויכן אויף באַהאַלטענע פון טיף פון מײַן געביין
מיט נײַע קריוודעס — ערשט פון טאָג געצונדענע פאַרדראָסן.

זיי זאַמלען זיך אין מיר צונויף ווען שטום ליג איך, אַליין,
זיי שאַרן זיך אַרויס פון אַלע נאַכטיקע אַרומען,
און פול ווערט דאַן מײַן האַרץ מיט אַ פאַרגעסענעם געוויין,
מיט יענעם קינדערשן געוויין, וואָס וועט שוין מער נישט קומען.

## דער נאָכטראַכט

עס טרעפט, דערפילסט די שרעק גאָר שפּעטער, מערער נאָך ווי דעמאָלט,
ווען ס׳האָט געדראָט דיר אויף אַן אמת די געפאַר פון טויט.
אין רגע פון געפאַר, קען זײַן, האָט זי אין דיר געדרעמלט,
באַהאַלטן ווו געלעגן, ווי פאַרשטעקט אונטער דער הויט.

ס׳קען זײַן, פון שרעק דער נאָכטראַכט איז פון שרעק אַליין נאָך מערער,
דער נאָכטראַכט איז נאָך שרעקלעכער פון דער געפאַר אַליין,
נאָר שפּעטער וואַכט די שרעק אויף און זי ווערט אַלץ שווערער, שווערער,
און וועט אַזוי באַגלייטן דיך פאַרקלעמט אין דײַן געביין.

## דורך שפּאַרעס פון די טעג

דורך שפּאַרעס פון די טעג, ווי דורך אַ פּאַרקאַן,
איך קוק אַרײַן דורך זיי צוריק צום יוגנטלאַנד.
דאָרט איז נאָך פרילינג אַלץ, דאָרט גרינען סעדער, פּאַרקן
און ס'שמעקט נאָך אַלץ דער בעז צעליכטיקט אין מײַן האַנט.

נאָר דאָ איז שפּעטער האַרבסט. דער פויל-גערוך דער האַרבער
פון בלעטערפאַל דערציילט מיט ווײַניק-זיסער שפּראַך
פון טויט און פון פאַרגענגלעכקייט. און ווי אַ שפּאַרבער
הענגט שרעקנדיק די נאַכט צעפליגלט אויף מײַן דאַך.

## נישטאָ קיין וואָג

נישטאָ קיין וואָג צו וועגן אַלע עוולהס און פאַרדראָסן,
דעם קלענסטן ציטער פון דײַן האַרץ, דעם טראָפּן פון אַ טרער.
דו קענסט די נאַכט די שלאָפלאָזע נישט מעסטן מיט קיין מאָסן,
נישט וועגן קענסט דײַן בענקשאַפט און נישט מעסטן דײַן באַגער.

דו ווייסט די צאָל פון רגעס אין דער שעה, די צאָל פון יאָרן,
דו ווייסט די לענג פון וואָכן און די לענג פון נאַכט און טאָג,
נאָר וויפל וועגט דײַן האָפענונג וואָס דו האָסט הײַנט פאַרלאָרן,
דײַן האָפענונג די לעצטע — ניין, נישטאָ פאַר דעם קיין וואָג!

## ג ל י ק

כ'בין זעלטן ווען געווען אויף אַן אמת טאַקע גליקלעך,
כ'האָב זעלטן ווען געהאַט אַ טאָג וואָס זײַן זאָל פריידיק-גאַנץ.
דאָס גאַנצע לעבן איז געווען געשטוקעוועט פון שטיקלעך,
פון חורבן-טעג צעדריבלטע און נעכט מיט שׂריפה-גלאַנץ.

ס'קען זײַן, אַז גאָר אַ מאָל, אַ מאָל מײַן יוגנט-וועלט געהאַט האָט
אויך פולע טעג מיט פרייד, מיט זון, וואָס האָט מיך צאַרט געגלעט,
נאָר שפּעטער האָט דער גורל שוין געפליקט זיי און געלאַטעט
מיט פאַלשע פעדעם האָפענונג און נאַרנדיקע נעט.

## אויף אַ ווײַטן שטערן

עס קען דאָך זײַן, מיר זײַנען נישט אַליין אין אוניווערס.
עס קען דאָך זײַן, אַז ערגעץ אויף אַ ווײַטן, ווײַטן שטערן
זינגט אויך, ווי איך, אַ דיכטער אין די שורות פון אַ פערז
זײַן נאַכטיק־שפּעטן אומעט אויס מיט נישט־דערווײנטע טרערן.

ער קוקט אַרויף צום הימל איצט. אין שטערנדיקער ווײַט
ווינקט אונדזער ערד — אַ פּינטעלע. דער מילכוועג בלײכט אַ בלויער.
און ער, אַריבער ווײַטקייטן, אַריבער רוים און צײַט,
זינגט אויך אין שורות פּערזיקע, ווי איך, איצט אויס זײַן טרויער.

## אונדזער ערד

פון אונדזער ערד וועט נאָך דער מענטש צו ווײַטע שטערן קומען,
אויף פרעמדער ערד וועט ער פאַר זיך דאָרט אויסזוכן אַן אָרט,
און איבער זאַמדן שווײַגנדיקע, איבער רוימען שטומע
וועט אויפהילכן צום ערשטן מאָל צעקלונגען אונדזער וואָרט.

ביז יאָרן וועלן איבערגיין יאָרטויזנטער, מיליאָנען,
און אויף דעם ווײַטן שטערן, וואָס מען זעט איצט קוים זײַן שײַן,
וועט נאָר אַ דיכטער אין אַ מעשׂה אונדזער ערד דערמאָנען,
נאָר אונדזער ערד, קען זײַן, וועט דעמאָלט מערער שוין נישט זײַן.

## איינזאַמע מענטשן

עס רופן אָפּ מיך מענטשן אין דער שפּעטקייט פון דער נאַכט —
דאָס זײַנען מענטשן איינזאַמע, אָן ווײַבער און אָן קינדער.
איך זיץ בײַם טעלעפאָן און הער מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכט,
איך זע זיי נישט, איך הער זיי נאָר, ווי ס'הערט מסתּם אַ בלינדער.

איך שטעל זיך פאָר אַדורך די רייד אַ יעדערנס געזיכט
און פיל דעם טרויער זייערן אין פליסטער פון די ווערטער.
ס'איז שטיל אין שטוב, עס בלײכט דער לאָמפּ מיט קאַלטן, מאַטן ליכט
און איך, איך זיץ אין קלאַנג פון רייד אַן אומעטיק־פאַרהערטער.

## פון הינטערן נעפל

די מענטשן פון הינטערן נעפל, זיי קומען צו אונדז און פאַרגייען,
זיי איַילן פאַרבײַ זיך ווי שאָטנס צום וויַיטן פאַרהוילענעם סוף.
זיי טראָגן אין זיך אום דעם עכאָ פון גליווערדיק־שטומע געשרייען
און לאָזן אונדז איבער דעם אומעט, וואָס וועקט אונדז מיט אומרו
פון שלאָף.

זיי קומען צו אונדז אומגעריכטע אין גאַנג אין דעם גורלדיק־בלינדן,
זיי קומען אונדז פּלוצלונג אַנטקעגן בײַ טירן, וואָס שטייען פאַרמאַכט.
די מענטשן פון הינטערן נעפל, זיי קומען צו אונדז און פאַרשווינדן
און ווערן פאַרלאָרן אין טונקל פון הינטערן פאָרהאַנג פון נאַכט.

## אַ פריַינד געשטאָרבן

אַ פריַינד געשטאָרבן. פון דער גאַס אַ גרינלעכער לאַמטערן
קוקט שטום אַרײַן. די גאַס איז פול מיט ווייכן, קאַלטן גלאַנץ.
אַ רעגן גייט און גייט, ער וויינט מיט בלייכע, גרינע טרערן,
און ס׳טאַנצן ליכטער אויפן ברוק — אַ ליכט און שאָטן־טאַנץ.

אַ פריַינד געשטאָרבן. כ׳וועל זײַן שטימע מערער שוין נישט הערן,
כ׳וועל קיין מאָל מערער שוין נישט זען דעם בלייך פון זײַן געזיכט.
דער רעגן גייט, ער וויינט פאַר מיר מיט קאַלטע, גרינע טרערן,
די ליכטער טאַנצן אויס אַ טאַנץ פון טויט — מיט שאָטן־ליכט.

## פאַרנאַכטיקער רעגן

מיט ברוינער פײַכטקייט שווימט די גאַס, די ביימער דורכגענעצטע
מיט זאַפטיק־גרינער גלאַנציקייט זיי ווינטיקן בײַם ראָג.
די רעגן־טראָפּנס פאַלן שוין פאַראיינצלטע און לעצטע,
און לעשן אין קאַלוזשעס אויס דעם צאַנקעדיקן טאָג.

ס׳ווערט טונקל שוין, נאָר ס׳ליכטיקן די ביימער נאַס־צעגלאַנצטע,
אַט פאַלט אַ לעצטער טראָפּן אין קאַלוזשע בלײַיק־שווער
און שווימט מיט קרײַזן זיך פאַנאַנדער זילבערדיק־צעטאַנצטע —
פון אומעט פון פאַרנאַכטיקן אַן אָפּגעטריפטע טרער.

## אַ געלער בוים

אַ זומערטאָג אַ זוניקער — אַ בוים מיט געלע בלעטער,
ער שטייט געשפּענסטיק, שרעקעוודיק אין דורכגעבלויטן רוים,
ווי ס׳וואָלט דער האַרבסט שוין נישט געקענט דערוואַרטן זיך אויף שפּעטער,
און זיך באַזעצט באַצײַטנס שוין אַ געלער אויפן בוים.

אַרום איז גרין — אַ שײַנענדיקער זומערטאָג אַ העלער,
וואָס פלייצט, פאַרפלייצט מיט ביימער, גראָז — אַ זאַפטיק־גרינער בלענד,
און בלויז דער בוים מיט בלעטער נאָך געדיכטע, נאָר שוין אַ געלער,
ער שטייט און זאָגט באַצײַטנס אָן דעם האַרבסטיקן פאַרלענד.

## עס גייען רעגנס

שוין צווייטער טאָג, שוין דריטער טאָג עס גייען רעגנס, רעגנס.
דער אומעט שווימט אין צימער אום, פאַרגרויט די ווענט, דעם דיל.
מיר דאַכט זיך אַלץ — איך האָב פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אונטערוועגנס
און ס׳איז נישטאָ קיין וועג שוין מער, און ס׳איז נישטאָ קיין ציל.

דער רעגן גייט, דער אומעט שווימט, די ווענט זיי ווערן גרויער,
זיי טונקלען און צעשווימען זיך — ס׳איז נאַכט שוין, נאַכט אַרום.
קיין הימל איז שוין מער נישטאָ, נישטאָ קיין ערד — נאָר טרויער,
וואָס האָט פאַרשווענקט שוין אַלץ אַרום און גרויט אין פענצטער שטום.

## גאָטס מילן

גאָטס מילן מאָלן לאַנגזאַם, אָבער גרינטלעך, אָן אַן אויפהער.
זיי שלינגען אַלץ אַרײַן אין זיך אין גורלדיקן בײַט:
דעם הערשער און דעם קנעכט, דעם שטרענגן נזיר און דעם זויפער —
אַלץ ווערט אין שטויב צעמאָלן דורך די מילשטיינער פון צײַט.

די וועלט איז פול מיט אַשן פון פאַרשׂרפהטע באַגערן,
פון גלוסטונגען וואָס שטויביקן שוין גלײַכגילטיק און שטום.
גאָטס מילן מאָלן לאַנגזאַם, אָבער גרינטלעך, זיי פאַרצערן
די ליבע און די אייפערזוכט, די קינאה און דעם רום.

## אַ טויטער אײַזן־שטויס

מיט גלידער אָפּגעריסענע, מיט אָפּגעבלויזטע ווונדן
פון אינגעווײדן זשאַווערדיקע ליגן אויטאָס טויט,
ווי אַלטע פערד געפּגרטע מיט פעלן אָפּגעשונדן,
זיי וואַלגערן צעפליקטע זיך מיט שטויב באַדעקט און קויט.

זיי האָבן זיך געיאָגט אַ מאָל, מיט אויסדאַכט־פרייד געפאָרן,
מיט אימפּעט זיך געטראָגן פול מיט שטאָלצן, דרייסטן ברויז.
מיט רעדער אָפּגעפליקטע, מיט צעלעכערטע מאָטאָרן
אָט ליגן זיי געפּגרטע — אַ טויטער אײַזן־שטויס.

## וויפל ווערטער וועלקן

וויפל ווערטער וועלקן, ווי אין האַרבסט די בלעטער —
וואָס־זשע בלאָנדזשע איך אין האַרבסטיקייט פון ליד?
אפשר וועל איך פאָרט נאָך קומען ערגעץ שפּעטער —
ס׳שאָרכן ווערטער ווי די בלעטער אונטער טריט.

נישט איין שורה שוין פאַרגאַנגען אָן אַ שפור איז,
נישט איין ליד ליגט ערגעץ־ווּ פאַרוואָרלאָזט, ווייסט —
וואָס־זשע בלאָנדזשע איך אין האַרבסטיקייט פון שורות,
ווּ עס טראָגט דער ווינט מײַן בענקשאַפט אום אומזיסט?!

## דער ים

דער ים באַהאַלט די זון פאַר זיך אין שטיקער פון בורשטינען,
ער האַלט פאַרקלעמט אין פערל דעם לבנהדיקן טריף,
און דו ביים ברעג, דו וואַרטסט אומזיסט, דו ועסט דאָרט נאָר געפינען
די פוסטע מושלען און דעם ברוך פון אַ צעקלאַפּטער שיף.

נאָר דאָס וואַרפט ער אַרויס פאַר דיר, דאָס מאַכט ער פון דיר חוזק,
דאָס שפּאָט ער אָפּ און לאַכט דיך אויס — דײַן בענקשאַפט און דײַן טרוים.
די אויפגערוישטע כוואַליעס קײַכן אויפגעהילכט און ברויזיק,
און שענקען דיר אַוועק דעם פוסטן, אויפגעפּוישטן שוים.

# אַ קילע זון

אַ קילע זון דורך וואָלקנס שווימט אַ האַרבסטיקע געלאַסענע —
מיר דוכט, נאָך הייסע זומערטעג זי שווימט אַהיים צוריק.
די ביימער שטייען מיד, ווי מחותּנים נאָך אַ חתונה,
אַ חתונה אַ פריילעכע מיט פויגלשער מוזיק.

די גרינע טראַכטן אויסגעטאָן, אין קליידער געל־פאַרלאַטעטע,
זיי שטייען ווידער וואַכעדיק מיט זאָרגן און מיט שרעק.
די וואָלקנס אײַלן, קומען־אָן ווי בוידן גרוי־צעפּלאַטערטע,
און נעמען מיט דעם טאָג, די זון אין ווינטיק־ווײַטן וועג.

## דער שאָרך פון טויטן שטרוי

דער ווינט איז שוין פון לאַנג אַוועק, אַ טעמפּער שאָרך נאָך דויערט,
אַ הייזעריקער שאָרך, וואָס שאַרט זיך אויף דעם הוילן פעלד,
דער הימל אויסגעלײַטערט הענגט אַדורכגעזוניקט־בלויער,
מיט פּערלמוטער־וואָלקנדלעך ווי גאָלדיק דורכגעהעלט.

ס'איז שטיל, דער ווינט איז שוין אַוועק, אַ בוים נאָך ציטערט, ציטערט,
נאָר קאַלט איז שוין די זון און קאַלט דעם הימלס בלייכער בלוי —
דעם זאַנגען־גאָלד אַוועקגעפירט עס האָבן שוין די שניטער,
און ס'רוישט דאָס פעלד פון זיך אַליין מיט שאָרך פון טויטן שטרוי.

# טראָטואַרן

דער בײַט פון צײַטן ליגט אין שטויב אויף אַלע טראָטואַרן —
מיט בלעטער־וועלק מיט האַרבסטיקן, מיט פרילינגדיקן בלי,
דער פלאַטערווינט דער זאָרגלאָזער קומט זיי בײַ נאַכט פאַרשאַרן
און טראָגט אַוועק זיי טויטע צו דעם ראַנד פון אינדערפרי.

אָט וויפל מאָל זיי האָבן אויך מײַן טראָט געפּרוּווט פאַרנאַרן,
געפירט מיך און פאַרפירט מיך דורך די גאַסן פון דער שטאָט.
זיי גלאָצן פלומרשט גלײַכגילטיק און שטויביק־גרוי זיי שטאַרן,
נאָר אויף אַן אמת חוזקן זיי פון מײַן פאַלשן טראָט.

## כ׳וועל אַוועקגיין

כ׳וועל אַוועקגיין פון דער שטאָט אין ערגעץ, אין אַ ווײַטן ישוב
צו אַ שטעטל אַ פאַרוואָרפנס וווּ עס איז נישטאָ קיין באַן,
וווּ אין אָוונט די לבנה שטייט ווי קינדווײַז נאָך און פּישופּט,
וווּ מיט פינקלענדיקע שטערן איז אַ הימל נאָך פאַראַן.

אין פאַרנאַכט וועל איך אין פענצטער שטיין דאָרט, קוקן אין דעם דעמער,
און דערמאָנען זיך ווי קינדווײַז אין מײַן שטעטל, העל צעבלויט,
האָט געוויינט פאַר נאַכט דער ברונעם מיט אַ כליפּענדיקן עמער,
און געטריפט ווי טראָפּנס בלוט פון עמער האָט דער שקיעה־רויט.

## די אַלטקייט

די אַלטקייט קומט צו גיין צו אונדז דורך שטום־צעבלייכטע טירן
און לייגט אַוועק אַ קאַלטע זון בײַם ראַנד פון גרויער שוועל.
די שפּיגלען ווערן פלוצלונג מאַט, דער אויוון הייבט אָן פרירן
די פענצטער ווערן בלענדיק־קאַלט, אַדורכגעפרוירן־העל.

די שויבן בלאַסן־אויף פאַר נאַכט מיט שנייִק־ווײַסע פליינען,
מיט שקיעות אָפּגעלאָשענע, פאַרוועלקטע רויט און געל.
די טירן בלייבן שטומע אוים פאַרגעסענע געוויינען
און לעשן אוים די קאַלטע זון וואָס וואַלגערט זיך לעם שוועל.

## ווי נאָנט איז ער מיר

איך זע נאָך אַלץ מיך פון דער ווײַט — אַ פערצניאָריק יינגל
מיט תמימותדיקע בליקן אויף דער שוועל פון זײַן באַגין,
אַרום אים ברויזט אַ וועלט, וואָס איז מיט סוד אַרומגערינגלט,
און ער, ער צאַפּלט, פלאַטערט, וויל אין אַלץ דערגיין אַ זין.

ווי נאָנט איז ער מיר, כאָטש איך שטיי בײַם סוף פון אַלע וועגן,
נאָר ס׳איז זײַן פרייד נאָך מײַנע אַלץ, און איצט, בײַם סאַמע ענד,
גיי איך נאָך אַלץ אין מײַנע נעכט צוריק צו אים אַנטקעגן,
צו אים, דעם פערצניאָריקן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

## און מעג די וועלט שוין אַנדערש זײַן...

זעט אויס, אַז כ׳וועל אַזוי שוין שרײַבן לויטן אַלטן אופן,
אַז ס׳וועט מײַן זעונג לאַנגזאַם גיין צום טאַקט פון קלאַנג אין ליד.
זי וועט מיט שורות אײַליקע, געבראָכענע נישט לויפן,
ווי ס׳לויפט אויף טרעפּ אַ שאָטן אום אין אומרו־שפּרײַז פון טריט.

און מעג די וועלט שוין אַנדערש זײַן — איר גאַנג, דער גאַנצער שטייגער,
די שנעלקייט מעג אונדז נאָנט מאַכן אין רוים די ווײַטסטע ווײַט,
נאָר ס׳וועט אין ליד מײַן אומעט גיין ווי ס׳גייט נאָך אַלץ דער זייגער,
וואָס טיילט מיט זײַנע ווײַזערס אײַן אויף טאָג און נאַכט די צײַט.

## מיט אַלץ

איך ווייס, איך וועל ווי יעדער מענטש נישט זײַן — איך וועל פאַרשווינדן,
און בלײַבן וועט אַ וואָרט פון מיר, פאַרזיגלט אין אַ ליד,
נאָר כ׳פּרוּוו זיך מיט דער אייביקייט נישט נאָר מיט וואָרט פאַרבינדן,
נאָר מיט מײַן זײַן — מיט אַלץ, מיט מײַנע אויגן, מײַנע טריט.

אַזוי וויל איך מיט אַלץ זיך מיט דער אייביקייט פאַרוועבן,
נישט בלויז מיט ווערטער און מיט ליד, נאָר אויך מיט זיך אַליין —
מיט אַלע מעשׂים מיינע, מיט מײַן גאַנצן לײַב און לעבן,
מיט יעדן שמייכל מײַנעם, מיט מײַן אומעט און געוויין.

## ס׳קען זײַן

ס׳קען זײַן — דאָס קומען אויף דער וועלט איז פּײַנלעכער פון טויט,
ווער ווייס, וואָס ס׳לעבט אַ מענטש אַלץ איבער ווען ער ווערט געבאָרן —
ס׳קען זײַן די שרעק צו לעבן אויף דער וועלט ווערט אים פאַרטרויט,
און ער באַהאַלטן טראָגט די שרעק אום שטענדיק אין זכּרון.

אַזוי פאַרבלײַבט זי טיף אין אים — זי גייט שוין נישט אַוועק,
זי וואַכט אין אים, זי שוועבט אַרום פאַרשטעלטערהייט דערנעבן —
ס׳קען זײַן, די מורא פאַר דעם טויט איז פּונקט די זעלבע שרעק
ווי בײַם געבורט — די דעמאָלטיקע שרעק גאָר פאַר דעם לעבן.

## דער טעלעפאָן

עס שווייַגט דער טעלעפאָן, ער וואַרט, ווי איך, אַ שטום-פאַרהערטער,
אָט וועט ער באַלד צעקלינגען זיך גאָר האסטיק מיט אַ מאָל
און אַלץ אין זיך אַרייַנזאַפּן — דעם קלאַנג פון פרעמדע ווערטער,
און טיף אין זיך באַהאַלטן יענעם מענטשנס ווייַטן קול.

אַזוי שוין נישט איין פרעמדנס וואָרט פאַרשטעקט דאָרט טיף אין אים איז —
די רייד פון גוטע-פריינד און פון דעם נישט-פאַרגינערס שפּאָט,
זיי ליגן אַלע טיף אין אים מיט לאַנג-פאַרשטומטע שטימעס,
נאָר ס'שווייַגט דער טעלעפאָן, ער גלאָצט פאַרהוילן, פול מיט סוד.

## ד ו ר ך  מ י ר

די וועלט, זי רעדט אַרום דורך מיר, איך פיל וואָס זי איז אויסן,
אַדורך מייַן לייַב פאַרנעם איך זי — איר שיינקייט און איר גרויל.
אין מיר איז קינדווייַז נאָך אַרייַן דער שטערנדיקער דרויסן,
אַ נישט-פאַרפוצטער, ווי ער איז — אָן אָפּגעדעקטער, הויל.

איצט טראָג איך אום די וועלט אין זיך אַ נאַקעטע, אַנטבלויזטע,
אַזוי ווי זי איז נאָך געווען בייַ דעם באַשאַף, אַ מאָל,
זי רעדט דורך מיר מיט שטילקייטן, מיט שטורעמס אַ צעברויזטע,
און ס'איז מייַן וואָרט דער עכאָ נאָר, דער אָפּקלאַנג פון איר קול.

## ערשטער וועלק

דער בלעטערגרין פאַרציט זיך שוין מיט געלבלעכקייט צו ביסלעך,
מיט רעגן-פעדעם זילבערנע אַדורכגעוועבט, פאַרשפּינט.
פון ערשטן וועלק צעפוילטן שמעקט די לופט שוין ווייַניק-זיסלעך
און טראָגט זיך אום מיט שפּינוועבסן מיט נאַסע אין דעם ווינט.

אַ געלער בלאַט באַלט פאַלט מיד אַראָפּ אויף דורכגעווייקטע גרעזלעך,
ער גיט אַ פינקל גלאַנציק-נאַס מיט הייסן גלי פון מעש.
דער רעגן גייט, אין די קאַלוזשעס טאַנצן זילבער-בלעזלעך,
זיי פינקלען-אויף און גיבן באַלד זיך נאַכטיק אַ פאַרלעש.

## שפּעטנאַכטיקער ראַדיאָ

דער גורל לויפֿט אין ראַדיאָ אום אויף כוואַליעס און דורך דראָטן,
ער לויפֿט פֿון לאַנד צו לאַנד אַדורך דער פֿינצטערניש פֿון נאַכט.
אין צימערן שפּעטנאַכטיקע ער טויכט אַרויס פֿון שאָטן
מיט שרעק־ידיעות גרויליקע אין וואָרט אַנטפּלעקט, דערוואַכט.

ווי ס׳וואָלטן פֿון דער נאַכט, פֿון דרויסן, קראָען שוואַרץ־צעקראַקעט
אַרײַן צו מיר אין צימער און זיי פֿלאַטערן מיט שרעק,
די שפּעטע נאַכט כאַפּט־אויף זיך און זי לויפֿט צעשראָקן, נאַקעט,
און ס׳לויפֿט איר נאָך מײַן צימער, וואָס וויל אויך מיט איר אַוועק.

## עס קושט מײַן מאַמע מיר

עס קושט מײַן מאַמע מיר די גרוי שוין ווערנדיקע האָר,
איך פֿיל די ליפּן אירע נאָך ווי קינדווײַז אויף מײַן שטערן.
דאָס קושט זי מיר אין חלום נאָר, ווי דעמאָלט אויף דער וואָר,
און אין דער פֿרי כאַפּ איך זיך אויף מיט אויגן פֿול מיט טרערן.

איך ליג אַ ווײַל — מיר דאַכט, איך בין אַ קינד נאָך ווי אַ מאָל,
אַ קינד אַ קליינס — אַט וועל איך באַלד אַראָפּקריכן פֿון וויגל,
נאָר מיד בין איך, נישט הערן וועל איך מער מײַן מאַמעס קול
און ס׳גרויען מײַנע האָר מיט טריבן אָפּשײַן אין דעם שפּיגל.

## מײַן עלטער־זיידע

ס׳קען זײַן, מײַן עלטער־זיידע אין אַ ווינקל פֿון גן־עדן
ער איז מתפּלל דאָרטן פֿאַר זײַן אייניקל אויף דר׳ערד,
וואָס גלייבט נישט מער ווי ער, וואָס פּרוווט להכעיס אַנדערש ריידן,
אַ טראַציק־ווידערשפּעניקער, וואָס רעדט גאָר דאָרט פֿאַרקערט.

איז זיצט ער אין גן־עדן און זאָגט תּהילים פֿאַר אונדז ביידן,
און וויינט מיט הייסע טרערן אין זײַן לאַנגער גרויער באָרד,
און איך, זײַן ווײַטער אייניקל, טראַכט אויך דאָ פֿון דעם זיידן,
און פּרווו זײַן ווי פֿאַרפֿלעכטן אין מײַן טראַציק־האַרבן וואָרט.

# האַרבסטיקע פידלען

א

מוזיק מאַכט אומרויִק די נאַכט, די קאַלטע לאָמפּן בלאַסן.
אַן אומעט־ניגון יאָגט צונויף די שאָטנס אין אַ קנויל.
די פידלען ברומען אויס דעם רויש פון אָוונטיקע גאַסן
פון הינטערגעסלעך האַרבסטיקע, וואָס טונקלען נאַכטיק־הויל.

מוזיק מאַכט אומרויִק די נאַכט, די פידלען וויינען, קלאָגן,
אַ פליייט לויפט נאָך אַ שטראַלכעלע און לעשט זיך אין דער שטיל.
דער ניגון טראָגט דעם אומעט אום פון נאַכטיק־בלינדע ראָגן
און פון אַ שפּעטן דורכגייער אין ליכט און שאָטן־שפּיל.

ב

די פידלען ווערן אומעטיק פון לאָמפּן־ליכט דעם קאַלטן,
די סטרונעס ברומען אומרויִק, צעשראָקן לויפט דער סמיק,
דער ניגון פּרוּווט זיך שאָטנדיק אין פידל־טיף באַהאַלטן,
נאָר ס׳יאָגן אים די סטרונעס באַלד אַרויס פון דאָרט צוריק.

דער פידל בלייכט, די לאָמפּשייַן פאַלט צו מיט קאַלטע ליפּן
און זויגט אַריין דעם ניגון און דעם פידלערס בלייך געזיכט,
און נאָר די פינגער זייַנע לויפן אומרויִק און כליפּען,
געפאַנגענע פון פידל און פון קאַלטן לאָמפּן־ליכט.

## די פּאַרקערטע שפּיל

עס שפּילן קליינע קינדער זיך מיט נאָכמאַכן די אַלטע,
די אַלטע פּרוּוון זיך פאַרשטעלן און זיך מאַכן יונג —
עס ליגט אַזאַ פאַרקערטקייט ערגעץ טיף אין אונדז באַהאַלטן,
אין וואַקלגאַנג פון אַלטן און אין קינדס צעשטיפּטן שפּרונג.

דער שמייכל פון דעם יונגן מיידל מיט די בלאָנדע לאָקן,
דער ערשטער קוש, דער ערשטער, ווײַטער גלוסטיקער געפּיל —
זיי וואַלגערן זיך האַרבסטיק נאָך אין דימיון פון דעם זקן,
ווי ווײַטע צאַצקעס קינדערשע, פאַרלאָרענע אין שפּיל.

## די האַרבסטיקע זון

די זון אין האַרבסט איז קיל און בלאַס, איר גאָלדיקע באַרירונג
מאַכט געלער נאָך דעם בלעטער-וועלק, מאַכט בלוטיקער דעם רויט,
און שאַרפער ווערט דער פויל-גערוך — אַ נאָגנדיקע שפּירונג
פון לאַנגזאַמער פאַרגענגלעכקייט, פון וועלקונג און פון טויט.

די זון אין האַרבסט, זי וואַרעמט נישט, זי העלפט נאָר צו דעם פוילן,
זי מאַכט דעם טויט נאָך קענטיקער, נאָך שאַרפער דעם פאַרלענד
און אַלץ, וואָס איז געווען פאַרשטעלט און שטאַנדיק פאַרהוילן,
גייט אָפן אויף מיט פויל און טויט אין זוניק-שאַרפן בלענד.

## האַרבסטיקע לאַנדשאַפט

מיט הוילע צווײַגן-קנופּן שטייען נידעריקע ביימלעך,
ווי מיט געלענקן שוואַרצע, קרום-אַרטרעטישע, צעדרייט.
אַנטבלויזטע, אָפּגעשאָטענע, זיי שוואַרצן זיך אומהיימלעך,
און איבער זיי אַ גרויער טאָג צעשווימט זיך און פאַרגייט.

די צווײַגן-פלעכט פאַרקניפּן זיך אין נאַסן ווינט צעוויגטע,
זיי בײַסן אין פאַרנאַכט זיך אײַן, וואָס גלאָצט צעשראָקן, הויל.
זיי רײַסן שטיקער דעמער אויס און וויגן זיי דערשטיקטע —
דער טאָג אַנטלויפט פאַר שרעק, די נאַכט פאַלט-צו מיט שטומען גרויל.

# דער אומעט

דער אומעט וואַכט, כ'האָב איינגעזאַפּט שוין גלײַך ביים ערשטן טראָט אים,
מיט ערשטער זעונג פון אַ וועלט, וואָס קוקט אויף מיר געהיים.
איך האָב אים מיט דעם ערשטן האַרבסט אין זיך אַרײַנגעאָטעמט,
מיט ערשטן בין השמשות פון מײַן קינדערש-ווײַטער היים.

שוין דעמאָלט, ווען איך האָב זיך נאָך צו גיין, קען זיין, געלערנט,
ווען ס'האָט אין מיר געעכאָט נאָך מײַן ערשטיקער געשריי,
האָב איך אין זיך אים אײַנגעזאַפּט, דורך זומערנעכט צעשטערנט
און דורך דער ווײַסער שטילקייט פון דעם פאַלנדיקן שניי.

## האַרבסטיקער רעגן

ס'איז האַרבסט. אויף אָפּגעשטשיפּעטע, שוין געלב-פאַרוועלקטע גרעזלעך
דער דעמער פון פאַרנאַכט ציט אוים זײַן שאָטנדיקע האַנט.
אַ רעגן גייט, ער ציטערט אין קאַלוזשעס אום מיט בלעזלעך
פון טראָפּנס-טריפן אײַליקע, וואָס פאַלן נאָך אַנאַנד.

די בלעזלעך שפּרינגען אום אין וואַסער, האָפּסלען אום צעשטיפטע,
ווי אויפגעטויכטע פישעלעך מיט זילבערדיקן גלאַנץ.
די טראָפּנס פאַלן, פאַלן אָן אַן אויפהער אַלץ צעטריפטע
און טאַנצן אין קאַלוזשעס אוים אַ האַרבסטיק-טריבן טאַנץ.

## דער ווינט פון דויער

אַריבער מיר דער ווינט פון דויער פלאַטערט אַלץ און פלאַטערט —
דאָס איז דער ווינט פון אייביקייט, וואָס לעשט מײַן יעדן טאָג,
און איבער אים דער פרומער הימל בלויט שוין מאַט, פאַרמאַטערט —
ער ציילט מײַן יעדן טראָט און וואָרט, און וועגט זיי אויף זײַן וואָג.

ער קוקט מיר נאָך, דער הימל, אַלץ, מיט י ע נ ע ר  ו ו ע ל ט ער לויערט,
ער האַלט מיך בלינד געפאַנגען מיט זײַן נישט-אַנטפּלעקטן סוד,
און אונטער אים טראָגט סודותדיק זיך אום דער ווינט פון דויער,
וואָס שלינגט מיך אײַן און מעקט, פאַרדעקט, ווישט אָפּ מײַן יעדן טראָט.

## דער שטענדיקער פֿאַרשפּילער

נאָך יעדן טאָג קום איך צו גיין אַ שטענדיקער פֿאַרשפּילער,
אַזאַ, וואָס האָט פֿאַרלוירן אויפֿן שפּילטיש אַלע טעג,
נאָר ווען דער אָוונט קומט צו גיין און ס׳ווערט מײַן אומרו שטילער,
קלײַב איך צונויף די רעשטלעך פֿון פֿאַרבליבענעם פֿאַרמעג.

איך צייל צונויף וואָס ס׳איז פֿאַרבליבן מיר נאָך דעם פֿאַרלירן:
אַ שפּליטער טרוים, אַ פֿינקל טרייסט, אַ גלי פֿון אַ געפֿיל.
און כאָטש איך ווייס, דער נײַער טאָג וועט ווידער מיך פֿאַרפֿירן,
דאָך גרייט איך זיך פֿון אין דער פֿרי אויף ס׳נײַ שוין צו דער שפּיל.

## דאָס לעצטע וואָרט

פֿון אַלע ביאָגראַפֿיעס רעדט אַרויס דעם מענטשנס טראַגיק,
די מענטשלעכע פֿאַרגענגלעכקייט, וואָס ווערט אין וואָרט פֿאַרטרויט,
ווו איבער שורות פֿירט דער גורל אונדז אַרום זיגזאַגיק,
ווו ס׳איז די לעצטע שורה שטענדיק גרויזאַם ווי דער טויט.

און מעגן מיר פֿון ווערטער ווערן שיכּור און פֿאַרבלענדיקט,
און מעגן מיט דערהויבנקייט דאָרט אויפֿגיין אַלע רייד,
נאָר טרויעריק איז אין דעם בוך די שורה וואָס פֿאַרענדיקט
דאָס לעצטע וואָרט, כאָטש מעג עס זײַן אַ וואָרט פֿון כּולה פֿרייד.

## דער ספֿק

ווי קינדווײַז נאָך, ווי גאָר אַ מאָל, זע איך אַלץ די נביאים.
איך הער אַ יעדן נביא נאָך מיט זײַנע הארבע רייד.
אַ שטרענגן און אַ שטראָפֿנדיקן זע איך אַלץ אין גלי אים
פֿון שקיעה־וואָלקנס פֿלאַמיקע מיט שטורעמווינט באַגלייט.

ס׳קען זײַן, אַז אים האָט אויך אַ מאָל געגנאָגט ווי מיר דער ספֿק,
געפּלאָגט אים אין די אומרו־נעכט ווי מיר אין שפּעטער שעה,
ווען ס׳נעמט אַרום דער אומעט מיך אָן גרענעצן, אין־סופֿיק,
און ס׳איז קיין אויסוועג נישט פֿאַראַן, און ס׳איז קיין טרייסט נישטאָ.

## כ׳בין ערגעץ אין מיט

אַט פֿאַל איך, אַט שטײַג איך — כ׳בין גײַסטיק צעהוידעט,
אַט רופֿט מיך דער הימל, אַט שלעפּט מיך די ערד.
די וועלט אַ צעבראָכטע לױפֿט מיר נאָך פֿאַרסודעט,
און איך צו איר פֿליסטער, איך טראָג זיך פֿאַרהערט.

אַט שטײַג איך אין פֿלי און אַט פֿאַל איך מיט שנעלקייט,
אַט ליכטיקט, אַט טונקלט — די הוידע זי פֿליט.
אַט יאָגט מיך דער טונקל, אַט טראָגט מיך די העלקייט —
כ׳בין ערגעץ צווישן, כ׳בין ערגעץ אין מיט.

## פּאָעטן אין דער וועלט

מיר זײַנען נישט געזעענע, באַפֿרײַנדעט און פֿאַרבונדן,
איבער דורות זײַנען מיר, נישט וויסנדיק, פֿאַרקניפּט —
פּאָעטן אין דער וועלט, וואָס זײַנען אומבאַקאַנט פֿאַרשוווּנדן,
נישט קענענדיק קיין וואָרט פֿון אײַך — בין איך אין אײַך פֿאַרליבט!

איר האָט, ווי איך, קען זײַן, די זעלבע פֿרייד אַ מאָל פֿאַרנומען,
דעם אומעט און פֿאַרגענגלעכקייט פֿון גלוסט און פֿון באַגער,
נישט איר זײַנט דאָ, נישט אײַער שפּראַך, די לידער טויטע שטומען,
נאָר איך פֿאַרנעם זיי פֿאָרט, כאָטש מיט אַן אַנדערן געהער.

## די זעלבע גורל־שיף

זײַט מוחל, פֿרײַנד פֿאַר נישט־געשיקטע בריוו —
איך שרײַב צו אײַך דורך אַלע מײַנע לידער.
מײַן וואָרט אַדורכגעזאַפּט מיט טרערן־טריף
איך ברענג עס אײַך און לייג פֿאַר אײַך אַנידער.

איז נעמט עס צו און זײַט מיט מיר איצט ווידער,
אי פֿרײַנד, אי ברידער. די זעלבע גורל־שיף
טראָגט־אום אונדז שטורעמדיק און איך, אַ מידער,
זינג איצט צו אײַך פֿון תּהומותדיקער טיף.

## מיט אויסגעטראַכטע רייד

די וועלט שטייט אַלץ נאָך אין דער מיט — זי איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט,
אַלץ וואַרט נאָר אויף דעם מאָרגן, וואָס איז סודותדיק פֿאַרהילט,
און מיר, פֿאַרנומענע מיט זיך, פֿון אויסדאַכטן פֿאַרבלענדיקט,
מיר וואַרטן אַלץ ווי קליינע קינדער, שטיפֿעריש פֿאַרשפּילט.

מיר קומען און פֿאַרגייען, ווער מיט בונט און ווער מיט תּפֿילות,
פֿאַרבענקטע אומגעדולדיק נאָך גאולה און באַשייד,
און מיינען, אַז מיר ווייסן וואָס דער גורלדיקער ציל איז,
און קומען אָפּ מיט פֿאַלשע רייד, מיט אויסגעטראַכטע רייד.

## נאַכטיקער וואָקזאַל

דער נאַכטיקער וואָקזאַל רוישט אומרויִק, דו זיצסט פֿאַרקוקט —
די שאָטנס לויפֿן אום ווי עפּעס וואָלטן זיי פֿאַרגעסן.
דו זיצסט אין אָפּגעזונדערטער, אין ווינקל שטיל, פֿאַררוקט,
און גליווערסט, ווי דו וואָלסט אַזוי שוין וואָכן דאָרט געזעסן.

עס איילן מענטשן דורך פֿאַרביי, אַ מאָל בלייבט איינער שטיין
און קוקט אַ ווייל דיך מאָדנע אָן מיט אומעט־בליק מיט שטומען.
אין דרויסן קלאָגן באַנען אוים אַ נאַכטיקן געוויין
פֿאַר עמעצן וואָס האָט געדאַרפֿט און איז איצט נישט געקומען.

## מיט ווייטן, פֿאַרגעסענעם ווײ

דער פֿאַלשער המונישער יובל
איז פֿרעמד פֿאַר מיין האַרץ און געמיט.
מיין וואָרט טראָגט די שאַרפֿקייט פֿון הובל,
וואָס רייסט אויף די האַרטקייט פֿון ליד.

דאָס פֿריידיקע יאָכצונג פֿון פּעבל
הילכט אַלץ נאָך מיט קינס געשריי
און ס׳וויינט אין מיין שורה נאָך הבל
מיט ווייטן, פֿאַרגעסענעם ווײ.

# פאַר זיך אַליין

זײַ שטיל, זײַ שטיל. דײַן זינגעוודיקע שטימע
זאָל בלײַבן נאָר מיט דיר אַליין, בײַנאַנד.
פאַרקלעם דײַן קול און גיי אַראָפּ פון בימה
און שטעל זיך אָן אַ זײַט — דאָס פּנים צו דער וואַנט.

זײַ שטיל, זײַ שטיל. נישט דאַוון הויך בציבור,
און זאָל דײַן קול נישט קלינגען אין אַ כאָר,
נאָר בלויז פאַר זיך אַליין. די שטילקייט וועגט אַריבער
דעם מאַרק־געפילדער און די טומלדיקע וואָר.

# טעמעס און וואַריאַציעס

# פון קינדערשן אַמאָל

א

אַ ווינטערנאַכט, איך ליג אַליין אין שאָטנדיקן צימער,
די דורכגעבלויטע דובלט־פענצטער בלייכן קאַלט און ווײַס.
דער ווינקל־טיש אין שאָטן־שפּיל ווערט אויסגעבויגן, קרימער
און ס׳גריזשען בײַ דער שאַנק דעם דיל די הונגעריקע מײַז.

איך שלאָף נישט, עס איז שרעקעוודיק און גוט מיר — אַלץ צוזאַמען,
אָט וועל איך באַלד פון העלער הויט אַ שרײַ טאָן אומגעריכט
און איבער מיר וועל איך דערזען געבויגן שטיין מײַן מאַמען,
און אויפפלעמלען אין נאַפטלאָמפּ וועט דער קנויט מיט געלן ליכט.

ב

פאַר טאָג — מיט בלויער קילקייט בלייכט די ווײַס־געקאַלכטע סטעליע,
אין דרויסן קלאָגט דער ווינט אָן אויפהער, ס׳גרילצט אין וואַנט אַ גריל,
און ס׳גריזשעט אַלץ אַ מויז דעם דיל — די שטענדיקע קאַפּעליע
וואָס זעגנט אָפּ, באַגלייט די נאַכט מיט איר געהיימער שפּיל.

איך ליג אונטער דער פערענע און קוק אַרויס באַהאַלטן
מיט נײַגעריקע אויגן, ווי אין דורכזיכט פון גאַרדין
גייט אויף דער טאָג אין פענצטער דעם אַדורכגעפּראָסטיקט־קאַלטן,
ווי ס׳בלויט מיט קילער שײַן דער דיל און ס׳שמעקט מיט נאַפטאַלין.

ג

ווי כּרובים-פליגל אויסגעשפּרייט, פאַרגליווערטע אין צאַפּל
עס בלייכן די גאַרדינען האַלב-פאַרקאַשערט אין דער הייך.
די דובלט-פענצטער קוקן אָן מיך בעלמעדיק צעאַפּלט —
דער שניי פון גאַס קוקט קאַלט אַרײַן אַדורכגעווינטיקט בלייך.

פאַרגליווערטע מיט ווײַסקייט ביז די ראַנדן אָנגעגאָסן,
די פענצטער זעען גלאָזיק אויס ווי גרויסע באַטליעס מילך.
אין שטוב איז שטיל, און נאָר דער ווינט, מיט אייביקע פאַרדראָסן,
ער קלאַפּט אין לאָדן, רײַסט אים מיט אַ רוגזהדיקן הילך.

ד

כ'בין קראַנק — איך הוסט. אַרומגעוויקלט איז מײַן האַלדז מיט וואַטע —
איך קען נישט שלינגען און די צונג איז ווייטיקלעך פאַרקלעפּט.
האַלב-אָנגעבויגן אויף אַ שטול אַנטקעגן זיצט מײַן טאַטע,
ער האַלט אין האַנט אַ פלעשל מיט אַ געלבלעכן רעצעפּט.

איך ווייס אַפּריִער שוין דעם טעם — ס'איז נודנע און ס'איז ביטער,
אָט גיי איך באַלד צעוויינען זיך, נאָר ווי פון זיך אַליין
איך זופּ אויס שנעל דאָס לעפעלע און גיב דערבײַ אַ ציטער,
און פיל ווי אין מײַן האַלדז בלײַבט שטיין פאַרגליווערט אַ געוויין.

ה

דער אָנגעהייצטער קאַכל-אויוון גלאָצט מיט ווײַסער שלווה,
אַ שויב אין פענצטער בלייכט פאַרקלעפּט מיט שנייעלעך ווי פוך.
עס שמעקט מיט סאַק פון מאַלינעס, מיט צוקערלעך, מיט כאַלווע,
און פול די גאַנצע שטוב איז מיט אַ זיסלעכן גערוך.

די געל-געפלעקטע קאַץ זיצט אויף דער וואַרעמער לעזשאַנקע,
זי וואַשט און פוצט אָן אויפהער אַלץ די לאַפּקעס און דעם עק,
און פון דעם טישל — ווינקענדיק מיט אומרו-טעג מיט קראַנקע —
די פלעשעלעך רפואות גלאָצן פול מיט שטומער שרעק.

ו

דער טאָג גייט אויס, איך ליג אין בעט אַ וויינענדיק־צעהוסטעטער.
עס שאָטנט שוין, דער טונקל וואַקסט, ס'ווערט גרויער, ס'איז שוין שפעט.
דאָס דורכגעבלויטע פענצטער קוקט אויף מיר אַ פראָסטיק־פוסטער —
דאָס אויג פון טאָג, וואָס גלאָציקט אין אַ דעמער־הינערפלעט.

איך אָטעם שווער, מײַן מאַמע זיצט אין בעט לעם מיר געבויגן,
זי האַלט מײַן האַנט, איך זע זי קוים, עס שאָטנט איר געזיכט.
איך קרעכץ און קוק זיך צו, ווי אין דעם גלאַנץ פון אירע אויגן
טריפט אָפ מיט טרערן־טראָפנס פון דעם טאָג דאָס לעצטע ליכט.

ז

ס'איז שפעט בײַ נאַכט, דער נאַפטלאָמפ ברענט, עס רויכערט זיך
דאָס גלעזל,
דאָס געלע פלעמל טאַנצט בײַ דעם סופיט אַרויף, אַראָפ.
זײַן פליִענדיקער פינקל־אָפשײַן שפרינגט אַרום — אַ העזל,
וואָס לויפט אַרום, דאָ אויף דער וואַנט, און דאָ גאָר לעם מײַן קאָפ.

און מיר איז היים — איך ברען, מיר דאַכט, איך פאַל ווי אין אַ קעלער,
אַ שווערקייט דריקט מיך, שטיקט מײַן האַלדז און קלעמט, און פרעסט
מײַן ברוסט.
דאָס פלעמל טאַנצט אין לאָמפ, דאָס צימער ווערט אַלץ געלער, געלער —
און איך, איך פאַל, איך זינק אַראָפ און ס'שטיקט מײַן האַלדז דער הוסט.

ח

ווי אַלץ איז געל: אין פענצטער די לבנה, ווי אַ געלכל,
זי שווימט אין קאַלטן הימל־בלוי און בלענדיקט רונדיק־פול.
אַן אויפגעמאַכטער פאָמעראַנץ קוקט געל אַרויס פון שעלכל,
ער קוקט אויף מיר מתיקותדיק אַנטקעגן פון דער שטול.

איך פיל פון זײַנע פענעצלעך דעם זאַפט אין יעדן ביסן,
איך אָטעם אײַן זײַן ריח, וואָס גייט אויף צו מיר צעשמעקט,
צוזאַמען מיט דעם טעם פון רעצעפט דעם נודנעם־זיסן,
וואָס געלביקט פון דעם פלעשעלע און גלאָצט צו מיר, און שרעקט.

ט

דאָס פלעמל טאַנצט, דאָס צימער הייבט אָן גרעסער, גרעסער ווערן,
דער דיל אַנטלויפט, די ווענט זיי שטייען מאָדנע אין דער קרים.
מײַן מאַמע זיצט לעם מיר, איך פיל — איר האַנט ליגט אויף מײַן שטערן,
אָט דאַכט זיך מיר — זי שרײַט, כאָטש כ׳הער אין גאַנצן נישט איר שטים.

און איך, איך פאַל, די ווענט זיי וויקלען האַסטיק זיך אַרום מיר,
זיי דרייען זיך און דער סופיט שווימט ערגעץ־ווו אַוועק.
דאָס דובלט־פענצטער הענגט אַראָפּ אַן אויסגעבויגן־קרומער
און די לבנה גליווערט ווי אַ געלכלדיקער פלעק.

י

מײַן מאַמעס האַנט ווערט מאָדנע לײַכט, אָט ווערט זי גרינגער, גרינגער,
איר פנים ווערט צעשווומען, ווערט אַזוי מין געלבלעך־בלייך.
איך פיל נישט מער שוין דעם באַריר פון אירע קילע פינגער,
איך זינק, איך פאַל, מיך וויקלט אײַן אַ שטילקייט סאַמעט־ווייך.

איך כאַפּ זיך אויף — דער דאָקטער זיצט לעם בעט בײַ מיר צוקאָפּנס,
ער האַלט מײַן האַנט, מײַן מאַמע שטייט, איך אָטעם האַסטיק, שנעל —
איך אָטעם פון אַ פלעשל אײַן, עס שמעקט מיט שאַרפע טראָפּנס,
און איבער מיר פאַרגליווערט העלט אַ לאָמפּ צעפינקלט געל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יא

איך זע נאָך יענעם אָוונט אַלץ, איך זע לעם טיר דעם דאָקטער,
ער שמייכלט, און מײַן מאַמע, דאַכט זיך, שמייכלט אויף צוריק.
מײַן טאַטע האַלט אַ גלאָז מיט טיי, איך הער ווי עפּעס זאָגט ער,
נאָר כ׳ווייס נישט וואָס — איך זע נאָר, ווי עס שמייכלט אויך זיין בליק.

איך ליג, ס׳איז שטיל, דער לאָמפּ ברענט העל, עס טאַנצט נישט
מער דאָס פלעמל,
מיך מאַטערט מער שוין נישט דער הוסט, איך פיל שוין נישט קיין ווייַ,
און פון דעם טיש קוקט שמעקעוודיק צו מיר אַ ברוינער זעמל,
און ס׳ווינקט פון טאַטנס האַנט צו מיר דאָס גלאָז פון פרישן טיי.

## דער שבתדיקער וואַלד

### א

אַ ייִדיש ייִנגל ליגט אין וואַלד, ס'איז שטיל — דיביימער שווײַגן.
אַרויסגעפאַלן פון זײַן האַנט ליגט אויף דער ערד אַ בוך.
ער ליגט פאַרקוקט ווי אין דער הייך, ער זעט אַדורך די צווײַגן
די וואָלקנדלעך, וואָס זוניקן ווי גאָלדיק-ווײַסער פּוך.

אים קומט עס פאָר: זיי רײַסן זיך פון וואַלדיק-גרינער ענגשאַפט
און ווילן ווו אַוועק — זיי בלייכן זוניקע צעהעלט...
אַ ייִדיש ייִנגל ליגט אין וואַלד, ער קוקט זיי נאָך מיט בענקשאַפט
און ס'לויפט זײַן בליק זיי נאָך מיט חלום צו דער ווײַטער וועלט.

### ב

מיר האָט געדאַכט: לכּבוד שבת הייבט אַלץ אָן זיך טוישן —
די וועלט ווערט גאָר אַן אַנדערע, ס'ווערט אַנדערש יעדע זאַך.
כ'האָב ליב געהאַט צו ליגן אין דעם וואַלד און דורך זײַן רוישן
צו קוקן, ווי דער הימל בלויט דורך צווײַגן-פלעכט, ווי סכך.

אַן אַנדער הימל, נישט ווי אויף דער סוכּה — אַ צעגרויטער,
אַן אַנדער סכך, וואָס שמעקט און גרינט, צעצווייגט, צעשאָרכט אין ווינט,
ווי מיט זײַן רויש אַ זיסן סוד געהיים מיר וואָלט פאַרטרויט ער —
דעם חומש-סוד, וואָס זינגט אין מיר פון עץ הדעת-זינד.

ג

דער ווינט זינגט אויס פון אייביקייט אַ ליד אין סאָסנע-קרוינען,
אויף בלויען הימל שרײַבט דער סכך אויס אַ געהיימע שריפט,
אַ בוימגריל זינגט אַן אומעט-ליד — ער איז דעם וואַלדס מקונן
און אים להכעיס זשומט אַ זשוק אַ פריילעכס אויס צעשטיפט.

דער וואַלד איז פול מיט סוד, מיט רויש. צעשאָרכט מיט אַ בהלה
עס אײַלן מוראַשקעס אויף דר'ערד. פאַרברוגזט פליט אַ בין.
אַ שישקע פאַלט. דער טונקל שמעקט מיט קילער ערד און סמאָלע,
און איך אין דרימל שווים אַרום צווישן בלוי און גרין.

ד

איך קוק זיך צו — אַ מוראַשקע זי אײַלט זיך צו אַ קעלערל,
וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער וואָרצלען, טיף-ווײַ אין דער ערד.
אַ קײַלעכדיקער זונפלעק גאָלדיקט ווי אַ קינדערש טעלערל,
וואָס איז געבליבן ליגן מיט דער דעק אַרויף, פאַרקערט.

עס זשומט אַ זשוק, עס שפרינגט אַרום אַ פאַרביק-פלינקער פלאַטערל,
אַ וואָרעם טאַנצט אַ בויכטאַנץ אויס צווישן גראָז פאַרשטעלט
און איך, איך ליג און קוק זיך צו צום פּיטשינקן טעאַטערל —
אַ צושויער, וואָס איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט.

ה

כ'האָב ליב געהאַט פון נאָדלוואַלד אין טאָל אַראָפּגיין, אונטן,
ווײַ ס'האָט מיט פײַכטער קילקייט גאָר אַ בלעטערוואַלד געררוישט.
מיט פוילנדיקע ריחות איבער שאָטנדיקע גרונטן
האָט זיך דער טאָג דאָ פלוצלונג אויף פאַרנאַכטיקייט געטוישט.

די טונקלקייט פלעגט שרעקן מיך, זי פלעגט מיך אָבער ציִען
מיט סודותדיקע קולות, מיט דער שפּיל פון שאָטן-ליכט —
אָט האָט זיך גאָר אַ פויגל פלוצלונג ווי אַ מענטש צעשריִען,
אַדורכגעפלויגן איבער מיר, צעפּאַכט אויף מײַן געזיכט.

ו

דער בלעטערוואַלד ער סודעט זיך מיט שטיל־פֿאַרשטיקטע קולות,
אַ ווייכער שאָרך, אַ שטיל־געהערטער שוועבט אין לופֿט אַרום,
דער גאַנצער וואַלד ער אָטעמט קוים, דער ווינט אַפֿילו פֿויל איז
אַ ריר טאָן זיך. אַ שוואָם קוקט אָן מיך נײַגעריק און פֿרום.

איעדן טאָג עס קומען קלײַבן שוואָמען דאָ די באַבעס,
באַהאַלט ער זיך מיט שרעק פֿאַר זיי, אַ גאַנצע וואָך פֿאַרשטעקט.
ער וויים, אַ ייִדיש ייִנגל אָבער רײַסט דאָך נישט אום שבת —
איז קוקט ער אָן מיך נײַגעריק אַ רויִקער, אָן שרעק.

ז

מיט בלייכן אָפּשײַן גאָלדיקט זיך פֿון ביימער דאָ די קאָרע,
מיט ווּעלק מיט פֿאַראיאָריקן די ערד איז דאָ באַדעקט.
באַהאַלטן בײַ אַ פּיען, ווי פֿון אַ שאָטנדיקער נאָרע,
קוקט אָן מיך שוין אַ צווייטער שוואָם, דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט.

ער קוקט מיך אָן — אַ קאַרליקל. לעם אים, ווי בלייכע גנאָמען,
עס טוליען קליינע שוועמלעך זיך ווי סודותפֿול פֿאַרקלערט.
די פֿײַכטקייט שמעקט מיט פֿוילעניש, מיט ווײַניקייט פֿון שוואָמען,
אָט בלײַבט אַ גאָלדפֿליג שטיין און פֿאַלט גאָר שיכּור אויף דער ערד.

ח

צום סאָסנעוואַלד פֿלעגט ציִען מיך די שמעקעוודיקע שטילקייט,
וואָס ציטערט אויף בײַ יעדן קלענסטן ווינטלדיקן פֿאָך,
די זון־פֿלעקן, וואָס טאַנצן אום אַ שאָטן־ליכט־צעשפּילטקייט,
אַן אומרו־טאַנץ צעשטיפֿטן אויף דעם קילן, ווייכן מאָך.

אַ זשוק בלײַבט שטיין. ער קוקט זיך צו ווי איך, קען זײַן, פֿאַרוווּנדערט,
ווי ס'שיטן זיך די זונפֿלעקן ווי גאָלד־רענדלעך צעבלענדט,
און נאָר אַ שאָטן פֿון דער זײַט פֿאַרטײַעט, אָפּגעזונדערט,
ער שאַרט זיך ווי אַ רויבער — זיי אַ כאַפּ טאָן מיט די הענט.

ט

ס'איז גוט געווען אַרומבלאָנדזשען אין שפּיל פון ליכט און שאָטן
און פילן ווי איך ווער פאַרהילט מיט דורכזיכטיקן גרין.
איך ווער אין גרינער שטילקייט מיט דעם נאָדל־פאַל פאַרשאָטן,
מיט סמאָלע־ריחות דורכגעשמעקט, ווי טערפּקער טערפּענטין.

איך בלאָנדזשע אין דעם וואַלד אַרום פאַרשיכּורט פון געררוכן.
מיך פירט אַ קליינער פלאַטערל, איך גיי אים פריילעך נאָך,
ווי ביידע וואָלטן מיר געקומען דאָרט פאַרבענקטע זוכן
דעם סוד פון גרינער אייביקייט, וואָס וואַלגערט זיך אין מאָך.

י

כ'האָב ליב געהאַט פון נאָדל־וואַלד די שמעקעוודיקע קילקייט,
דעם שאַרפן סמאָלע־ריח און דעם נאָדל־וועלק־געררוך —
אַ דרעמלענדיקער ליגן אין דער טונקעלער פאַרהילטקייט
און שווימען אַ פאַרחלומטער אויף שורות פון אַ בוך.

און פילן ווי פון הינטער מיר, פון קילער ערד צוקאָפּנס,
פון זאַמדיק־טיפע גרונטן גייט אויף יערנדיק צעקוועלט,
דורך וואָרצלען און דורך שטאַמען דאָרט, דער זאַפט פון ערד צעטראָפּנט
און ווי פון שורות טריפט אין מיר די בענקשאַפט צו דער וועלט.

## יא

דער וואַלד איז אַלץ מסתּם נאָך פול מיט ווײַט-צעהילכטע קולות
פון מײַנע יוגנט-טעג — מיר דאַכט, כ'ליג אַלץ נאָך אויף דער ערד
און הער דעם רויש דאָרט, כאָטש ס'איז פּוסט שוין, פּוסט אַרום און
הויל איז,
נישט איך בין דאָ, נישט קײנער שוין — דער וואַלד שטײט שטום
פאַרהערט.

און נאָר די קולות עכאָן נאָך. די שבתדיקע זון דאָרט
לײגט אױס אױף װײכן מאָך איר הײסן גאָלד נאָך װי אַ מאָל.
אַ קראַקענדיקע קראָ נאָר קוקט פון צװײַג אַראָפּ פאַרװוּנדערט —
זי זעט מיך נישט, נאָר הערט נאָך אַלץ מײַן יונג-צעהילכטן קול.

# שאָטנס אין שפּיטאָל

א

עס טונקלט שוין. דער צאַנקענדיקער שניי־טאָג
קוקט בלוי אַריַין מיט אויגן פון פאַרנאַכט.
מיַין מידער קאָפּ אין קישן קראַמפּט פון ווייטיק.
די נאַכט קומט אָן. די טיר גלאָצט האַלב־פאַרמאַכט.

די נאַכט קומט אָן. ס'איז מאָרגן מיַין אָנטשייד־טאָג —
וואָס וואַרט מיך אָפּ? — פאַרטונקלט איז מיַין וואָר.
עס שאָטענען די ווענט און אויפן פענצטער קווייטיק
מאָלט אויס דער פראָסט זיַין זילבערנעם אוצר.

ב

אין גרויען דעמער קריגט די טיר אַן אויסזען פון אַ פּנים,
מיט שאָטן־סילועטן ווערן פול אַרום די ווענט.
מיר קומט עס פאָר, די שאָטנס קוקן שטום אויף מיר ווי שׂונאים,
זיי ציִען זיך מיט דראָענדיקע, אויסגעשטרעקטע הענט.

זיי שרעקן מיך, זיי סטראַשען מיך מיט צייכנס מיט געהיימע,
אַ יעדער שאָטן קוקט אויף מיר מיט אויסזען פון אַ שד.
דער גאַנצער צימער פּלוצלונג ווערט ווי אָנגעפּילט מיט אימה,
דער דעמער ווערט געדיכטער אַלץ און האַרטער ווערט מיַין בעט.

ג

אויף יענער זייט שפּיטאָל — מיט פײַערן געצונדענע,
לויפט אום פון גאַס צו גאַס אַ פיבערדיקע שטאָט,
און איך, מיט הענט מיט הילפלאָזע, פון שרעק געבונדענע,
איך ליג און הער פון נאַכט איר שאָטנדיקן טראָט.

איך הער זיך צו, מיט אַלע נעכט פאַרשוווּנדענע
ווערט מײַן געלעגער פול, איך שווים פון נאַכט צו נאַכט,
און איבער מיר — מיט טעג מיט אָפגעשונדענע
בלײַבט שטיין מײַן וועלט פאַרריגלט און פאַרמאַכט.

ד

איך האָב געהערט ווי ס'האָבן גלעקער איבער מיר געקלונגען,
אַ רויטע שײַן האָט אויף די ווענט געשריִען מיט געפּאַר,
און איך, איך האָב זיך אין מײַן שרעק מיט זיך אַליין געדונגען —
ווו בין איך איצט? צי אויף דער וואַך, צי ערגעץ אין קאָשמאַר?

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אַזוי זיך אויף מײַן שרעק געהוידעט —
דאָס צימער האָט זיך אויך, ווי איך, געוויגט אַרויף, אַראָפּ...
די שאָטנס האָבן שטומערהייט זיך אויף די ווענט געסודעט
און דער סופיט, אַ קרומער, האָט גענידערט אויף מײַן קאָפּ.

ה

עס טרעפט, צווישן ביטערניש פון איין רעצעפּט און צווייטן —
אַ וואָרט קומט פּלוצלונג אָן צו מיר מיט זיסקייט פון אַ ליד.
די ווערטער קומען אומגעריכט, זיי קומען אָן פון גרייטן,
ווי זיי פון פריִער וואָלטן שוין געוואָרט אין מײַן געמיט.

ווי זיי פון פריִער וואָלטן שוין אין בלוט בײַ מיר פאַרהוילן
געוואָרט אויף אָט דער רגע אַלץ, געגרייט געהיים זיך דאָרט.
איצט קומען זיי פאַרדרעמלען מיך, פאַרשטילן מײַנע גרוילן,
פאַרזינגען מײַנע ווייען מיט דער זיסקייט פון אַ וואָרט.

ו

אויף מײַן געלעגער ליג איך שטיל פֿאַרנורעט, ווי אַ חיה,
אַ שטומער אומעט גלאָצט צו מיר פֿון אַלע ווענט אַרום.
אין ווינקל גיט די שרעק זיך, ווי אַ שאָטן, אַ פֿאַרטײַע —
מיר קומט עס פֿאָר: זי הערט זיך־צו צו מײַן פֿאַרשטיקטן ברום.

מיר קומט עס פֿאָר: זי שוועבט לעם מיר מיט נישט־געהערטע שטימען.
אָט פֿלאַטערט זי לעם מיר אַרום מיט שאָטנדיקע טריט,
ביז ליכטיק ווערט, די נאַכט פֿאַרשווינדט און לאָזט נאָך זיך אַ סימן,
אין קאָפּ בײַ מיר — אַ שורה, ווי אַן אָנהייב פֿון אַ ליד.

ז

ס'איז אויך פֿאַראַן אין שווײַגן, אין דעם נישט־ריידן אַ ניגון,
וואָס זינגט אין דיר, וואָס גייט אויף שטום, אָן קלאַנגען, אָן אַ קול.
אַ ניגון, וואָס אַ קראַנקער האָט אין זיך גאָר אויסגעשוויגן
אין ווייטיקלעכן קלעם פֿון אַ שפּעטנאַכטיקן שפּיטאָל.

דער ניגון פֿון פֿאַרגענגלעכקייט, פֿון איינזאַמקייט פֿון שטומער,
ווען ס'פֿאַלן אַלע ווערטער אָפּ — די שענסטע, קליגסטע רייד,
און נאָר דער שאָטן אויף דער וואַנט, דער אויסגעבויגן־קרומער,
ער הערט דעם ניגון און פֿאַרשטייט — אָן אומעט און אָן פֿרייד.

ח

פֿאַרבלאָנדזשעט אין דעם היץ־קאָשמאַר פֿון נאַכטיק־שפּעטן פֿיבער —
איך פּלאָנטער זיך אין שאָטנטאַנץ וואָס וויגט זיך בײַם סופֿיט.
איך קוק אים נאָך דעם שאָטנטאַנץ, ער חזרט זיך אַלץ איבער,
ער צאַפּלט אָן אַן אויפֿהער אַלץ מיט פֿלאַטערדיקע טריט.

איך הער זיך צו — מיר דאַכט, מיט ברום מיט שטיל־פֿאַרשטיקטן טעמפּן,
מיט דראַבנעם שרויט עס קלאַפּט צום טאַקט אָן אויפֿהער ווי אַ פּויק,
און אין דעם ווינקל בײַ דער טיר אַ רויט־צעצאַפּלט לעמפּל
שרײַט אימהדיק און בלוטיק, אין קאָשמאַר צעגליט — אָן אויג.

ט

דאָס ווײַסע בעט מײַנס בלייכט אַצינד — אַ שנייִיקער געלעגער,
איך פֿיל, איך פֿריר — עס קעלטערט מיך, דער ווייטיק נאָגט און נאָגט.
פֿון הינטער ווענט פֿאַרשאָטנטע דער פּחד לוגט — אַ יעגער,
ער צילט אין מיר. דאָס פֿענצטער בלייכט. מיר קומט עס פֿאָר —
עס טאָגט...

אין שויב שטייט די לבֿנה גאָר. איר פּנים איז געשוואָלן,
עס שטראָמט אַ טײַך פֿון בלויען בלוט צעגאָסן אויפֿן דיל.
די שאָטנס אויף די ווענט — זיי מאָלן הויכע בערג אויס, טאָלן,
עס בלויט דער טײַך, דער פּחד לוגט — ער וואַרט אויף מיר, ער צילט.

י

דער דאָקטער שטייט לעם מיר, ער בייגט זיך אָן אַלץ מערער, מערער,
עס גיט אַ בליאַסק אין האַנט בײַ אים פֿון שטאָל דער אינסטרומענט.
אַ ווײַטע שרעק גייט אויף אין מיר ווי קינדווייז בײַ דעם שערער
ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערזען די שער אין זײַנע הענט.

די זעלבע שרעק. נאָך הער איך מײַן געוויין וואָס הייבט אָן שטײַגן,
מײַן יעדע האָר טראָגט אום אין זיך באַהאַלטן אָט דעם שפּיר.
נאָר איצטער מוז איך רויִק זײַן, מיט ציין פֿאַרשטשימעט שווײַגן.
די זעלבע שרעק — אָט פֿיל איך שוין דעם קאַלטן שטאָל-באַריר.

יא

מען פֿירט מיך ווו. איך זע ווי אין אַ דעמער-ליכט אַ מאַטן
די פּנימער, די ווענט אַרום — ווו בין איך איצט? ווי שפּעט?
אַרום מיר גייט אַ טאַנץ פֿון גרינע מאַסקעס און כאַלאַטן,
עס וויקלט זיך אַ שטומער, גרין-צעפּלאַטערטער באַלעט.

איך וואַרט — אָט באַלד... די גרינע מאַסקעס שטייען שטום-געבויגן,
און ווי אַן אויג קוקט פֿון סופֿיט אַ שפּיגל גלאָציק-העל.
אָט פֿיל איך שוין אַ שטאָך אין האַנט — כ׳מאַך האַסטיק צו די אויגן,
איך צייל אַ ווײַל — אַן אויגנבליק, און אַלץ לעשט אויס זיך שנעל.

יב

ס'פּאַלט ווידער צו די נאַכט. דער אומרו מאַכט די בלוטן שווערער,
איך פיל — איך זינק אַלץ טיפער, כ'זינק — אַ פּאַלנדיקער שטיין.
די שאָטנס אויף די ווענט זיי ווערן מערער אַלץ און מערער,
זיי רינגלען מיך אַרום. איך זינק אין נאַכט. איך בין אַליין.

די שאָטנס קומען זיך צונויף, זיי בייגן זיך אַריבער
און טאַנצן אויס אַ פּישוף-קאַראַהאָד אַרום מײַן בעט,
און איך, איך פאַל, איך זינק, איך זינק אין נאַכטיק-הייסן פיבער,
איך בין אַליין. די נאַכט איז טיף. ס'איז שפּעט שוין, זייער שפּעט.

יג

בײַ נאַכט, ווען קאָרידאָרן ווערן טונקעלער און מאַטער,
עס שוועבן דאָרט מלאכים אום מיט הייליק-שטילע טריט.
דו קוקסט זיי נאָך, די שוועסטערס, זייער שטילן, ווײַסן פלאַטער,
דו הערסט זיי קוים, דו זעסט זיי קוים, דו ליגסט — אַ ווייטיק בריט...

דו קרעכצסט, דו שרײַסט — דו ביסט אַליין, קענסט קוים דײַן קול
דערקאָנען,
דיר דאַכט זיך אויס, דער עכאָ הילכט אָן אויפהער, אָן אַ סוף,
נאָר אָט דערזעסטו ווי אין ווײַסן בייגט זיך אָן אַ פּנים —
אַ דינער שטאָך — און דו, דו שווימסט אַוועק אויף כוואַליעס שלאָף.

יד

פון היץ-קאָשמאַר, אין נאַכטיקער פאַנטאָמען-אַוואַנטורע,
דורך שאָטנדיקער שפּיל פון ספק טאָג און ספק נאַכט,
איז אומגעריכט אַרויס צו מיר אַן אויסגעקרימטע צורה
און איז פאַרגליווערט שטיין געבליבן ווײַנענדיק-צעלאַכט.

די צורה האָט געגלאָצט אויף מיר מיט גרויליקער גרימאַסע,
געקוקט אויף מיר נישט פינטלענדיק מיט גליווער-אויגן שטאַר,
און בּיסלעכווײַז צעשווומען זיך אין דעמער-נעפּלען בלאַסע
מיט ווײַנענדיקן חוזק-לאַך פון נאַכטיקן קאָשמאַר.

## טו

די שאָטנס האָבן בײַ דער נאַכט זיך אויף די ווענט געזאַמלט,
זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צופוסנס פון מײַן בעט,
און איך האָב, ווי אין הינערפּלעט, צו זיך אַליין געשטאַמלט,
און זיי האָבן אויף שטום-לשון צווישן זיך גערעדט.

אין שפּיציק-הויכע מיצן האָבן זיי זיך קרום געצויגן,
ווי רויכיקע פֿאַנטאָמען מיט צעפּאָכטע, לאַנגע הענט.
זיי האָבן אין אַ כּישוף-קרײַז זיך איבער מיר געבויגן,
געשאָקלט זיך און סודותדיק געפּלאַטערט אויף די ווענט.

## טז

די שאָטנס זײַנען אויף די ווענט אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען,
געשאָקלט זיך, פֿאַרפּלאָכטן אין אַ כּישוף-קאַראַהאָד,
און איך, אויף מײַן געלעגער, האָב געצאַפּלט קראַנק-געפאַנגען,
און זיי, זיי האָבן איבער מיר געפּלאַטערט פֿול מיט סוד.

צי זײַנען דאָס די שאָטנס דאָן געוועזן מײַנע ריכטער,
וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט און געמשפּט מיך געהיים?
נאָר ס'האָט בײַ טאָג מײַן דאָקטער מיט אַ פֿרייד אַן אומגעריכטער
מיר אָנגעזאָגט: — איר זענט געזונט, איר קענט שוין גיין אַהיים!

# שפּיגלען

## כ'ווייס אַלץ נאָך נישט

כ'ווייס אַלץ נאָך נישט ווי זע איך אויס — עס נאַרן אַלע שפּיגלען,
מײַן רעכטע זײַט איז דאָרטן לינק און רעכטס — מײַן לינקע זײַט.
און וויפל אין מײַן דמיון פּרוּוו איך אַלץ זיך נישט צו קליגלען
קען איך זיך מיך נישט פֿאָרשטעלן אין אויסטערלישן בײַט.

און עלטער ווערט אַ מענטש, און וואָס געווען איז באַהאַלטן
קריכט איצט אַרויס, ווערט קענטיקער — אָט ווערט אַ האָר שוין גרוי,
איז טראָג איך זיך אין דמיון אום אין הונדערטער געשטאַלטן
און ווייס נאָך אַלץ נישט ווער איך בין, ווי זע איך אויס גענוי.

## אין שפּיגל

אַ יעדע רעכטע זײַט ווערט אין דעם שפּיגל שטענדיק לינק,
און ווער עס קוקט אַרײַן אין אים, פֿאַראַנדערשט דאָרטן ווערט ער
ס'קען זײַן, אַז ס'ליגט אויף יענער זײַט פֿון שפּיגלס זילבער-שמינק
אַן אוניווערס אַ צווייטער גאָר, אין גאַנצן אַ פֿאַרקערטער.

און אונדזער וועלט — די מענטשן, אַלעביימער און דאָס גראָז —
מיר לעבן אין דער שפּיגלוועלט געפֿאַנגען דאָרט, פֿאַרזיגלט,
און זעען אויס פֿאַר זיי, אויף יענער זײַט פֿון זילבערגלאָז
פֿאַרקערטע, אָט אַזעלכע, ווי מיר ווערן אָפּגעשפּיגלט.

## די לאַמפּן

די שפּיגלען שלאָגן אָפּ זיך, ווערן דורכזיכטיקער, בלאַסער,
ווי איינער אין דעם צווייטן וואָלטן זיי געוואָלט אַרײַן.
זיי גלאַזיקן פֿאַרגליווערטע ווי שטייענדיקע וואַסערס,
ווו נאָר די לאָמפּן לויפֿן אום מיט אומרויִקער שײַן.

ווי ס׳וואָלט דער אין־סוף־גליווער דאָרט אָן אויפֿהער זיך געצפּלט,
ווי ס׳וואָלט די איבערחזרונג פֿאַרפֿרוירן דאָרט אין טאַנץ,
און נאָר די לאָמפּן לויפֿן אום און בלײַבן שטיין פֿאַרצווייפֿלט
אין קאַלטן, ווײַטן אין־סוף פֿון דעם שפּיגלדיקן גלאַנץ.

## דאָס חוזקט ער פֿון מיר

דער קאַלטער שפּיגל גלאָצט אויף מיר און איך, איך קוק אויף אים —
מיר קומט עס פֿאַר, ווי ס׳וואָלטן דאָרט באַגעגנט זיך צוויי שׂונאים.
דער שפּיגל גלאַזיקט, שווײַגט, נאָר איך, איך הער זײַן שטומע שטים —
דאָס חוזקט ער פֿון מיר און מאַכט כּסדר נאָך מײַן פּנים.

איך ווייס, דאָס רעדט ער שטומערהייט צו מיר מיט קאַלטן שפּאָט,
ער פֿירט מיט מיר אַ לאַנגן שטרײַט, וואָס איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט.
און איך, איך וויל פֿון אים אַוועק, נאָר ס׳איז געליימט מײַן טראָט —
אַזוי געפֿאַנגען האַלט ער דאָרט מײַן פּנים שוין אויף שטענדיק.

## מײַן פּנים

איך שלאָג זיך אין די שפּיגלען אָפּ אין צענדליקער געשטאַלטן,
ווי איך וואָלט זיך געלאָזן ווו אומענדלעך ערגעץ גיין,
מיט אַלע איכן, וועלכע ליגן טיף אין מיר באַהאַלטן
אומצאָליקע, נאָר טראָגן אום איין פּנים — מיך אַליין.

און ווי אַ שטראַל, וואָס ווערט אויף זיבן פֿאַרבן גאָר צעשפּליטערט,
נאָר בלײַבט דער זעלבער שטראַל דאָך, כאָטש צעטיילט אויף דעם עקראַן,
אַזוי, מיט פֿרייד, צי טרויער, צי גאָר שרעקעוודיק פֿאַרציטערט,
טראָג איך דעם זעלבן פּנים, וואָס איז איינער נאָר פֿאַראַן.

# נאַכטיקע שפּיגלען

א

דער שפּיגל ציטערט אויף דער וואַנט, די וואַנט זי ציטערט מיט
דעם שפּיגל.
דער רעדער־ראָל, דער גאַסן־ליאַרעם טרייסלט אויף דאָס גאַנצע הויז.
דער שפּיגל שלינגט זיי איַין אין זיך, ער האַלט זיי טיף אין זיך פאַרזיגלט
און ציטערט מיט, און צאַפּלט מיט צום ריטעם פון דעם גאַסן־ברויז.

נאָר קומט די נאַכט — זי לעשט אַלץ אויס, זי מעקט, פאַרקלעקט
די טאָג־סימנים,
זי ווישט פון פענצטער אויס דאָס ליכט און אַלץ גייט אויס, און אַלץ
פאַרשווינדט.
און נאָר די נאַכט אַליין גאָר שטייט און זוכט אין שפּיגלגלאָז איר פּנים,
עס שוויַיגט די גאַס, דער צימער שטומט, דער גליווער־שפּיגל גלאָציקט
בלינד.

ב

אין נאַכטיקן שפּיגל עס בלייכט זיך אַ פענצטער און טיף אין דעם
פענצטער עס טונקלען זיך גאַסן.
זיי גיסן צונויף זיך אין חשכות אין שפּעטן, זיי גיסן צונויף זיך אַ הויז
מיט אַ הויז.
איך קוק אין דעם שפּיגל, און פּלוצלונג דערזע איך: אַ טיר מאַכט זיך
אויף אין דעם ליכט אין דעם בלאַסן,
עס מאַכן זיך טירן אויף מערער און מערער און ס׳קומען געשטאַלטן
געשפּענסטיק אַרויס.

זיי קוקן אויף מיר און זיי רופן מיך ערגעץ. איך זע אין דעם שפּיגל
די בליקן די שטאַרע.
זיי רופן מיך ערגעץ און וואַרטן, און וואַרטן מיט פּנימער־מאַסקעס
צעוויינט און צעלאַכט.
איך קוק אין דעם פענצטער — מען זעט דאָרטן גאָרנישט. אין שפּיגל
נאָר בלייכט אַלץ די שרעקלעכע מראה
און ס׳ציטערט די שטילקייט אין שפּיגל געריַינצלט מיט קולות מיט
שטומע פאַרגליווערט אין נאַכט.

# ראַזורעס

א

ס׳איז טונקל אין די ליידיקע, פֿאַרשלאָסענע ראַזורעס,
אין שטולן שלאָפֿט די נאַכט, אין טיף פֿון שפּיגלען שלאָגט זיך אָפּ
צוזאַמען מיט אַ גאַס און מיט לאַמטערנדיקע שורות
אַ נאַקעטע לבנה, ווי אַן אָפּגעגאָלטער קאָפּ.

אַ שאָטן פֿלאַטערט אום, מיר דאַכט — אַן אומרויִק-באַלעבטער,
ער שערט, ער גאָלט די שאָטנס דאָרט אין אַ פֿאַנטאָמען-שפּיל.
אין שפּיגל די לבנה בלייכט אַן אָפּגעגאָלט-געקעפּטע
און ס׳רינט דאָס בלויע בלוט אַראָפּ פֿון שפּיגל אויפֿן דיל.

ב

אין די שפּעטנאַכטיקע ראַזורעס, אין די שפּיגלען-שורות,
די נאַכט קוקט אַ פֿאַרוואָקסענע מיט הונדערט שאָטן-בערד.
די שפּיגלען בלויען גלאַטיקע, ווי אָפּגעגאָלטע צורות,
מיט אומעט שטומען, גלאָזיקן, אין טונקלקייט פֿאַרהערט.

די שאָטנס קומען איינ̇ליקע, זיי גאָלן זיך און שערן,
זיי צאַפּלען דאָרט דעם אומרו אויס פֿון נאַכטיק-שפּעטער שטאָט.
די בלויע שפּיגלען גליווערן, זיי וואַכן שטום און הערן
און טראָגן צו דעם טאָג אַוועק אַ שאָטנדיקן סוד.

## דאָס שטומע צימער

דאָס צימער איז אַרײַן אין קאַלטן זילבער־גלאַנץ פון שפּיגל
און קען שוין נישט אַרויס פון דאָרט, ווי עמעצס כּישוף־בליק
אַרײַנגענאַרט וואָלט עס אַהין און דאָרט פאַרמאַכט, פאַרריגלט —
איז שטייט עס דאָרט און קען שוין נישט פון גלאָז אַרויס צוריק.

אַרום הילכט־אָפּ אַ רוישיקער מיט קלאַנגען דער פרימאָרגן —
מיט טירן־סקריפּ, מיט רייד, מיט טריט, מיט אויפגעטויכטן ברום,
און נאָר פון גלאָז דאָס צימער גלאָצט אַ שטומער, ווי דערוואָרגן,
ווי ס׳וואָלט דער שפּיגל עס דערשטיקט — עס גליווערט גלאָזיק־שטום.

## דער שפּיגל קען מיך גוט

מײַן פּנים איז שוין מער נישט יונג, איך קוק מיר נאָך אין שפּיגל,
עס שײַנט שוין מער נישט ווי אַ מאָל — אַדורכגעברוינט און גלאַט,
און ווי אויף אַלטן פאַרמעט בלייכט דער אָפּדרוק פון אַ זיגל —
אַזוי אויך בלייכן אויף מײַן פּנים מײַנע ליפּן מאַט.

דער שפּיגל קען מיך גוט, איך קען פון אים זיך נישט באַהאַלטן,
און פּרוּוו איך מאַכן פריילעך זיך, זעט ער מײַן אומעט גאָר,
כאָטש ער אַליין איז שוין פאַרפלעקט, נאָר מיט זײַן גלאַנץ דעם קאַלטן
ער קוקט און ווייסט דעם אמת, ווי איך זע אויס אויף דער וואָר.

## עס טרעפט

עס טרעפט, דו גייסט צום שפּיגל צו ווי שטענדיק זיך ראַזירן,
דו קוקסט זיך אָן, קען זײַן גאָר נאָך אַ שלאָפלאָז־לאַנגער נאַכט,
און פלוצלונג דורך דעם שפּיגלגלאָז הייבסט כּישופדיק אָן שפּירן
ווי ס׳וואָלט אין דיר דײַן קינדהייט אויף אַ רגע גאָר דערוואַכט.

און דו דערזעסט דאָרט זיך אַליין — אַ קינד, דו ליגסט אין וויגל,
אַ וועלט, וואָס דו געדענקסט נישט גאָר, גייט אויף אין דײַן געמיט.
דו שטייסט פאַרגאַפט — דו זעסט נישט דײַן געזיכט שוין מער אין שפּיגל
דו זעסט דײַן מאַמעס פּנים גאָר, וואָס וויגט דיך מיט אַ ליד.

## אַ חלום

מיר האָט געחלומט זיך — אַ צימער מיט צעקרימטע שפּיגלען,
איך שלאָג זיך אָפּ אַ קרומער דאָרט אין זיי אויף אַלע ווענט,
ווי איך וואָלט אין דעם זילבער־רוים געפלויגן גאָר אַן פליגלען,
געפלויגן דאָרט און פון דעם גלאָז אַרויסגיין נישט געקענט.

אַזוי געפאַנגען אין די שפּיגלען הענג איך דאָרט אַ קרומער,
ווי עמעצער מיט כּישוף וואָלט געהאַלטן מיך אין זיי,
און איך פאַר שרעק, מיר דאַכט זיך, שריי, נאָר כ׳שלאָג זיך אָפּ
אַ שטומער —
און ס׳שפּיגלט אָפּ דאָס זילבערגלאָז מיט שטומקייט מײַן געשריי.

## אַ נ ד ע ר ש

כ׳בין דערטרונקען אין דעם שפּיגל. ווי אַ שטייענדיקער וואַסער
האָט ער אַלץ אין זיך פאַרשלונגען — מיך, די דרויסנדיקע וועלט.
מיט זײַן טיפקייט, וואָס איז פלאַך גאָר, איז ער עפּעס מיר מבשׂר:
— אַנדערש איז מײַן וועלט ווי דײַנע, כאָטש זי שײַנט אָפּ אויך צעהעלט! —

ווי דעם שפּיגלס קאַלטער גליווער וואָלט געזילבערט מיט אַ רמז,
און צו מיר געוווּנקען וואָלט ער מיט אַ חוזקדיקן שטיף:
— זעסט, דײַן וועלט איז גאָר קיין וועלט נישט, זי איז נאָר
אַ כּלומרשט־אמת,
אין מײַן פלאַכקייט ליגט געפאַנגען ווי אַן אויסדאַכט נאָר איר טיף!

## און ווען דער שפּיגל פּלאַצט

אַ שפּיגל זעט נישט מערער ווי עס קען זײַן גלאַנץ פאַרנעמען —
וואָס ווייס ער פון דער וועלט, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון ראַם?
ער פּרוּווט די וועלט אַ גליווערדיקע שטום אין זיך פאַרקלעמען,
נאָר אָן דער קעלט פון ווינטערטאָג און אָן דער היץ פון פלאַם.

אָן ריחות און אָן טעמען — אַן אַנאַטעמדיקער היטער
פון אַלץ, וואָס לעבט אַנטקעגן אים, נאָר שטום גאָר אָן אַ קול.
און ווען דער שפּיגל פּלאַצט, ווען די וועלט אין זײַנע שפּליטערס
זיך שפּיגלען ווײַטער שטום, מעג זײַן געפּלט הונדערט מאָל.

## אַ מיידל בײַם שפּיגל

לעם טישל בײַ דעם וואַנטשפּיגל זיצט אומעטיק אַ מיידל,
עס וואַלגערן צעפינקלטע לעם איר זיך אין דער נאַכט:
אַ רוזש-האַלטער אַ זילבערנער, פון שמינק אַ גאָלדן שיידל —
פּאַטראָנעס אויסגעשאָסענע פון קוילן אין אַ שלאַכט.

אין מיידל-שלאַכט פאַרעקשנטער פאַר מאַן, פאַר אויסדאַכט-ליבע,
און ס'גליט די שמינק דאָרט אויפן טיש, ווי בלוט וואָס טריפט אָפּ רויט.
דאָס מיידל בלייכט, די אויגן אירע נעפּלען מאַטע, טריבע,
און ס'שווימט די נאַכט צום לאַנד פון טרוים אין שפּיגלגלאָז צעבלויט.

# אַלטע פאָטאָגראַפיעס

א

מען ווײַזט מיר פאָטאָגראַפיעס אין אַלטמאָדישע אַלבאָמען:
— איר זעט, דאָס איז געווען מײַן מאַן... דאָס איז געווען מײַן פרוי...
מען רופט מיט שטילער ליבשאַפט אָן פאַרצערטלענדיק אַ נאָמען —
און דו דערהערסט אַ שטילן זיפץ, אַ קוים־געהערטן „אוי".

דו קוקסט, דיר דוכט זיך אָפט — דאָס פּנים גיט פון בילד אַ צאַפּל,
אַן אויג גיט דיר אַ ווונק אַזוי מין שטיפעריש באַקאַנט —
אַן אויסדאַכט נאָר. דאָס פּנים שטומט, עס גליווערט בלינד דער אַפּל,
עס ציטערט דער אַלבאָם נאָר אין דער האַלטנדיקער האַנט.

ב

פון אַלטע פאָטאָגראַפיעס זינגט אַרויס צו מיר אַ ניגון
מיט ווערטער פון אַן אַלטן, לאַנג פאַרגעסענעם ראָמאַנס.
דאָס לאַנגע קלייד מיט פאַלדן, דאַכט זיך, הייבט זיך אָן צו וויגן,
ווי אין אַ וואַלץ אַלטמאָדישן, צי אין אַ קאָנטרעדאַנס.

דער שטרויספעדער, די בופעס אויף די אַרבל אויסגעבעטע,
דער מאַן מיט דעם צילינדער, מיטן שטעקן אין דער האַנט —
זיי זינגען אויס קופּלעטן פון אַן אַלטער אָפּערעטע
און שמייכלען בלאַס מיט אויגן רעטושירטע פון דער וואַנט.

ג

מיט אויגן אויסגעלאָשענע, מיט אָפּגעוועלקטע לײַבער —
זיי שאַרן זיך דורך צימערן מיט קרעכצענדיקן טראָט
אין שאָטנס אײַנגעהילטע — אַלטע הויקערדיקע ווײַבער,
אַלמנות לאַנג-פֿאַרגעסענע פֿון מענטשן און פֿון גאָט.

אין אָוונט נאָר, אין כּישוף-שפּיל פֿון שאָטנס און פֿון ליכטער,
עס לעבן אויף די אַלטע פֿאָטאָגראַפֿיעס אויף די ווענט —
דאָרט קוקן ווי פֿאַרוווּנדערט יונגע מיידלשע געזיכטער,
וואָס האָבן אין די ווײַבער פֿלוצלונג זיך אַליין דערקענט.

ד

אַן אויסטערלישע וועלט, אַ לאַנג-פֿאַרגאַנגענער יאָרהונדערט,
פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס קוקן מיידלעך צניעותדיק פֿאַרשעמט.
זיי קוקן שטום-פֿאַרחידושטע, באַטראַכטן אונדז פֿאַרוווּנדערט,
ווי מיר וואָלטן געווען פֿאַר זיי גאָר אומפֿאַרשטענדלעך, פֿרעמד.

זיי שמייכלען צאַרט מיט ווײַטע ראָז-ראָמאַנטישע פֿאַרנאַכטן,
מיט לופּטיקע זשאַבאָען אויפֿגעפּוישטע ווײַס ווי שוים,
וואָס בלייכן אוים אויף טונקעלע, אויף צניעותדיקע טראַכטן
אַ לאַנג-פֿאַרגעסענעם, אַלטפֿרענקישן און אויסגעוועפּטן טרוים.

ה

די אָפּגעבליאַקעטע, שוואַרץ-ווײַסע פֿאָטאָגראַפֿיעס אויף די ווענט,
אין אַלטע, אָפּגעקראָכענע, צעקראַצטע רעמלעך, אײַנגעפּאַסטע,
מיט מאַטע אויגן אויסגעלאָשענע און אָפּגעבלייכטע הענט,
מיט פּנימער, וואָס קוקן גליווערדיק פֿון וואַנט אַראָפּ, פֿאַרבלאַסטע

אין אַלטע טראַכטן נאָך, אַלטמאָדישע — די ייִדן פֿון אַ דור,
וואָס זײַנען דאָ געקומען פֿון אַ וועלט, וואָס שטויבט שוין אַ פֿאַרוויסטע,
און טראָגן-אום אין זיך דעם טרויער פֿון אַ ייִדיש-ווײַטער וואָר,
וואָס צאַפּלט, פֿלאַטערט נאָך מיט בענקשאַפֿטן פֿאַרגעסענע אומזיסט דאָ.

ו

מיט אַלטע פֿאָטאָגראַפֿיעס קוקן אויפֿגעמאַכט אַלבאָמען,
די פּנימער די בלייכע גלאָצן שטום פֿון דעם פּאַפּיר
און כאָטש ס׳איז פֿרעמד מיר אַלץ דאָרט — יעדער פּנים, יעדער נאָמען,
דאָך פֿיל איך, ווי עס גייט אויף זייער בענקשאַפֿט אויך צו מיר.

די בענקשאַפֿט פֿון אַ דור, וואָס האָט געלעבט און איז נישטאָ שוין,
וואָס האָט אַ מאָל געצאַפּלט פֿול מיט פֿרייד און מיט געוויין,
זי גייט איצט אויף פֿון דעם פּאַפּיר, דורך אויגן לאַנג־פֿאַרלאָשן
צו מיר אַליין און ווערט אַ טייל פֿון מיר, פֿון מײַן געביין.

# נאַכטיקע לידער

## דער אַלטער לאָמפּ

דער אויסגעדינטער, אַלטער לאָמפּ שטייט גרינלעך־דורכגעזשאַווערט,
אַ טונקעלער, נאָר ס׳איז זײַן שײַן נאָך בײַ דער נאַכט צעהעלט.
אַזוי פיל נעכט האָט ער מיט מיר זיך טרײַ ביים טיש געחברט,
געיאָגט פון דעם פּאַפּיר פון ווײַסער ליידיקייט די קעלט.

מיר האָבן ביידע דעם פּאַפּיר צעליכטיקט, דורכגעוואַרעמט —
דער אַלטער לאָמפּ — מיט העלער שײַן, און איך — מיט וואָרט, מיט ליד.
פון הינטער וועגט מיט פרעכן ליכט האָט בייז די וואָר געליאַרעמט,
נאָר מיר, מיר האָבן דעם פּאַפּיר מיט חלום דורכגעגליט.

## אין אַ רעגנדיקער נאַכט

אַ רעגן גייט. די גאַסן ווי קאַנאַלן אין ווענעדיק,
זיי שפּיגלען אָפּ די פײַערן צעגלאַנצטע אין אַספאַלט.
מיך פירט דער אומעט איצט — אָ גאָט, זײַ גוט צו מיר, זײַ גנעדיק!
ער פירט אין זײַן גאָנדאָלע מיך. אַ רעגן גייט און פאַלט.

די אויטאָ־רעדער גליטשן זיך ווי שלאַנגען און זיי צישען,
אַ סעמאַפאָר טריפט אָפּ מיט רויט, ווי בלוט פון פרישן שניט
און איך אויף רעגן־סטרונעס, ווי אויף טויזנטער קלאַווישן,
זינג, גאָט, צו דיר דורך נאַכטקייט אַ שבח אוים אין מײַן ליד.

# ביכער

א

מיר דאַכט, בײַ נאַכט די ביכער זאָגן שטום־פאַרשטיקטע תּפֿילות,
זײ שאַרכן אויף די פּאָליצעס מיט שטאַנדיקן סוד.
אין טאָוולען האַרט־געבונדענע, אין פאַרביק־װײכע הילעס
זײ זײַנען שטום מתפּלל דאָרטן צו דעם װערטער־גאָט.

נישט אײנער פֿון די שרײַבער לאַנג פֿאַרשװוּנדן אָן אַ שפּור איז,
נישט אײן בוך װעט פֿאַרבלײַבן נישט געעפֿנט דאָרטן שטײן —
איז זײַנען זײ מתפּלל שטום מיט אויסגעבענקטע שורות
און איך, איך הער זיך־צו צו זײער נאַכטיקן געװײן.

ב

מיר קומט עס פֿאָר: אַ ליכטיקײט גײט אויף אין מיטן נאַכט.
פֿון װאַנען קומט זי, װײס איך נישט, די ליכטיקײט אין צימער,
דאָס פֿענצטער איז פֿאַרהאָנגען און די טיר איז צוגעמאַכט,
נאָר פֿון די רײען פּאָליצעס גײט אויף אַ בלײכער שימער.

און ס׳דאַכט זיך מיר: די ליכטיקײט, װאָס שװעבט דאָ בלאַס אַרום
זי ציט זיך פֿון די פּאָליצעס מיט ביכער אויסגעשטעלטע.
די ביכער שטײען גליװערדיק, אין זיך פֿאַרמאַכט און שטום,
נאָר ס׳גײט פֿון זײ אויף אין די נעכט אַ שײַן אַן אויפֿגעהעלטע.

## שאָטנס

איך גיי ווי אַ גײַסט אום אין נאַכטיקער שפּעטקייט פון צימער צו צימער,
דורך אָפענע טירן איך וואַנדל, איך שלײַך אום — אַרײַן און אַרויס.
די שאָטנס זיי קוקען מיר נאָך אין דעם נאַכטיקן, בלוילעכן שימער,
זיי גייען מיר רווישלאָזע נאָך אויף די ווענט פון דעם נאַכטיקן הויז.

זיי וואַכן, זיי שאַרן אַרויס זיך פון נאַכטיקע שפּאַרעס באַהאַלטן,
זיי גייען מיר נאָך און באַגלייטן — אַ טונקעלער שאָטן-געפלעכט
פון מענטשן, וואָס האָבן געלעבט דאָ, פון לאַנג שוין פאַרשווּעבטע
געשטאַלטן,
וואָס האָבן, ווי איך, אויך געפיבערט מיט אומעט און אומרו פון נעכט.

## איך פלעכט זיך אײַן אין טונקל

איך וואַקס אַרײַן מיט בלינדן שלאָף אין נאַכטיקייט, אין שטילקייט,
איך פלעכט זיך אײַן אין טונקל פון אַ שאָטנדיקן קנויל
און אַלץ ווערט אויס אין אָט דער שטומער, נאַכטיקער פאַרהילטקייט,
וואָס שלינגט מיך אײַן מיט פינצטערן, מיט אויפגעמאַכטן מויל.

און אַלץ ווערט אויס, און איך אַליין ווער שטומע גליווער-פוילקייט,
וואָס קנוילט זיך אײַן און ווערט צעשווּומען אין אַ נעפּל-שפּיל.
איך ווער אַ טייל פון אָט דער בלינדער, חושכדיקער הוילקייט —
אַ ליידיקייט, וואָס גליווערט שטום אָן בענקשאַפט, אָן געפיל.

## די שטילקייט

די שטילקייט שאַרכט. איך ליג און קען אין נאַכט די שטילקייט הערן,
די שטילקייט רוישט, ווי ס׳וואָלט אַ רעגן שטיל געשאָרכט אין גראָז.
ס׳קען זײַן, זי טראָגט באַהאַלטן אום די נישט-דערוויינטע טרערן,
וואָס עמעצער האָט גאָר אַ מאָל אין צימער דאָ געלאָזט.

ווי ס׳וואָלט נאָך עמעץ אַלץ דאָ מיט זײַן זיפצנדיקן אָטעם,
אַ שאָטנדיקער הינטער ווענט באַהאַלטן דאָ געלעבט.
איך הער אים מיט זײַן שטילן שלוכץ, כ׳פאַרנעם נאָך מיט זײַן טראָט אים,
ווי ער אין צימער גייט אַרום, ער שאָרכט נאָך דאָ און שוועבט.

## אַ ר ו י ך

די נאַכט פאַלט צו, עס שמעקט מיט רויך, מיט ברויט געבאַקטן, פרישן,
דער הימל שווימט אַ גרינער מיט דעם בלויען רויך באַגלייט.
דאָס דעכל אַ פאַרשנייטער הענגט אַראָפּ — אַ ווײַסער קישן,
וואָס ס׳האָט די נאַכט צום שלאָפן גיין באַצײַטנס צוגעגרייט.

אָט ציט זי זיך צום דעכל שוין — אַ לאַנגער, בלויער שאָטן.
עס שווימט דער רויך, עס שמעקט מיט ברויט — מיט פריש
געבאַקטן ברויט,
ווו אין דעם מעל דער זומער ליגט אַ זוניקער פאַרקנאָטן
און שמעקט אַרויס איצט פון דעם רויך, וואָס ציט זיך שלאַנק, צעבלויט.

## ב י י מ ע ר

אין זומערנעכט פאַרטוליען זיך דיביימער מיט די צווײַגן,
זיי נעמען זיך אַרום מיט זייער טונקעלן געפלעכט.
אַ שטילער שאָרך גייט אויף און הייבט אָן קרעכצנדיק צו שטײַגן,
אַ ציטער-שלוכץ נעמט באַנג אַרום די ביימער אין די נעכט.

ווי איין בוים וואָלט דעם צווייטן בוים געפרוווט זײַן שרעק פאַרטרויען,
דעם עלנט פון זײַן ווינטערנאַכט אויף ווײַס-פאַרשנייטער ערד...
ביז ס׳וועט זיך אין דער פרי די ערד מיט טראָפּנס טוי צעבלויען,
ווי ס׳וואָלטן ביימער וויינענדיק בײַ נאַכט די ערד פאַרטרערט.

# אין פעלד בײַ נאַכט

דו שטייסט אין פעלד. ס׳איז נאַכט. מיט ווינקענדיקע שטערן
קוקט פון דער הויך די אייביקייט אין גרינעם רוים.
דו שטייסט פאַרגאַפט, דו ווילסט דורך ווײַטקייטן דערהערן,
ווי ס׳גנבעט זיך דער ווינט דורך צווײַגן פון אַ בוים.

ס׳איז שטיל. אָט וועט דער ווינט דיר אומגעריכט אַ גלעט טאָן,
אַ שטערן וועט אַ לעש טאָן זיך מיט זילבערגלאַנץ.
און אין דעם גראָז אַרום מיט גרילן־קאַסטאַנעטן —
וועט אויסטאַנצן די נאַכט אַ בראשיתדיקן טאַנץ.

# שטערן פאַלן

ס׳איז שפעט בײַ נאַכט. ס׳איז בלוי אַרום. עס שמעקן זים די ליפּעס.
עס שלאָפט די נאַכט, די בלויקייט שלאָפט. ס׳איז דורכזיכטיק און שטיל,
נאָר שטערן פאַלן. ס׳דאַכט זיך מיר — דער הימל גאָר אַ זיפּ איז
און עמעץ זיפּט — אַ שטערן פאַלט אין בלויער זילבער־שפּיל.

דער מילכוועג בלייכט אַ מעליקער מיט שטערנדיקן ציטער.
ס׳איז שטיל אַרום — דו הערסט נאָר קוים אַ ווײַטן רעדער־סקריפּ.
אַ שטערן פאַלט און לעשט זיך אוים, אָט פאַלט אַ צווייטער, דריטער,
דער הימל בלייכט, דער הימל בלויט — אַ שטערנדיקע זיפּ.

# דער שײַטער

די נאַכט איז אָפּגעשפּרונגען ווי דערשראָקן פון דעם שײַטער,
און ליכטיק־רויט געוואָרן איז און דורכגעהעלט אַרום.
די נאַכט, פאַר שרעק געטריבן, איז געלאָפן ווײַטער, ווײַטער
און בײַ דעם ראַנד פון וואַלד געבליבן שטיין פאַרשאָטנט, שטום.

דער שײַטער האָט געסאָפּעט מיט צעשפּריצטע רויטע פונקען,
געאָטעמט רויכיק־ביטער אין דער פינצטערניש אַרײַן.
די נאַכט האָט, ווי אַ שיכּורע, דעם רויטן גלי געטרונקען
און ס׳האָט געשמעקט מיט יאַדלעס און מיט גרינער שטערנשײַן.

## די קאַרוסעל

מיט וואַלצן פריילעכע און לאַנג־פאַרגעסענע ניגונים
לויפט אום מיט קולות קינדערשע פון קאַרוסעל דאָס ראָד.
עס גליט דער ברוק — מיט שקיעה־רויט פאַרגאָסן האָט די זון אים,
עס פלאַמען ווענט, דער טאָג גייט אויס אויף דעכער פון דער שטאָט.

דאָס ראָד פון קאַרוסעל לויפט אום מיט קולות פון די קינדער,
זיי יאָגן די מעלאָדיעס נאָך, וואָס אײַלן האַסטיק, שנעל.
דער טאָג גייט אויס, דער אָוונט קומט, ער טאַפּטשעט זיך אַ בלינדער
און יאָגט זיך אויך נאָך הילפלאָז נאָך דעם ראָד פון קאַרוסעל.

## בײַם ראַנד פון שטאָט

דאָ ענדיקט זיך די שטאָט. אַ לעצטער גאַס־לאַמטערן
קוקט אָן אַ גרין־פאַרחידושטער די נאַכטיק־פּוסטע וועלט.
דער מילכוועג שווימט אַ זילבערנער. אַ ציטערדיקער שטערן
קוקט אומעטיק זיך צו פון דר׳הייך ווי דער לאַמטערן העלט.

דאָ ענדיקט זיך די שטאָט. די נאַכט ליגט נידעריק און בלײַיִק,
די פינצטערניש זי ענגט אויף מיר אַראָפּ ווי עפּעס שווערס,
נאָר הויך אַריבער מיר, מיט אַ צעשטערנטער מאָזאַיִק,
קוקט שטום אַראָפּ דאָס פּנים פון דעם קאַלטן אוניווערס.

## נאַכטיקער האַפן

בײַ נאַכט אין נעפּל קלאָגן שווער מיט קרעכצנדיקע באַסן
די שיף־סירענעס. ס׳בלאַנדזשען עכאָס אומרויִק אַרום
אויף שאָטנדיקע דעכער, איבער נאַכטיק־שטילע גאַסן
און פלאַטערן פאַרצאַפּלטע מיט קלאָגנדיקן ברום.

זיי צאַנקען און זיי שטײַגן ווידער. ערגעץ־ווו אַ שיף הערט
און ענטפערט פלוצלונג אָפּ צוריק מיט אויפגעוואַכטן גרויל.
דער האַפן שווײַגט אַ פינצטערער, דער נעפּל גרויט פאַרגליווערט
און הילט אַלץ אײַן, פאַרוויקלט אַלץ אין נאַכטיק־גרויען קנויל.

# בײַם ליכט פֿון לאָמפּ

א

בײַ נאַכט, בײַם ליכט פֿון לאָמפּ, ווער איך אַן אַנדערער, אַ צווייטער,
די וועלט אַרום ווערט אַנדערש גאָר, זי ליכטיקט אויף צעהעלט,
און איך ווער דער, וואָס איז בײַ טאָג געווען נאָר מײַן באַגלייטער,
וואָס האָט בײַ טאָג געלעבט אין מיר פֿאַרהוילן און פֿאַרשטעלט.

בײַ נאַכט קומט ער אַרויס פֿון מיר, מײַן טאָג־איך ווערט פֿאַרשוווּנדן,
און אַלץ, וואָס האָט געגרויזט אַרום מיר נעפּלדיק־פֿאַרהילט,
ווערט מיט אַ ליכט אַן אַנדערן פֿון זיך אַליין געצונדן,
באַקומט געשטאַלט, קריגט אויף אַן אמת פּלוצלונג פֿאַרעם, בילד.

ב

עס טרעפֿט בײַ נאַכט, בײַם ליכט פֿון לאָמפּ צינדט־אָן זיך העל אַ שורה
און יעדעס וואָרט ווערט פֿול מיט שײַן, מיט פֿאַרב און מיט געזאַנג.
דײַן אומרו־האַנט טראָגט היים אַרויס מיט פֿיבערדיקער גבֿורה
פֿון זינגענדיקן בלוטגערויש אַ ליד, פֿאַרוועבט אין קלאַנג.

דאָס אַלץ איז נאָר בײַ נאַכט, בײַם ליכט פֿון לאָמפּ, נאָר אויף צו מאָרגנס
דו גיסט אַ קוק: דײַן ליד איז טויט, די ווערטער קאַלט און הויל,
ווי ס'וואָלט אַ פֿרעמדע האַנט בכּיוון, אין דער נאַכט פֿאַרבאָרגן,
דײַן פֿלאַקער־ליד פֿאַרלאָשן און געלאָזט נאָר אַש און קויל.

## עס טרעפט

עס טרעפט, ס׳איז לאַנג שוין נאַכט, נאָר איך בין אַלץ נאָך מונטער, טאָגיק,
כ׳בין פול מיט רויש נאָך, פול מיט זון, מיט אימפּעטיקן יאָג,
און אַלץ וואָס ס׳איז געשען בײַ טאָג קריגט האַפט, ווערט וויכטיק, וואָגיק
דער אימפּעט שטײַגט, ער טראָגט מיך, יאָגט, ווי ס׳וואָלט געווען טאָג.

ווי מאָדנע איז, אַרום איז נאַכט, נאָר איך אַליין אין מיטן
צווישן ווענט פאַרשאָטנטע — איך וואַך מיט טאָג צעהעלט,
ווי ס׳וואָלט די נאַכט הײַנט אין איר גאַנג פאַרגעסן מיך, געמיטן,
און איך אַליין נאָר ליכטיק איצט אין נאַכטיק־שפּעטער וועלט.

## פון שלאָף צוריק

איך קום פון שלאָף צוריק, ווי פון אַ נאַכטיקער נסיעה
און זיץ אַ מידער אויפן בעט מיט אויגן צוגעמאַכט.
איך פיל, אַ טרער געבליבן הענגען איז מיר אויף אַ וויִע,
אַ וואָרט נאָך עכאָט, וואָס איך האָב פון חלום מיטגעבראַכט.

דער חלום גופא איז זיך גלײַך בײַם אויפכאַפּן צעשוווּמען,
אַ וואָרט נאָר גייט מיר נאָך, אַ וואָרט, וואָס איך האָב דאָרט געהערט.
איך ווייס נישט ווו איך בין געווען און וועמענס וואָרט פאַרנומען,
דער חלום איז נישטאָ שוין — אויס, נאָר ס׳איז מײַן אויג פאַרטרערט.

## אויף צוריק

איך בין בײַ נאַכט ווו מיט אַ באַן אַ פינצטערער געפאָרן,
אַן אַלטע באַן, וואָס האָט געשלעפּט פאָרויס זיך שפּאַן נאָך שפּאַן.
מיר האָט געדאַכט, דאָס פאָר איך גאָר צוריק דורך מײַנע יאָרן,
דאָס פירט מיך גאָר צום שטעטל מײַנעם אויף צוריק די באַן.

איך בין געזעסן אין וואַגאָן אין נאַכטיקייט פאַרלאָרן,
די באַן האָט זיך אַ לאַנגזאַמע געשלעפּט פאָרויס, פאָרויס.
נאָר איך בין גאָר ווי אויף צוריק די גאַנצע צײַט געפאָרן,
צו דעם וואָקזאַל, פון וואַנען איך בין אין דער וועלט אַרויס.

## אין אַ שנייִיקער נאַכט

עס שנייט, עס שנייט, די לויכטנדיקע עפּל פון לאַמטערנס
צעשוווּמען הענגען אין אַ מילכיק-ווײַסן טוי.
דער שניי אויף מײַנע ווייִעס טריפט מיט זיסלעך-קאַלטע טרערן —
און אַלץ ווערט בלוי אַרום, אַדורכגענעפּלט-בלוי.

די רעגנבויגן-שײַן פון די לאַמטערנס ווערט אַלץ מאַטער,
די ווײַטקייט לעשט זיך, ווערט — אַ מילכיק-ווײַסער פלעק.
מיט פליגל שנייִיקע איך שוועב אַרום אין ווײַסן פלאַטער
און ס'איז קיין גאַס נישטאָ, און ס'איז נישטאָ קיין וועג.

## אַ ווינטערנאַכט

אַן אָפּגעבליסענע לבנה הענגט אַ גרינע.
די נאַכט איז פּראָסטיק-ווײַס, זי שמעקט מיט שניי.
אויף פינקלענדיקע ציטערשטראַלן דינע,
ווי זילבער-גלעקלעך הוידען שטערן זיך אויף זיי.

ס'איז שפּעט. די נאַכט געבליבן שטיין איז ווו אין מיטן,
זי רירט זיך נישט אַ פראָסטיקע, פאַרגליווערט, קאַלט,
און נאָר דער מילכוועג אויף אַ שנייִיק-ווײַסן שליטן
דורך רויכן זילבערנע פליט פינקלענדיק צעשטראַלט.

## עס טאַנצט דער ווינט

אַ ווינטערנאַכט אָן שניי. אַ שוואַרצער פראָסט ליגט אויף די צווײַגן,
די שטערן ציטערן פאַר קעלט, דער הימל מילכוועגט בלאַס,
אַ ווינט אַ בײַסיקער הייבט אָן פון זיך אַליין צו שטײַגן,
ער פליט אַרום און וויקלט אײַן צעטאַנצטערהייט די גאַס.

אָט ווערט ער אויף אַ ווײַלע שטיל, ווי ער וואָלט זיך באַהאַלטן,
אָט לויפט ער דורך דער גאַס שוין אויף דאָס נײַ צעטאַנצט געשווינד.
די שוואַרצע ערד געפרוירן ליגט אין טונקל אין דעם קאַלטן
און הערט ווי איבער איר עס טאַנצט דער ווינט צעשראָקן, בלינד.

## דער נאַכטיקער ווינט

ווער ווייס, וואָס ביַי דער נאַכט דער ווינט דערציילט די צוויַיגן-בלעטער,
מיט וועלכע סודות פלאַטערט ער אין טונקל דאָרט פאַרשטעלט.
ביַי טאָג לויפט ער אַרום, און ווען ער קומט אין אָוונט שפּעטער —
איז פול זיַין רויש מיט ווונדערלעכע בשורות פון דער וועלט.

וואָס וויים אַ בוים, וואָס קען זיך פון זיַין אָרט קיין ריר נישט געבן ?
די וועלט איז גרוים, און נאָר דער ווינט טראָגט אום זיך פריַי אין רוים,
און ווען ער קומט ביַי נאַכט צוריק נאָך לאַנגן טאָג פון שוועבן,
ווערט פול מיט מעשׂיות ווונדערלעכע אויפגערוישט דער בוים.

## דער נאַכטיקער וואַלד

דער וואַלד זייגט אוים דעם הימלבלוי, דעם זונגאָלד דעם צעשטראַלטן,
ער שלינגט די שטערן איַין אין זיך, די בלויקייטן פון נעכט,
זיי ליגן אַלע אין זיַין קאַלטן שאָטנדיק באַהאַלטן,
אין גרינעם צוויַיגן-פלאָנטער פון זיַין טונקעלן געפלעכט.

נאָר ס'טרעפט ביַי נאַכט, עס שאָרכט דער וואַלד מיט שטיל-פאַרשטיקטע קלאַנגען,
ווי ס'וואָלט דער וואַלד פון שלאָף געגעבן זיך מיט שרעק אַ וועק —
דאָס קרעכצן דאָרט די שטערן, ס'זיפצט דער זונגאָלד דאָרט געפאַנגען,
זיי רייַסן פון זיַין טונקל זיך און קענען נישט אַוועק.

## אַ נאַכטיקער געוויטער

צום גרין-צעפלאַצטן הימל האָט אַ שפּרונג געטאָן אַ טורעם,
אַ פענצטער האָט צעבליאַסקעט זיך, צערוישט האָט זיך אַ בוים.
דאָס האָט אַ בליץ נאָר אויף אַ וויַיל, אין שויבער פון דעם שטורעם,
אַרויסגעכאַפּט דעם פּנים פון דעם נאַכטיק-שוואַרצן רוים.

און שטיל איז שוין, צוריק שוין שטיל. מיט פינצטערניש פאַרלאָפן
דער שטורעם איז אַריבער מיט זיַין ווינטיק-בייזן גוואַלט,
— נאָר ס'האָט די נאַכט אַ שויבערדיקע נישט געקענט שוין שלאָפן —
זי האָט מיט שרעק אין בליץ דערזען איר אייגענע געשטאַלט.

# די לבנה

עס מאַטערט די לבנה אויס די נעכט מיט בלויער בענקשאַפט,
זי מאַכט די שטערן אומרויִק און גיט פון שלאָף אַ וועק
דיביימער און די שטיינער, וואָס דערפילן זייער ענגשאַפט
און ווילן ערגעץ פון דעם גליווער זייערן אַוועק.

זי מאַכט דעם הימל טרויעריק מיט איר געמאַכטער פרומקייט,
די ערד ליגט בלייך און אומעטיק, די שאָטנס ליגן שטיל,
זיי קאָרטשען זיך פאַרגליווערטע, דערשטיקט פון זייער שטומקייט
און קענען נישט אַוועק פון אָט דער פּישופּדיקער שפּיל.

# די נאַכט

די נאַכט טראָגט אום דעם אָפּבילד פון דעם טאָג אין זיך פאַרבאָרגן,
עס זינגט דער טאָג דורך איר, כאָטש זי איז שטענדיק פאַרהילט.
דער ווינט דערציילט אין מיטן נאַכט די שיינקייט פון פרימאָרגן,
און די לבנה שפּיגלט אָפּ מיט בלאַסער שײַן זײַן בילד.

אַ יעדער בוים אין חלום זעט די בלויקייט פון באַגינען,
אַ יעדעס גרעזל טראָגט אין זאַפטן אום פון טאָג דאָס ליכט,
די נאַכט קען נישט אַרויס פון טאָג, אַוועק פון אים, אַנטרינען —
און טראָגט געהיים, פאַרבאָרגן אום אין חושך זײַן געזיכט.

# אין מיטן פון דער נאַכט

אין מיטן פון דער נאַכט זאָג איך צו זיך אַליין:
— מאַך־צו די אויגן, שלאָף! דער טאָג איז שוין אַריבער
און ווער ס'האָט מיט אַ ליד, און ווער ס'האָט מיט געוויין
געפּרוּווט פאַרלעשן הײַנט זײַן אומעט און זײַן פיבער,

ועט מאָרגן אויף דאָס נײַ ביים זעלבן שיידוועג שטיין
און ווידער וועלן זײַן די טרערן און די לידער.
אין מיטן פון דער נאַכט זאָג איך צו זיך אַליין:
— מאַך־צו די אויגן, שלאָף! עס קומט דער טאָג באַלד ווידער.

## שאָפּען־נאָקטיורנס

א

עס גלאָצט איינפליגלדיק דער שוואַרץ-צעעפנטער קלאַוויר,
ער פליט אויף אַ צעגלעקערטן נאָקטיורן-ניגון.
און פינגער שוועבנדיקע שטאַפּלען מיט אַ לופטיקן באַריר
אַריבער די קלאַווישן ווי אויף פּישופדיקע שטיגן.

די קלאַנגען שוועבן, ציטערן, זיי לעשן זיך אויף ווענט
און ווערן פלאַטער־שאָטנס פון נישט-ערדישע פיגורן,
און איבער די קלאַווישן מיט דעם ציטער־פּאַך פון הענט,
ווי איבער טרעפּ צעשטאַפּלטע לויפט אום שאָפּענס נאָקטיורן.

ב

איך הער זיך צו — פון אונטער פינגערשפּיל גייט אויף שאָפּען.
איך זאַפּ דעם זיסן אומעט איַין פון לאַנגזאַמען נאָקטיורן,
וואָס טריפט פון די קלאַווישן אָפּ. און אַלץ וואָס איז געווען,
וואָס האָט אַ מאָל מיט גורלדיקע, צאַפּלענדיקע שפּורן

געצייכנט דאָ מיַין זיַין, מיַין פּיַין — ווערט אויס, ווערט איצט אַ וואָר,
אַן אַנדערע, אַ שענערע — אַ וואָר אַ לאַנג־באַגערטע,
ווו אַלע ווערטער פריַערדיקע ווערן אויס, און קלאָר
ווערט נאָר דאָס קוים-געאַנטע, נאָר דאָס קיין מאָל נישט-געהערטע.

## אין רעגן

ס'איז נאָך אַ שׂמחה — שפּעט בײַ נאַכט. דו גייסט אַליין אין רעגן.
די גאַס איז גלאַנציק, שפּיגלדיק, דער רעגן טריפט און טריפט.
מיט שורות פון לאַמטערנס לויפט די נאַכט צו דיר אַנטקעגן
און שלאָגט זיך אָפּ אין דעם אַספאַלט מיט פײַערן צעשטיפט.

און דו, דו גייסט אַליין אין נאַכט. ס'איז הינטער דיר געבליבן
אַ שטוב מיט פרייד, אַ מיידל־שטימע ציטערדיק צעלאַכט.
איר בליק גייט־נאָך דיך, טראָגסט אים מיט אין רעגן־טריף אין טריבן,
און דו, דו גייסט, דו שפּרײַזט אַליין, און איבער דיר איז נאַכט.

## פרילינגדיקע רעגנס

עס גייען רעגנס, פרילינגדיקע, ליכטיק־קלינגענדיקע רעגנס.
אויף נישט געזעענע קלאַווישן שפּילן טראָפּנס אויס אַ טאַנץ.
עס טויכן אויף אין נאַכט באַהאַלטן גאָלדיק־פאַרביקע פאַרמעגנס,
זיי מיניען זיך און פינקלען אויף מיט פײַכטן, פײַערדיקן גלאַנץ.

עס גייט אַ טאַנץ פון ליכט און שאָטן אין אַספאַלט־בליאַסק דעם צעשטראַלטן,
עס לעשט זיך גרין אויס, ס'צינדט זיך רויט אָן, ס'טאַנצט אַרויס דאָס גאָלד צעהעלט,
ווי עס וואָלטן פרילינג־רעגנס אויף קלאַווירן פון אַספאַלטן
אויסגעשפּילט אַ ליד פון פאַרבן אין אַ נאַכט־צעטאַנצטער וועלט.

## נאָך אַ רעגן

די לופט איז קיל, נאָך פול מיט דער נאָכרעגנדיקער פײַכטקייט
די נאַכט איז פול מיט שאָטנדיקן, ווינטיק-ווײַטן ברום.
איך גיי און גיי — מיך טראָגט אַ יונגע שטיפערישע לײַכטקייט,
ווי אַלץ געשוועבט וואָלט — איך אַליין, די גאַנצע וועלט אַרום.

איך גיי און אָטעם אײַן אין זיך די נאַכטיק-פרישע קילקייט,
און כאָטש איך זע קיין שטערן נישט — דער הימל גרויט פאַרשטעלט —
דאָך דאַכט זיך מיר, אַז מיט אַ בלויער, בליציקער צעשפּילטקייט
עס בלינצלען פול מיט שטערן די קאַלוזשעס איצט צעהעלט.

## טראַפּנס

דער מאַנאָטאָנער טריף פון טראָפּנס בײַ דער נאַכט,
וואָס קאַפּען לאַנגזאַם און זיי לאָזן דיך נישט שלאָפן —
דאָס רינט אין קיך דער קראַן, ער איז נישט גוט פאַרמאַכט,
ווען ס'האָט אים אין געאײַל געלאָזט דאָרט עמעץ אָפן.

דו ליגסט און הערסט, דיר דאַכט — אַז עמעץ קרעכצט גאָר דאָרט,
אַ טויטע, שטומע וועלט זיפצט הינטער דיר צוקאַפּנס.
זי קלאָגט אַדורך דעם קראַן מיט שלוכץ אַנשטאָט אַ וואָרט
און ס'קאַפּעט אָפּ איר קלאָג מיט מאַנאָטאָנע טראָפּנס.

## די פינצטערניש

די פינצטערניש זי קוקט אַרײַן, די נאַכט האָט טויזנט אויגן,
זי זעט וואָס ס'טוט זיך אומעטום — ס'איז אַלץ פאַר איר אַנטפּלעקט,
זי האָט מיט שוואַרצע פאַרהאַנגען די וועלט פאַר דיר פאַרצויגן,
זי וואַרפט אויף דיר אַ פּחד אָן, זי סטראַשעט דיך און שרעקט.

זי וועקט אין דיר דײַן קינדהייט אויף מיט ערשטע שרעקן, גרוילן,
דו ווערסט געהער, דײַן אויער וואַכט, פאַרנעמט אַלץ מיט פאַרדאַכט.
דו ווערסט דער אורוואַלד-מענטש, וואָס ליגט נאָך אַלץ אין דיר פאַרהוילן —
אַזוי ברענגט דיך צום ווײַטן בראשית אויף צוריק די נאַכט.

## אין מיטן נאַכט

אַ גרינער טעלעוויזיע־אַפּל פלעמלט אין אַ פענצטער,
ס׳איז שפּעט ביַי נאַכט, עס שלאָפט נישט דאָרט אַ מענטש, ער זיצט
און וואַכט.
וואָס זעט ער דאָרט? אַ פחד־בילד מיט רוחות און געשפּענסטער?
צי אפשר אַ פאַרגעסענע לבנהדיקע נאַכט?

אַ מענטש דאָרט גאַפט אין מיטן נאַכט, אַ מענטש, וואָס קען נישט שלאָפן,
זיַין בליק לויפט נאָך די בילדער מיט אַן אימפּעטיקן יאָג,
דורך פרעמדן גורל טראָגט ער זיך, דורך וועגן פריַי און אָפן,
אַ מענטש, וואָס האָט אַליין, קען זיַין, פאַרבלאָנדזשעט אין זיַין טאָג.

## אין ליכט־און־שאָטן־שפּיל

כ׳האָב ליב די פיַיערן, וואָס טויכן אויף ביַי נאַכט אויף וועגן:
זיי פליִען דורך און לויפן ווי אויף הינטערוויַיל צוריק,
און ווידער טראָגט דער חושך זיך געהיים צו דיר אַנטקעגן
מיט שוואַרצע שאָטן־אויסדאַכטן, וואָס נאַרן אָפּ דיַין בליק.

דער אויטאָ פליט, די שאָטנס ווי געשפּענסטיקע געשטאַלטן,
זיי כאַפּן דיך, פאַרוויקלען דיך אין פינצטערן געהיל,
און ווידער טויכן ליכטער אויף פון נאַכט אַרויס באַהאַלטן,
עס גייט אַ ביַיט — דער אויטאָ פליט אין ליכט־און־שאָטן־שפּיל.

## אַ וויַיסער געשריי

אַ פּראָסטיקע שטילקייט קלינגט אָפּ אין מיַין אויער,
עס פינקלט מיט דימענטן בלענדיק דער שניי.
די נאַכט ווערט אַלץ שטראַליקער, דורכזיכטיק־בלויער,
אין רוים הענגט פאַרפרוירן אַ וויַיסער געשריי.

עס ציטערן ערגעץ־ווו טריט נאָך צעסקריפּעט
און ס׳עכאָט די נאַכט אָפּ מיט בלויקייט צעבליצט.
אַ וויַיסער געשריי נאָר אַ שנייִיקער כליפּעט,
ווי ער וואָלט די נאַכט מיט אַ דימענט געקריצט.

## נ י ש ט אָ . . .

דעם אָנדענק פון יעקב גלאַטשטיין

עס וועלן מער נישט זײַן שוין יענע נאַכטיקע געשפּרעכן,
דער טעלעפאָן וועט שווײַגן שוין אין שטילער, שפּעטער שעה,
ווען פרעמדע ווערטער קענען נאָר מיט זייער קלאַנג פאַרשוועכן
די דורכגעבלייכטע שטילקייט, וואָס קרעכצט אויס: נישטאָ, נישטאָ! —

דער טעלעפאָן אַ שטומער מיט די לאַנגע, שוואַרצע דראָטן,
אַ גליוועדיקער גלאָצן וועט ווי שטענדיק אויף זײַן אָרט
אַ סודותדיק-פאַרהוילענער — און נאָר אַ פלאַטער-שאָטן
וועט פון דעם ווינקל אויפטויכן מיט עכאָ פון אַ וואָרט.

## ווען שטילער ווערט דער טאָג

ווען אָוונט-שאָטנס לייגן זיך לענג-אויס דער גאַס
און שטילער ווערט דער טאָג מיט זײַן צעהילכטן רויש,
ווען שויבן מיניען זיך ווי פּערלמוטער בלאַס
און פאַרבן הייבן אָן זיך כּישופדיק צו טויש —

די גאַס ווערט דאַן אַ שיף, אַ קוימען ווערט אַ מאַסט,
עס שווימט די שטאָט אַריבער נעפּלדיקע תּהומען
און דו אַליין ווערסט גאָר אַ סודותפולער גאַסט,
פאַרבלאָנדזשעט פון אַ לאַנד, וואָס האָט נאָך נישט קיין נאָמען.

# אין חלום־לאַנד

ווער ווייס, וואָס פילט אַ מענטש בײַ נאַכט, וואָס רעדט צעקרעכצט
פון שלאָף?
וואָס זעט ער דאָרט אין יענעם לאַנד, פון אים אַליין אַנטפּלעקטן,
ווו ס'איז נישטאָ קיין אָנהייב און נישט זײַן וועט שוין קיין סוף,
ווען ברענגען וועט דער טאָג אים צו דער וואָר אַן אויפגעוועקטן?

דער זעלבער מענטש וועט אויפשטיין און וועט זען אַלץ ווידער קלאָר,
דעם נײַעם טאָג באַגעגענען, וואָס איז צום נעכטן ענלעך,
נאָר איצט אין חלום גייט ער אום גאָר אין אַ פרעמדער וואָר
און רעדט צו אונדז פון שלאָף אַרויס מיט ווערטער אומפאַרשטענדלעך.

# די שאָטנס

די שאָטנס זענען פּײַכטע נאָך פאַר נאַכט אויף דר'ערד געלעגן,
ביז פּלוצלונג האָט אַ קאַלטער ווינט דעם ערשטן פראָסט געבראַכט.
בײַ טאָג געלעגן איז די ערד אַ נאַסע נאָכן רעגן,
איצט פרירט זי שוין און אין איר גלאַנץ פאַרפרוירן ליגט די נאַכט.

איצט ליגן שוין די שאָטנס אויך אויף דר'ערד ווי צוגעפרוירן,
עס גליווערן קאַלוזשעס מיט אַ בלויען אײַז באַדעקט,
און נאָר דער ווינט לויפט אום, ווי ער וואָלט עפּעס וואָס פאַרלוירן,
און קען עס נישט געפינען, און ער וואָיעט, און ער שרעקט.

## נאַכטיקער ראַדיאָ

א

אויף כוואַליעס פון דעם ראַדיאָ קומט די וועלט צו מיר צו שווימען,
אַ וועלט אַ נישט-געזעענע, זי רעדט צו מיר, זי רופט
מיט שפּראַכן נישט-פאַרשטאַנענע, מיט פרעמד-צעהילכטע שטימען
וואָס טראָגן זיך צו מיר צו גאַסט אויף כוואַליעס פון דער לופט.

זיי קומען אין מײַן שטוב צו גיין מיט לידער און געשרייען
און פילן-אָן די נאַכט אַרום מיט פרעמדע אומרוּרייד.
וואָס זאָגן זיי? וואָס ווילן זיי? זיי קומען און פאַרגייען
און לאָזן איבער עכאָס נאָר פון אומעט און פון פרייד.

ב

מיט ווײַטן קול גייט-אויף צו מיר פאַרשטיקט דער הייסער אָטעם
פון שוואַרצן קאָנטינענט אין מידער שפּעטקייט פון דער נאַכט.
מיט פײַקל-קלאַפּ, מיט טעמפּן ברום פאַרשטיקטן, וואָס עס האָט אים
דער ראַדיאָ אויף די כוואַליעס זײַנע מיר אין שטוב געבראַכט.

מיר דאַכט, ווי ס׳וואָלט פון דזשאַנגל ווער מיט ריטעם-טריט געטראָטן,
געגנבעט זיך צו מיר אַהער פון ווײַטן, שוואַרצן לאַנד.
מײַן צימער גליווערט, שטום-פאַרהערט, נאָר אויף דער וואַנט אַ שאָטן
ער טאַנצט צום טאַקט, ער טאַנצט צום טאַקט אָן אויפהער, נאָך אַנאַנד.

## אין ספק טאָג און נאַכט

ווען ס'פאַלט די בלויע קילקייט צו פאַרנאַכטיק צו די גראָזן,
דער אָוונט לעשט אין מערב אויס דעם לעצטן ראָזן פלעק
און ליידיק ווערט — דער זומערטאָג האָט שוין די ערד פאַרלאָזן,
די נאַכט איז נאָך נישטאָ, זי האָט פאַרשפּעטיקט זיך אין וועג.

אָט יענעם דעמער האָב איך ליב — אַ הימל נאָך אָן שטערן,
ווען אַלץ אין ספק טאָג און נאַכט שטייט חידושדיק פאַרהערט,
ווען דו קענסט אין דער גרויער שטילקייט פּלוצלונג גאָר דערהערן
דעם קרעכץ פון גראָז, וואָס קריכט אַרויס צום ערשטן מאָל פון דר'ערד.

## אין נאַכט אַריַין אַוועקגיין

אַנטלויפן פון דעם נאַרנדיקן יום־טוב־רויש צעהילכיקט,
פון אויגן לוסטיק־זאַרגלאָזע, פון פריילעכן געזאַנג —
אַוועקגיין אין דער נאַכט אַריַין, ווו איבער דיר צעמילכיקט
דער שטערן־וועג אַ בלייכער טראָגט זיך ערגעץ אין זיַין גאַנג.

אַוועקגיין פון דעם נאַרנדיקן ווערטער־פלייץ און רעדעס,
אין נאַכט אַריַין אַוועקגיין, ווו מיט פּערלדיקן ליכט
דורך שטערן־נעפּלען טריפט אויף דיר די שיַין־אַף אַנדראָמעדאַס,
מיט קילער, שטילער אייביקייט, צעבלייכט אויף דיַין געזיכט.

## ערב פרילינג

אַן אָפּגעבלויזטער בוים, ער טונקלט, שוואַרצט זיך סילועטיק
מיט צוויַיגן הוילע, נאַקעטע, צום הימל אויסגעשטרעקט.
אַרום נאָך ליגט אַ ברודנער שניי — דער פרילינג האָט פאַרשפּעטיקט,
נאָר ס'בוכניען אָן די צוויַיגן שוין מיט קנאָספּן ברוין־באַדעקט.

די שקיעה לעשט זיך פאַרביק־העל — אַ פלאַמיקע פאַנטאַסטיק.
דער בוים ער סילועטיקט מיט די צוויַיגן ווי אַ שפּין.
די נאַכט זי איַילט, אָט לויפט זי אָן, זי פאַלט צו איַיליק, האַסטיק
און שלינגט אַלץ איַין. נאָר מאָרגן פרי דער בוים וועט שטיין שוין גרין.

## ווי כ׳וואָלט גאָר זיך אַליין דערזען

כ׳האָב ליב די נאַכט. דאָס ליכט פון לאָמפּ מאַכט העלער מיך און הײַטער,
מײַן צימער ווערט די גאַנצע וועלט. מײַן לעבן קומט צו גיין
מיט אַלע טעג און נעכט, ווי דורכגעהעלט, אַדורכגעלײַטערט,
און אַלץ ווערט קלאָר, ווי אַלץ וואָלט איך געקענט אויף ס׳נײַ פאַרשטיין.

ווי איך וואָלט גאָר אַדורכגעלעבט צום צווייטן מאָל מײַן לעבן
און אַלץ דערזען גאָר אַנדערש שוין — אַריבער רוים און צײַט.
ווי כ׳וואָלט לעם זיך אַליין אַדורך, אַ פרעמדער גאָר, דערנעבן
און כ׳וואָלט גאָר זיך אַליין דערזען, ווי ערגעץ פון דער זײַט.

## אַ פונק פון ליכט

מיט גאָלד־פונקען די פינצטערניש שוועבט אום פאַר מײַנע אויגן,
מיט גרינע, געלע שטרײַפן לויפט זי אום פאַר מײַן געזיכט,
ווי איך וואָלט פון דעם חושך מיט מײַן בליק אַרויסגעצויגן,
אַרויסגעשאַרט באַהאַלטענע נקודות דאָרט פון ליכט.

און איך דערפיל, אַז אין דעם חושך ליגט אויך דאָרט פאַרהוילן
אַ פונק פון ליכט, אַ טראָפּן שײַן, פון העלקייטן אַ טריף,
וואָס האָט אין ערשטן טאָג, ווען גאָט האָט ליכטיק זײַן באַפוילן,
פאַרבלאָנדזשעט אין דער נאַכט און איז פאַרבליבן אין איר טיף.

## די פינצטערניש

עס טרעפט בײַ נאַכט איך כאַפּ זיך אויף און קען שוין מער נישט שלאָפן,
די פינצטערניש אַרום מיר רוישט מיט ווײַטע עכאָס שטיל.
איך ליג און הער זיך צו — מײַן שלאָף איז אַלץ איינס שוין אַנטלאָפן,
די פינצטערניש זי זשומט, זי ברומט — אַ ווײַטע וואַסערמיל.

ס׳קען זײַן, זי מאָלט אים דורך, דעם טאָג, מיט אַלע פריידן, זאָרגן,
אויף מילשטיינער פאַרהוילענע אין שאָטנדיקער שפּיל,
און ברענגט דעם דורכגעמאָלטן טאָג צוריק צו דעם פרימאָרגן
מיט ערשטן, העלן ליכט, ווי מעל צעשאָטן אויפן דיל.

## עס יערט דער טאָג

די נאַכט איז נאָך נישטאָ, זי האָט זיך אויפן וועג פאַרשפּעטיקט,
די שקיעה לעשט זיך לאַנגזאַם אויס מיט פיאָלעטן ראָז.
די וועלט פאַרטײַעט וואָרט — עס שוואַרצט אַ בוים זיך סילועטיק
און ס׳בלויט די ווײַטקייט נעפּלדיק מיט ערשט-צעגרינטן גראָז.

ס׳איז טונקל שוין, נאָר פול איז נאָך מיט טאָג אין אַלע ווינקלען —
עס עפענען זיך קנאָספּן אויף, באַהאַלטן רוישט די ערד.
ער יערט דער טאָג, ער ליכטיקט נאָך מיט טוויִק-בלויע פינקלען
און ס׳שטייט אין מיטן פעלד אַ שטיין און גליווערט דאָרט פאַרהערט.

## די שבת-לײַכטער

די ליכט דערגייען שוין צום סוף, אויף שאָטנדיקע שטאַפּלען,
די פלעמלעך טאַנצן אויס אַ טאַנץ אַרויף, אַראָפּ אויף ווענט.
די פלעמלעך שפּרינגען אומרויִק, די שאָטנס לויפן, צאַפּלען,
די סאַזשע-קנײטלעך שוואַרצן זיך צעשראָקן, האַלב-דערברענט.

מיט נאַכט איז אַלץ פאַרצויגן שוין — דער טישטעך און די ווינקלען,
ס׳איז זייער שפּעט, די שטילקייט ליגט פאַרדרעמלט אויפן דיל.
און נאָר מיט לעצטן פלעמלטאַנץ, מיט זילבער-קילע פינקלען
די שבת-לײַכטער זינגען אויס אַ ניגון אין דער שטיל.

## דער טאָג האָט אָפּגערוישט

עס טרעפט, דער טאָג האָט אָפּגערוישט, דער טאָג איז שוין אַנטשוויגן,
נאָר אין דײַן אויער ברומט ער נאָך, כאָטש ס׳איז אַרום שוין נאַכט,
אָט ווי עס גייט אַ מאָל דיר נאָך דער עכאָ פון אַ ניגון,
כאָטש אָפּגעשפּילט דער פידל ליגט שוין אין פוטליאַר פאַרמאַכט,

נאָר ס׳ברומט נאָך אַלץ דער ניגון און ער עכאָט אין דײַן אויער,
אַזוי איז אויך דער טאָג, וואָס האָט דיך פריידיק-העל באַגלייט —
ער לעבט אין דיר, ער זינגט אין דיר, זײַן עכאָ אַלץ נאָך דויערט,
כאָטש ס׳האָט די נאַכט באַהאַלטן אים, פאַרמאַכט אים אין איר שייד.

# אין גורלדיקן קלעם

## אויף דעם שאָכברעט פון מײַן לעבן

כ׳האָב ערגעץ־ווו געוווינען, איך האָב ערגעץ־ווו פאַרלאָרן —
און אויף דעם שאָכברעט פון מײַן לעבן שטיי איך אין דער מיט.
איך בין אַליין אין עמעצם הענט אַ שאָך־פיגור געוואָרן —
דער גורל שפּילט מיט מיר, קען זײַן, זײַן גרויזאַמען גאַמביט.

דאָס פירט ער מיך, דער גורל, אויף דעם שאָכברעט פון מײַן לעבן
דורך שוואַרץ און ווײַס ער פירט מיר אַלץ צו זײַן באַשטימטן ציל,
ביז ערגעץ בײַ אַ גאַנג־ווו וועט ער פּלוצלונג מאַט מיר געבן,
ווו ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג שוין — געענדיקט איז די שפּיל.

## דער דריטער וועג

עס האָט דער גורל מיך געפירט גאָר מיט אַ וועג אַ דריטן,
געפירט מיך דורכן לעבן מיט אַ ניגון פון אַ ליד —
נישט מיט דעם ערשטן, קלאָרן וועג — דעם וועג פון דעם געניטן,
נישט מיט דעם וואַקל־וועג — דעם צווייטן, פול מיט בלאָנדזשענדיקע טריט.

נאָר ס׳האָט דער גורל מיך געפירט גאָר מיט אַ וועג אַ דריטן,
אַ וועג אָן אַנדערער וואָס ציט זיך נישט דורך צײַט און אָרט,
וואָס אַלע גייערס האָבן אים אין גאַנצן אויסגעמיטן —
דער סודותפולער וועג, וואָס ליגט אויף יענער זײַט פון וואָרט.

## דער דיכטער ווייסט באַציַיטנס

דער אמתדיקער דיכטער ווייסט שוין אַלצדינג לכתחילה,
ער דאַרף נישט וואַרטן יאָרן לאַנג — זיַין אַנונג איז געַנוג.
די ווערטער ציַיטיקן אין אים, כאַטש טונקעלע נאָך, שטילע,
און קומט די וויַיל — זיי וועלן אויפגיין ריַיפע, בלענדיק־קלוג.

דער דיכטער טראָגט באַציַיטנס אום די חכמה שוין פון ש פ ע ט ע ר,
דעם זקנם שׂכל העלט אין אים שוין ריַיף צו א כ צ ן י אָ ר,
ווי ס׳וואָלט די אייביקייט געטריבן אים צו ווערן איר פאַרטרעטער —
צו קענען זען באַציַיטנס שוין די קומענדיקע וואָר.

## גורל־איבערחזרונג

דער דורכגעגלבטער אומעט פון די גראָבע פאַליאַנטן
באַהאַלטן טראָגט שוין אום אין זיך אויף פאַרמעטענער הויט,
די גורל־איבערחזרונג, דעם גאַנג דעם גוט־באַקאַנטן
פון פרייד און פון פאַרגענגלעכקייט, פון אויפקום און פון טויט.

נאָר ס׳רעדט פון דאָרט שוין אויך אַרוים מיט שטימען נישט־געהערטע
דורך די באַצירטע אותיות, וואָס קוקן פלומרשט שטום,
דאָס קומענדיקע, נישט באַקאַנטע נאָך, נאָר שוין באַשערטע —
די שטויביקע אומהאַפּטיקייט פון פאַלשער לויב און רום.

## אַ דורותדיקער שריַי

וואָס האָט מיך בײַם געבורט באַגעגנט דאָן צום ערשטן מאָל —
מיַין אייגענער געשריי, צי דער געשריי גאָר פון מיַין מאַמען?
זיי הילכן ביידע אָפּ נאָך איצט באַהאַלטן אין מיַין קול,
זיי האָבן זיך פאַרקניפּט און כ׳טראָג זיי ביידן אום צוזאַמען.

מיַין מאַמעס ווייגעשריי אין יענער פּיַינלעכער מינוט,
קען זיַין, געווען דער זעלבער איז, ווי מיַינער בײַם געבוירן,
אַזוי האָב איך געירשנט אים און טראָג אום אין מיַין בלוט —
אַ דורותדיקן שריַי, וואָס ליגט אין בלוט ביַי מיר פאַרלוירן.

## דורך זיך אַליין

דו מוזט דורך זיך אַליין דערזען דעם פרעמדן, גרויסן דרויסן,
זיך אויסלערנען צו דורכשפּיזן דײַן בליק דורך זיך אַליין,
צו קענען ערשט דורך זיך דערזען, וואָס מענטשן זענען אויסן,
די גאַנצע וועלט באַנעמען דורך דײַן אייגענעם געביין.

צו קענען דורך דײַן אייגן קול די שטים פון וועלט דערהערן,
איר אומעט צו דערפילן דורך דײַן אייגענעם געוויין,
די שטומקייט פון דעם גרויען שטיין, דעם ציטער־ווונק פון שטערן
אַדורך דײַן אייגן צאַפּל ערשט צו קענען זיי פאַרשטיין.

## עס זײַנען הויך די טרעפּ

עס זײַנען הויך די טרעפּ צו יעדער, פרעמדער טיר
און שווער איז זי, די טיר, — זי וואַרט נישט אויף דײַן קומען.
אַ גלײַכגילטיקע גלאָצט זי אויף דײַן האַנטבאַריר
און וועט זיך אויפמאַכן מיט קאַלטן בייזן שטומען.

עס זײַנען הויך די טרעפּ צו יעדער, פרעמדער שוועל
און הויך איז זי, די שוועל, נאָך העכער פון די שטיגן.
זי האָט דעם וועג פאַר מיר נישט איין מאָל שוין פאַרשטעלט
מיט קאַלטן גלײַכגילט און פאַרפירערישן ליגן.

## מײַן לעבן איז אַ שמאָלע גאַס

מײַן לעבן איז אַ שמאָלע גאַס, אַ גאַס פון נאָר איין ריכטונג —
איך קען נישט גיין צוריק צומאָל, נישט גיין וווּהין איך וויל.
און נאָר אין ליד בײַ זיך, קען זײַן, דורך שורות פון מײַן דיכטונג,
קען איך אַרומגיין פראַנק און פרײַ — בין איך דער האַר פון שפּיל.

און אפשר דאַכט זיך מיר נאָר אויס, און ס'איז אומזיסט מײַן גבורה —
אויך נישט אין ליד בין איך דער האַר, וואָס זוים געננוי דעם וועג —
אַ שקלאַף בין איך, פאַרקלעמט, געפאַנגען אין דער שטײַג פון שורה
און נישט איך קען אַרויס פון איר, און נישט איך קען אַוועק.

## ערגעץ זײַנען מיר אין מיטן

ס׳איז נישטאָ קיין סוף, קיין אָנהייב, ערגעץ זײַנען מיר אין מיטן,
אין אַ בלינדן קרײַז פאַרשלאָסן, פול מיט לויערדיקן סוד.
ווער עס האָט מיט פרייד פאַרשפּילט זיך, ווער עס האָט אין שטיל געליטן —
ערגעץ וועלן מיר זיך טרעפן, מײַדן וועט זיך אונדזער טראָט.

ערגעץ זײַנען מיר אין מיטן, פון געבורט נאָך, פון דעם וויגל,
ס׳ווייס נישט קיינער — וואָס איז אָנהייב, ס׳ווייס נישט קיינער — וואָס איז סוף,
נאָר מיר טרעפן זיך און מײַדן אין דעם כּישופדיקן עיגול,
אונטערטעניק, ווי באַצוווּנגען פון אַ מוראדיקער שטראָף.

## איך וואַרט נאָך ווו פאַרשטעלט

ס׳קען זײַן, אַז איך בין נאָך נישטאָ, נאָר מײַנער אַ פאַרטרעטער
גייט גאָר אַרום — ער רעדט פאַר מיר, ער וויינט פאַר מיר און לאַכט,
נאָר איך אַליין בין נאָך נישטאָ — איך דאַרף נאָך קומען שפּעטער,
עס וואַרט נאָך ווו מײַן ערשטער טאָג, עס וואַרט מײַן ערשטע נאַכט.

דערווייל גייט ע ר אַרום, נישט איך — אַן אַנדערער, דאָס גייט ער
מיט מײַנע טריט, מיט מײַנע אויגן קוקט ער אויף דער וועלט.
ער זעט פאַר מיר, ער הערט פאַר מיר, נישט איך בין עס — אַ צווייטער
און איך אַליין בין נאָך נישטאָ — איך וואַרט נאָך ווו פאַרשטעלט.

## אין רויש פון גאַס

טאַרפּעדאָ־שאָס, ראַקעטען־פּלי צו שטערן,
אַ שפּרונג צו דער לבנה און צום מאַרס...
און אין דעם בלענד פון ליכטער און לאַמטערנס,
אין רויש פון גאַס און אין דעם פלייץ פון קאַרס

שטיי איך אַליין מיט אַ צעבלייכטן פּנים,
אַליין אין נאַכט מיט אומעט און מיט ווײ,
און קען זיך אַלץ נישט אין דעם רויש דערמאָנען
פון וואַנען קום איך און וווּהין איך גיי.

## אָדמס טרויער

פון אַלע פרויען שמעקט נאָך אַלץ דער עפּל פון גן־עדן,
פון אַלע פרויען ווינקט נאָך אַלץ דאָס כיטרע אויג פון שלאַנג.
די פרילינגנאַכט זינגט אוים אַ ליד פון זיי, פון ביידן —
דאָס אייביקע, דאָס אוראַלטע געזאַנג.

פאַרמאַכט פאַר אונדז איז לאַנג שוין יענער וווּנדערלעכער טויער,
מיט פײַערדיקע שווערדן האַלטן כּרובים אים פאַרשטעלט,
נאָר ס'זינגט נאָך אַלץ אין מײַנע בלוטן אָדמס טרויער
איבער אַלע דורות פון דער וועלט.

## די אייביקייט

די אייביקייט געווען איז פריִער און וועט זײַן נאָך שפּעטער,
און איך בין אין דעם דויער אירן ערגעץ אין דער מיט.
מיט פרילינגבליט פאַרשאָטן און מיט האַרבסטיק־געלע בלעטער —
מײַן גאַנג אין לעבן זינג איך אוים מיט דרײַסטע, שטאָלצע טריט.

אַזוי בין איך פון אייביקייט דאָ איצטער איר פאַרטרעטער,
דאָס האָט זי מיר אַרויסגעבליצט צוזאַמען מיט מײַן ליד.
און איך, איך האָב געהויבן זיך, איבער צײַט געקלעטערט,
און האָב די קאַלטע אייביקייט מיט וואָרט אַדורכגעגליט.

# אַ וואַנדערער

מיט פֿײַערדיקע שווערדן די מלאכים
זיי היטן דעם גן־עדן אָפּ פֿאַרמאַכט.
אַרויסגעיאָגט אין גרויען אינדערוואַכן
איך האָב געבלאָנדזשעט אין אַ פֿרעמדער נאַכט.

איצט וואָגל איך נאָך אַלץ אַרום אַ מידער,
אַ וואַנדערער אויף פֿרעמדער, קאַלטער ערד —
און ס׳בלענדט נאָך אַלץ דורך אַלע מײַנע לידער
דער פֿײַערפֿאָך פֿון אויסגעשטרעקטער שווערד.

# די ערשטיקע אַנטפּלעקונג

אין יעדן קלענסטן קעמערל פֿון גוף לעבט אַ זכּרון,
אַן אייגענער זכּרון, וואָס באַהאַלט זיך אוים פֿאַרשטעלט.
ער טראָגט דאָרט אַלע סודות אום: די ווײַל פֿון דײַן געבאָרן,
דײַן ערשטיקע, מיט פֿאַרב און קלאַנג, אַנטפּלעקונג פֿון דער וועלט.

דײַן יעדעם פּיצל לײַב טראָגט יענע זעונג אום פֿאַרבאָרגן,
און ווען אין דײַן געדעכעניש ליגט אַלץ פֿאַרשטומט שוין, טויט,
טראָגט אום נאָך דער זכּרון פֿון דײַן לײַב אַלץ יענעם מאָרגן —
די ערשטיקע אַנטפּלעקונג פֿון אַ וועלט נאָך העל צעבלויט.

# די זעלבע שטערן

איך בין דער יורש פֿון אַזוי פֿיל שפּראַכן און קולטורן,
פֿון צענדליקער יאָרהונדערטער, וואָס לאַסטן אויף מײַן גוף.
פֿון אַלע דורות טראָג איך אום די ווייטיקלעכע שפּורן,
דורך אַלע שפּראַכן הער איך נאָר אַ יאָמערלעכן רוף.

וואָס קען איך נאָך אַפֿילו איצט דורך ווײַטקייטן נישט הערן —
אי הבֿלים לעצטן ווייגעשריי, אי קינס ווילדן ברום,
און נאָך מיליאָנען נעכט צו זען נאָך אַלץ די זעלבע שטערן,
וואָס האָבן אַלץ פֿאַרנומען דאַן אי גלײַכגילטיק, אי שטום.

## דעם מענטשנס גאַנג

דורך אַלע טײַכן שווימט נאָך אום די מענטשלעכע געשיכטע,
זי ליגט נאָך ערגעץ־ווו באַהאַלטן אויף דער דעק פון ליים,
דעם מענטשנס עבר טונקלט זיך אין וועלדער נאָך געדיכטע,
זיי שאָטענען אין אַלטן מאָך פאַרהוילן דאָרט געהיים.

דעם מענטשנס גאַנג ליגט אומעטום, כאָטש ס׳זעט אַ מאָל נישט קיינער,
למראית עין דאַכט זיך אוים — אַרום איז ליידיק, פּוסט,
נאָר ס׳ליגט באַהאַלטן אומעטום — אין שטויב, אין זאַמד, אין שטיינער
דעם מענטשנס גאַנג, זײַן אימפּעט־דראַנג, זײַן אומעט און זײַן גלוסט.

## דו קענסט נישט קומען

דו קענסט נישט קומען קיין מאָל צו דער אייביקייט מיט גאָרנישט,
דו קענסט מיט פּוסטן קיין מאָל נישט אַריבערגיין איר שוועל.
דײַן גאַנצע וואָר די זיכערע איז דעמאָלט מער קיין וואָר נישט
און דײַנע טרוימען פּלומרשטע צערינען וועלן שנעל.

ס׳מוז ערגעץ זײַן אַ פונק אין דיר, אַן אָפּשײַן פון התגלות,
וואָס זאָל דורך דײַן טאָגטעגלעכקייט באַלײַכטן דיר דעם וועג,
אַז ס׳זאָל דיך נישט אַ מאָל מיט פאַלשע, נאַרנדיקע כוואַליעס
די פינקלענדיקע וואָכיקייט אַראָפּשווענקען צום דעק.

## ס׳איז אַלץ אין דיר

ס׳איז אַלץ אין דיר, עס לעבט אין דיר, נאָר ערגעץ־ווו באַהאַלטן,
עס וואַרט אין דיר און ס׳רײַפט אין דיר, דערווײַלע נאָר פאַרשטעלט,
און ווי אַ פלאַנץ קען דורכרײַסן אַ פעלדז און אים צעשפּאַלטן,
אַזוי וועט אויך זיך דײַן געדאַנק אַדורכרײַסן צעהעלט.

ס׳איז אַלץ אין דיר, עס וואַכט אין דיר, נאָר דאַרפסט געדולדיק וואַרטן,
ווי ס׳וואַרט אַ זוים, וואָס ווינטערט אין אַן ערדיש־טיפן שיכט
און אויפגיין וועט אין פרילינג דורך דעם גרונט דעם פעלדזיק־האַרטן,
אַזוי וועט דײַן געדאַנק אין וואָרט אויך אויפגיין פול מיט ליכט.

# טויט און לעבן

טויט און לעבן, טויט און לעבן — איבער מילכוועגן פאַרלוירן,
איבער ווײַטקייטן אומענדלעך גייט דער קאָסמישער באַלעט.
וועלטן קומען און פאַרגייען, ווערן אויף דאָס נײַ געבוירן,
עמעץ זינגט נאָך און פאַרוויגט מיך: — ס׳איז נישט שפּעט נאָך,
ס׳איז נישט שפּעט! —

ס׳ווירבלען שאָטן־סילועטן, דורכגעשטראַלטע ווײַסע פלעקן
שווימען דורך אין רויטן טונקל מיט אַ שׂריפהדיקן גלאַנץ.
עמעץ זינגט נאָך און פאַרוויגט מיך, עמעץ פּרוּווט פון שלאָף מיך וועקן —
טויט און לעבן, טויט און לעבן גייען איבער מיר אַ טאַנץ.

# אויף אַלע וועגן

דער מענטש באַהאַלט זיך אויס ווי אָדם אין גן־עדן,
אַ זינדיקער אַנטלויפט ער פאַר דער שטים פון גאָט.
דורך אַלע שפּראַכן פּרוּווט ער אַ פאַרשטעלטער ריידן
און יעדעס וואָרט טראָגט אום זײַן נאַרנדיקן סוד.

קיין עלדאָראַדאָ, קיין נירוואַנאַ, צי קיין מעקאַ —
אויף אַלע וועגן ווו דער מענטש לויפט אום פאַרשטעלט,
דורך יעדעס וואָרט זײַנם שרײַט אים גאָט אַלץ נאָך: — איכּה? ! —
און ער, ווי אָדם, לויפט צעשראָקן אין דער וועלט.

# אין פּישוף־קרײַז

מיר ראַנגלען זיך, מיר זײַנען אַלע אימהדיק פאַרשלאָסן
אין כּישוף־קרײַז פון גורל און מיר קענען נישט אַרויס.
געפאַנגענע פון צײַט, פאַריאָגט, פאַרקלעמט פון וואָג און מאָסן —
מיר ווייסן אַלץ נאָך נישט געניו וואָס קליין איז און וואָס גרויס.

מיט ספקות איבערפילט און מיט פאַרחידושטע פאַרוואָסן —
מיר וואַרטן אויף דעם קץ אַלץ, אויף דעם ריכטיקן באַשייד,
און וואַרגן זיך מיט עוולות און מיט קליינלעכע פאַרדראָסן,
און טראָגן אונדזער שרעק פאַרשטעלט מיט פאַלש־געמאַכטער פרייד.

## זיי ווערן איינס

די וועלט, וואָס איך האָב אויסגעוויילט — פון זעונג און פאַרטראַכטונג —
דאָרט קען דער שׂכל און אַנטפּלעקונג גיין אַ מאָל געפּאָרט,
דאָרט קענען זיך צוזאַמענקומען ליבע און פאַראַכטונג,
זיך טרעפן און פאַרבלײַבן שוין פאַרקניפּט בײַ מיר אין וואָרט.

די וועלט, וואָס איך האָב אויסגעוויילט — דאָס איז אַ וועלט פון סתירות,
און איך אַליין פאַרפלאָכטן בין מיט זיי דאָרט אין דער מיט,
ווו יעדע סתירה, קען דאָך זײַן גאָר נאָר אַ טייל פון מיר איז —
זיי קומען זיך צונויף און ווערן איינס בײַ מיר אין ליד.

## צוויי געשטאַלטן

כ׳בין פול מיט פרייד און ליב האָב איך גאָר אומעטיקע מענטשן.
עס בלויט אין מיר, עס בליט, נאָר איך בין גאָר אין האַרבסט פאַרליבט.
און פײַנט האָב איך, און ליב האָב איך, כ׳קען שילטן און כ׳קען בענטשן —
ס׳איז אַלץ אין מיר ווי אויסגעמישט, פון קינדווײַז נאָך פאַרקניפּט.

אַזוי גייט אָן אין מיר אַ שטרײַט, ווי ס׳וואָלט אין מיר באַהאַלטן
געראַנגלט זיך דאָרט טאָג מיט נאַכט, דער אומעט מיט דער פרייד,
ווי ס׳וואָלטן טיף אין מיר געלעבט אין איינעם צוויי געשטאַלטן,
ווו איינער וואָלט דעם צווייטן דאָרט אין שותּפות־שפּיל באַגלייט.

## ווי שווער איז די געבורט

ווי שווער איז די געבורט. די קנאָספּן קוועלן אָן מיט ווייען,
ווי בײַלן אָנגעשוואָלענע זיי גרינען אין פאַרטאָג.
אָט וועלן זיי באַלד אויפפּלאַצן מיט בליִעכץ ווי געשרייען,
מיט ראַז, מיט ווײַס צעדופּטיקטן וועט אויפגיין זייער קלאָג.

די וואָרצלען רײַסן קראַמפּיק זיך דורך שטייניק־האַרטע גרונטן,
זיי זאַפּן דאָרט די זאַפּטן אײַן, זיי ציִען זיי אַרײַן.
ווי ווייטיקלעך איז די געבורט. אין פרילינגטאָג צעזונטן
שרײַט אויס דער בוים מיט בליטן אַ צעוווּנדיקטער זײַן פּײַן.

## די וועלט אַרום

די וועלט אַרום פֿאַרטײַעט לויערט גײַציק פֿול מיט תאווה.
די קנאה־שׂנאה שרײַט אַרויס מיט איר פֿאַרשטיקטן קול.
אַ קרומער באַרג, אַ הויקער, קוקט מיט גדלות, פֿול מיט גאווה,
פֿון דר'הייך אַראָפּ פֿאַרריסן צו דעם שפּלדיקן טאָל.

דער הויכער דעמב קוקט שטאָלץ אַראָפּ מיט ביטול צו די גראָזן,
וואָס שאָרכן בײַ זײַן שטאָם צופֿוסנס, קוים, נאָר קוים געהערט.
כאָטש ס'וועט דער האַרבסט אויך זײַנע בלעטער ווינטיק־בייז פֿאַרבלאָזן
און וואַלגערן זיי וועלן ווי די גראָזן זיך אויף דר'ערד.

## ווי קען איך וויסן

ווי קען איך וויסן, צי עס וועט מײַן האַרץ מיך נישט פֿאַרראָטן,
צי נישט פֿאַרפֿירן וועט מיך מײַן געדאַנק מיט פֿאַלשע רייד.
עס קלאָגט מײַן לעבן ערגעץ אין אַ טאָג אַ נישט־געהאַטן,
עס וויינט מײַן בענקשאַפֿט ערגעץ אין אַ בלינדער נאַכט, אָן פֿרייד.

עס האָט דער אומרו־שטורעם מיך פֿון נאַכט צו נאַכט געטריבן.
די בענקשאַפֿט האָט פֿון טאָג צו טאָג מיט אימפּעט מיך געיאָגט.
ווי קען איך וויסן, ווו בין איך, אין וועלכער נאַכט פֿאַרבליבן,
אין וועלכן טאָג, וואָס איך געדענק נישט, ווען ער האָט געטאָגט.

## ס'קען זײַן

ס'קען זײַן, עס ליגט אין בלוט בײַ מיר אַ מוזיקער באַהאַלטן,
אַ שפּילער, מיט די פֿינגער אויסגעבענקט נאָך אַ קלאַוויר,
אַ קלעזמער אפֿשר, וואָס וועקט אויף אין דעם טרומייט דעם קאַלטן
דעם גאָרגלענדיקן מעש מיט היים־צעאָטעמטן באַריר.

אין מײַנע נעכט ווען איך ווער גאָר אין שלאָף אַ מאָל אַ צווייטער,
ווען לעכצונגען פֿאַרשטיקטע גייען אויף אין מיר דערוואַכט,
שפּיל איך מײַן בענקשאַפֿט אויס דאָרט אויף אַ שטראַליקן טרומייטער,
וואָס פֿלייצט מיט מעש צעזוניקטן אין אומעטיקער נאַכט.

## ס'איז דאָ אַ ווײַל

ס'איז דאָ אַ ווײַל — אַן אויפבליץ, וואָס געפינט אין דיר אַ תּיקון,
זי האָט פון שטראָם פון אייביקייט דורך דיר אַדורכגעהעלט
דורך דײַן געדאַנק, דורך דײַן געפיל, דורך דײַנע נײַגער־בליקן,
אַז דו זאָלסט קענען זען דורך איר דעם פּנים פון דער וועלט.

די וועלט באַהאַלט איר פּנים אין דעם שוּיבערדיקן קאָלטן
פון וואַכיקער טאָגטעגלעכקייט — זי האַלט אים שטרענג פאַרשטעלט.
נאָר קומט אַ ווײַל ווי ס'וואָלט אַ בליץ די נאַכט אַדורכגעשפּאָלטן —
און דו דערזעסט דעם פּנים דעם אַנטפּלעקטן פון דער וועלט.

## נאָך קינדווײַז

איך האָב געוווּסט פון פריִער שוין דאָס אַלץ וואָס איך ווייס איצטער,
ווי אַלע שורות אָנגעשריבן וואָלט איך נאָך אַ מאָל,
ווען ס'האָבן ווערטער בלענדיקע אין בלוט אַדורכגעבליצט מיר —
נאָך קינדווײַז, ווען ס'האָט שטאַמלענדיק געקלונגען נאָך מײַן קול.

זיי זײַנען נאָר פאַרשטעקט אין מיר געלעגן אָט די ווערטער,
צעשאָטענע, צעוואָרפענע געוואָרט אין מײַן געמיט —
איצט קלײַב איך נאָר צונויף זיי, אָט די שורות די באַשערטע,
איך זאַמל זיי צונויף איצט און זיי גייען־אויף אין ליד.

## דער סאַקסאָפאָן

מיט אײַליקע סינקאָפּן שפּרינגט דער סאַקסאָפאָן אַרום,
זיגזאַגעדיק מיט שטילן כליפּ צעגאָרגלט און צעציקלט,
אַ קלאַרינעט לויפט אום אין ניגון זײַטיקלעך און קרום,
זיי טרעפן זיך און ווערן איינס, ווי אין אַ טאַנץ פאַרוויקלט.

די פּויק לויפט זיי אַנטקעגן מיט אַ שווערן דונער־קנאַל
און שיט פונאַנדער פּלוצלונג זיך מיט דראָבנע רעגן־טראָפּנס —
אַ האַרבסטיקער געוויטער וויינט מיט ערשטן בלעטערפאַל
און ס'לויפט דער סאַקסאָפאָן אים נאָך מיט אײַליקע סינקאָפּן.

## דאָס גייט די צײַט

די צײַט, זי שפּרײַזט מיט הילכנדיקע טריט —
אַט וויינט אַ קינד, אַט הערסטו אויטאָס פאָרן,
אַ רעגן רוישט, אַט זינגט מען ווו אַ ליד —
דאָס גייט די צײַט מיט רגעס, טעג און יאָרן.

דאָס גייט די צײַט. דער רויש דאָס איז איר גאַנג,
ס'איז נישט קיין ליד, נישט סתם געוויין, געשרייען —
דאָס רוישט די צײַט. דו הערסט אין יעדן קלאַנג
ווי אירע טריט זיי קומען און פאַרגייען.

## דער זייגער פון מײַן לעבן

דער זייגער פון מײַן לעבן קלאַפּט פאַרשטעקט אין מײַנע בלוטן —
דער פּולס ער ציילט, ער רעכנט אויס דעם צאַפּל פון מײַן גוף.
ער האַלט דעם חשבון און ער ציילט צום שלעכטן, ווי צום גוטן,
ווי ס'וואָלט אַ יעדער קלאַפּ געווען אַ וואָרנענדיקער רוף.

ער טראָגט דעם סוד פון לעבן אום מיט ריטמישע טיק-טאַקן,
וואָס הילכן ווי די עכאָס אָפּ פון וועלטאַלס ריטעם-גאַנג,
ביז ס'וועט אַ מאָל דער זייגער זיך אין קרײַז-געלויף פאַרהאַקן
מיט צאַפּל פון אַ לעצטן, נישט-פאַרענדיקטן פאַרלאַנג.

## דער אָטעם פון קלאַוויר

דער אָטעם פון קלאַוויר שוועבט אום צוזאַמען מיט די קלאַנגען,
דערפילסט אים ווינטיק אויף דײַן פּנים, שפּירסט אים אויף דיין הויט,
ווי אין זײַן ברום געטראָגן וואָלט ער עכאָדיק געפאַנגען
דעם פליסטער-שאָרך פון גורל-גאַנג, דעם שאָטן-שאָרך פון טויט.

דער אָטעם פון קלאַוויר שוועבט אום אין דעם געפלעכט פון ניגון,
אין נאָכקלאַנג פון די טענער מיט אַן עכאָדיקן ברום,
ווען גוססדיק דער לעצטער קלאַנג ווערט ציטערדיק אַנטשוויגן
דערפילסטו אים אַ ווינטיקן — ער פלאַטערט נאָך אַרום.

## פון ווײַטע נעכט אַ גרוס

מיט הייסע עכאָס רוישיקע נאָך הילכן אין די בלוטן
די לײַדנשאַפטן טונקעלע — פון ווײַטע נעכט אַ גרוס.
זיי טויכן אויף מיט אויפגעבליצטע רגעס און מינוטן,
מיט בענקשאַפט נישט געזעטיקטער, מיט נישט געשטילטער גלוסט.

דערווירבל פון די לײַדנשאַפטן טונקעלע, וואָס קנוילן
אין אומרו־לויף פון בלוטן — אַ פאַרבראַשיתדיקער ווינט,
וואָס האָט געשוועבט נאָך נאַכטיק ווען אין פאַרבאַשאַף אין הוילן
איז נישט געווען קיין פּנים נאָך און נישט געווען קיין זינד.

## אַ ווײַטע וועלט

ס'איז שפּעט בײַ נאַכט, איך שלאָף נאָך נישט. איך ליג און מײַן געהער
איז פול מיט קלאַנגען רוישיקע, וואָס קומען־אָן און שווימען
צעגלעקערטע, מיט שטורעם־ברום, ווי אויפגעוויכערט שווער,
זיי טויכן־אויף און הילכן אָפּ מיט ווײַטע, טעמפּע שטימען.

מיר דאַכט זיך אױס: אַ ווײַטע וועלט אין קאָסמאָס שרײַט צעברומט,
אַ וועלט, וואָס האַלט אין ווערן איצט, אין בראַשית־פּײַן זי הויערט,
זי ראַנגלט זיך אין איר געבורט — אָט גייט זי אויף, זי קומט,
און איר געשריי דורך ווײַטקייטן איך הער מיט וואַכן אויער.

## די שפּיל

דער מענטש הייבט אָן זײַן לעבנס־גאַנג מיט צאַצקעס און מיט שפּילן,
ס'קען זײַן, אַז אָט די שפּיל אים ביז צום לעצטן טאָג באַגלייט —
דאָס פּרוווט ער אפשר אַלץ די זעלבע גלוסטונג שפּעטער שטילן
מיט ליבע, מיט חלומות און מיט אויסגעטראַכטע רייד.

דער זומערטאָג דער גאָלדענער, די ווינטערנאַכט די ווײַסע,
די שקיעה־שײַן די פאַרביקע און דער פאַרטאָג צעבלויט —
זיי זײַנען אַלע שפּילצײַג פון אַ וווּנדערלעכער מעשׂה,
וואָס גייען נאָך דעם מענטשן און באַגלייטן ביז צום טויט.

## אַלץ געדענקט

אַ יעדע צעל פֿון גוף טראָגט אום אין זיך אַליין אַ ווייטיק,
וואָס זי אַליין געדענקט עס נאָר — זי טראָגט עס אום פֿאַרשטעלט.
דער שטיין אין פֿעלד אַפֿילו, קען דאָך זײַן, געדענקט דעם שניי־טאָג
וואָס האָט אין אים אַרײַנגעגליט צעפּראָסטיקט מיט זײַן קעלט.

אַ יעדע זאַך באַהאַלט אין זיך מיט דרויסנדיקן שווײַגן
זײַן טאָג און נאַכט, זײַן ראַנגלען זיך, זײַן נישט־אַנטפּלעקטן ווײ.
און ס'טראָגט דער פֿרילינגבוים אין זיך, מיט גרין פֿון זײַנע צווײַגן,
די שטומע פּײַן פֿון קנאָספּ־געבורט, פֿאַרקריצט ווי אַ געשרײ.

## פֿון טיר צו טיר

מיר דאַכט, אַ יעדן טאָג צי איך אַרויס זיך פֿון מײַן לעבן
און צי אַרײַן זיך אין אַ טאָג, וואָס איז אַן אַנדער וועלט,
און כ'וואַרט אַזוי, אַז אָט וועט מען דעם שליסל באַלד מיר געבן
צו יענער טיר, וואָס שטייט פֿאַרמאַכט און סודותפֿול פֿאַרשטעלט.

אַזוי גיי איך פֿון טיר צו טיר דורך טעג און דורך מעת־לעתן,
און יעדעס מאָל גייט נאָך מיר פֿול מיט אומרו אַ פֿאַרדאַכט,
ווי כ'וואָלט אין צימער פֿון מײַן נעכטן עפּעס וואָס פֿאַרגעסן
און כ'ווייס נישט וואָס, ס'איז אַלץ איינס שפּעט — די טיר שטייט שוין פֿאַרמאַכט.

## די פֿינקל־רגע

אין יעדן זייפֿנבלאָז גייט אויף אַ שימער־רעגנבויגן,
וואָס מיניעט זיך מיט פֿאַרביקן, מיט פּישופֿדיקן גלי —
איך האָב פֿון קינדווײַז אים באַגלייט מיט בענקענדיקע אויגן,
כאָטש יעדעס מאָל האָב איך געזען — אָט פּלאַצט ער אין זײַן פֿלי.

איצט ווייס איך שוין, אַז מיר איז נאָר די פֿינקל־רגע טײַער,
אַז ס'איז דער פֿאַלנדיקער שטערן מיט זײַן שימער־שײַן
מיר נענטער און מיר ליבער פֿון דעם צאַנקענדיקן פֿײַער,
וואָס קען אַזוי זיך טליִען ביז אין אייביקייט אַרײַן.

## די קרוין פון יצירה

דער תּוהו ובהו געוואָרט האָט אין חושך אויף דיר, אויף דײַן וואָרט,
אויף דײַן בראשית, באַשעפער —
אַז פאַרב זאָל זיך ווײַזן, אַז קלאַנג זאָל זיך הערן, אַז פליִיצן דײַן וואָרט
זאָל מיט שטראָמען פון ליכט,
אַז קומען דער מענטש זאָל — די קרוין פון יצירה. פון ערדישן טונקל,
פון גליווער פאַרשלעפערט
זאָל אויפגיין זײַן אָטעם מיט אומרו און בענקשאַפט, מיט אָפּבילד מיט
געטלעכן אויף זײַן געזיכט.

איז שטיי איך דאָ איצטער דער יורש פון דורות, אָט שטיי איך פאַר דיר
דאָ — דײַן קרוין פון יצירה!
צי הערסטו מיך איצטער דורך בלוט און דורך טרערן, צי הערסטו מײַן
שטימע אין נאַכט פון פאַרלענד?
צי האָסטו מיך ערגעץ אין אין־סוף פאַרלוירן און הערסט נישט מײַן תּפֿילה,
פאַרנעמסט נישט מײַן שירה,
ווי דו וואָלסט פאַרגעסן אָן מיר גאָר, באַשעפער, אין לויב פון די וועלטן,
אין אייביקייטס־בלענד.

## ווער ווייסט

ווער ווייסט פון אונדזער זײַן דעם זין, פון אונדזער גורל־גאַנג דעם עיקר,
וואָס ווייסט דער שׂכל צי געדאַנק, וואָס קען באַנעמען דאָס געפיל?
ס'איז נאָר איין וועג אין לעבן דאָ — דער וועג, וואָס האָט נישט קיין
צוריקקער,
און ס'וועט אומזיסט זײַן דער פאַרלאַנג, וואָס איז אָן אויסדאַכט נאָר
אין שפּיל.

און אפשר קען גאָר זײַן — די שפּיל, וואָס איז אי טראַגיש און אי קאָמיש,
אַז זי אַליין איז גאָר דער תּכלית, זי אַליין איז גאָר דער ציל!
און ס'וועט דער לעצטער אַקט גאָר זײַן — דער פאַרהאַנג פאַלן וועט
אַטאָמיש
און ס'וועט שוין דאָרטן גאָרנישט זײַן מער — נישט דער גאַנג און נישט
די שפּיל.

## מ י ר

מיר לעבן עלנט ערגעץ־ווּ, אין גײַסטיק־פרעמדע פאַרשטעט,
מיט מידע, שפּעטע באַנען קומט צו אונדז די לעצטע נײַעס
און מיר, מיט אויגן גיריקע אויף מאַפּעס נישט־געפאַרשטע,
פאַרנאַרט מיר זוכן אוצרות נישט־אַנטפּלעקטע נאָך פון גײַסט.

די אומעט־פאַרשטעט וועלן בלינד מיט שאָטן־נעכט פאַרוואַקסן,
די פאַלשע אוצרות וועלן פינקלען נאַרנדיק מיט גלאָז,
אין קאָסמאָס וועלן ווירבלען בלוי־צענעפּלט די גאַלאַקסעס
און איבער אונדז צעגרינען וועט די ערד זיך פריש מיט גראָז.

## דער עכאָ פון אַ וואָרט

אין אַלע האַפנס שוועבט אַרום דער ווײ פון זיך צעשיידן,
דאָרט ווינטיקן פאַרנאַכטן מיט דעם עכאָ פון אַ וואָרט —
דאָס לעצטע וואָרט פון עמעצן מיט שטומען נישט־דעררײדן,
וואָס ס'האָט אַ שיף אַוועקגעפירט אויף שטענדיק פון דעם פּאָרט.

אַוועקגעפירט און הינטער זיך געלאָזט מיט ערשטע טרערן
דעם עכאָ פון אַ וואָרט און עמעצס לעצטן אומרו־בליק,
וואָס בלאָנדזשעט נאָך — אָט גליט ער אויף אין ווײַטן ים־לאַמטערן
מיט ציטער פון אַ רויטער טרער און לעשט זיך באַלד צוריק.

## אין קוש פון לײַדנשאַפט

אין קוש פון לײַדנשאַפט ליגט אַלץ פאַרקניפּט: געבורט און טויט,
דער פלי אין דר'הייך, דער פאַל אַראָפּ פון אָפּגעזענקטע פליגל,
ווי ס'וואָלט די אייביקייט איר סוד זיי אויף אַ ווײַל פאַרטרויט
און אין דעם קוש פון לײַדנשאַפט עס גורלדיק פאַרזיגלט.

אַזוי פאַרחתמעט גליט אין קוש דער אָנהייב און דער סוף,
דער שרײַ פון לײַב, וואָס צאַפּלט הייס פון גלוסטונג און באַרוישונג,
און פון דעם גורלס נישט פאַרגינערישער האַרבער שטראָף —
פאַר רגעדיקן גליק די פּײַן פון ביטערער אַנטוישונג.

# דאָס שפּינראָד פון לעבן

מיר שפּינען אונדזער צײַט אויס אויפן שפּינראָד פון דעם לעבן,
דער פאָדעם לויפט און ציט זיך, דרייט זיך רונד אַרום אין ראָד.
ער וויקלט אַלץ אַרײַן אין זיך, ער פּרוווט אין זיך פאַרוועבן
אַ יעדן ציטער אונדזערן, אַ יעדן בליק און טראָט.

דער פאָדעם לויפט און וויקלט זיך, ווערט דינער, דינער, דינער,
אָט נאָך אַ וויקל, נאָך אַ דריי — דאָס ראָד לויפט איצט שוין שנעל.
אָט רײַסט דער פאָדעם איבער זיך, עס שטײַפט די האַנט פון שפּינער,
פאַרגליווערט בלײַבט דאָס שפּינראָד שטיין — אַ טויטער האָלץ-געשטעל.

# אין האַרבסטן

מיר גייען אום אין האַרבסטן ווי פאַרטריבן פון גן-עדן,
ווען עפּל ווערן גאָלדיק-רײַף און קילער ווערט די גלוסט.
אין האַרבסטפאַרנאַכטן גרויע הייבן שלאַנגען אָן צו ריידן,
ווען גערטנער שטייען נאַקעט און די הערצער טונקלען פּוסט.

די שלאַנגען הייבן אָן אונדז דעמאָלט אין געדאַנק פאַרפירן,
זיי לאָקן מיט מיראַזשן אונדז, וואָס העלן ערגעץ בלאַס,
און מיר, מיר גייען נאָך די פאַלשע האַרבסטיקע קאָלירן
מיט אָפּגעפּליקטע עפּל פון אַ פאַלשן עץ הדעת.

# נײַע דורות

מיר זײַנען מאָדנע אָפּגעטיילט, פאַרמאַכט ווי הינטער קראַטעס —
עס קומען פרעמדע דורות און זיי רינגלען אונדז אַרום,
און מיר, מיר זײַנען ענלעך דאָך געוועזן צו די טאַטעס,
כאָטש פרײַע, אויפגעקלערטע, דאָך ווי זיי אויך גלייביק-פרום.

נאָר איצט די נײַע דורות קומען פרעמדע, אומגעריכטע,
זיי האָבן נישט קיין האַרץ פאַר אונדז, קיין שײַכות, קיין באַריר,
ווי פּלוצלונג וואָלט געביטן זיך דער ווינט פון דער געשיכטע
און אונדזער טיר פאַרהאַקט פאַר זיי, די דורותדיקע טיר.

## צום באַפרײַטן מענטש

װער װײסט, צי ס'װעט מײַן װאָרט דערגײן אין גאַנג פֿון די יאָרהונדערטער,
װען יעדע װײַל איז מער איצט װי יאָרצענדליקער אין צײַט.
צי װעט אַ מענטש אַ מאָל מײַן ליד נישט לעזן אַ פֿאַרװוּנדערטער
און נישט פֿאַרשטײן, קען זײַן, פֿון ליד גאָר דעמאָלט דעם באַדײַט.

אָ, מענטש, װאָס דאַרפֿסט נאָך קומען װען, דו מענטש נאָך
נישט־געבױרענער!
צי װעסטו מיך פֿאַרשטײן אַ מאָל אין דײַן באַפרײַטער װעלט?
אַ מענטש האָט זיך געראַנגלט אין אַ װעלט אַ לאַנג־פֿאַרלױרענער
און איז נישטאָ, נאָר זײַנס אַ װאָרט געבליבן איז און העלט.

## די אומצופֿרידענע

מײַן גאַנצן לעבן טרעף איך זײ, די אומצופֿרידענע,
זײ זײַנען אױף דער װעלט אין כּעס און רײדן גאַליק־בײז.
זײ טראָגן זיך אַרום מיט טענות מיט פֿאַרשידענע:
דאָ איז דער װינטער זײ צו־קאַלט, דאָ איז דער זומער הײס.

און כאָטש זײ זענען יוסטע ייִדן, אײַנגעזעסענע,
דאָך קלאָגן זײ, װי ס'װאָלט די װעלט פֿאַרפֿאָלגט זײ און געיאָגט.
און אָט אַזױ מיט טענות, קײן מאָל נישט פֿאַרגעסענע,
זײ לעבן־אָפּ אַ זאַטן לעבן ביז צום לעצטן טאָג.

## איך בין צו אײַך געקומען

איך בין צו אײַך געקומען פֿון אַן אומבאַקאַנטן נעכטן,
אַ נעכטן, װאָס איך װײס נישט װוּ געװען איז ער און װען.
דאָס האָט מען מיך געשיקט אַהער אָט יענעם טאָג פֿאַרפֿלעכטן, ,
פֿאַרבינדן אים מיט עפּעס װאָס עס דאַרף נאָך דאָ געשען.

אַזױ דאַרף איך אַדורכגײן דאָ אין שליחות פֿון פֿאַרקניפּן
אַ טאָג, װאָס איז געװען שױן, מיט אַ טאָג װאָס װאַרט פֿאַרשטעלט.
און כ'טראָג צװישן אײַך אַרום אױף גליִענדיקע ליפּן,
מיט װערטער־קלאַנג, דעם עכאָ פֿון אַן אומבאַקאַנטער װעלט.

## דאָס נישט־געהאַטע לעבן

ס'האָט יעדער מענטש פאַרבלאָנדזשעט אין זײַן לעבן אָן אַ סיבה,
פאַרבלאָנדזשעט, און דעם וועג שוין נישט געפונען אויף צוריק.
ס'האָט יעדער מענטש געהאַט מסתּם זײַן נישט געהאַטע ליבע
און טראָגט נאָך אין זײַן בענקשאַפט אום דאָס נישט געהאַטע גליק.

אַזוי פיל טעג און נעכט אַדורך לעם אים זײַנען, דערנעבן,
מיט שמייכלען אויסגעמיטענע, מיט שטום־פאַרשטיקטער פרייד,
און ס'טראָגט דער מענטש אין זיך אַרום דאָס נישט־געהאַטע לעבן,
וואָס וויינט אין אים, וואָס שרײַט פון אים מיט נישט געהערטע רייד.

## אין גרויען בין־הזמנים

מיר לעבעדיקע זײַנען אין געפאַנגענשאַפט בײַ טויטע,
זיי האָבן אונדז פאַרפּענטעט מיט געדאַנקען און מיט רייד
פון אמתן פון כּלומרשטע, דורך ביכער אונדז פאַרטרויטע,
וואָס האָבן גלײַך פון קינדווײַז אונדז פאַרפּירעריש באַגלייט.

איצט טראָגן מיר ווי שקלאַפן אום די ווערטער פרעמד־געזאָגטע,
ווי קאַטאַפּאַלקן פּוסטע אויף בית עלמינס פון דער צײַט,
פאַרלאָרענע און איינזאַמע, פון גורל־בײַטש געיאָגטע,
אין גרויען בין־הזמנים פון דעם דורותדיקן בײַט.

## מײַן בליק

די בייזקייט פון דער וועלט שלאָגט אָפּ מיט שפּאָט זיך פון מײַן פּנים,
וואָס ענטפערט אָפּ צוריק דער וועלט מיט שטרענגקייט פון מײַן בליק.
איך האָב זיך אַלץ געלערנט — קענען אויסלאַכן די שונאים,
צו קענען מיט מײַן שאַרפן וואָרט זיי ענטפערן צוריק.

איך האָב געפילט — אין איינזאַמקייט באַהאַלטן ערשט די פרייד איז,
אַז אין מײַן קענען גיין אַליין ווערט שטאָלצער גאָר מײַן טראָט
און נאָר די שטרענגקייט פון מײַן פּנים זאָגט מיט וויטיק עדות,
ווי הינטער מײַנע שמייכלען טראָג איך אום פאַר זיי מײַן שפּאָט.

## איך האָב פאַרשפּילט

איך האָב פאַרשפּילט ווען מיר האָט זיך געדאַכט — איך האָב געוווּנען,
אַזוי האָט זיך געררייצט מיט מיר דאָס מזל יעדעס מאָל.
מיט קאַלטער, פאַלשער שײַן פון כלומרשט שטראַלנדיקע זונען
האָט נאַרנדיק געוויגט זיך אויף מײַן גורל-וואָג די שאָל.

אַזוי דורך דעם פאַרפּירערישן שימער פון די יאָרן
די וועלט האָט פאַלש געמיניעט זיך, געטווישט זיך פאַר מײַן בליק,
און איך, קען זײַן, בין דורך מײַן לעבן נישט פאַרויס געפאָרן,
נאָר ערגעץ אַ פאַרבלאָנדזשעטער געפאָרן אויף צוריק.

## דורך מײַן קול

איך קען נישט ריידן שטיל, ווײַל איך בין פול מיט הונדערט שטימען,
ווי הונדערט דורות וואָלטן זיך געריסן דורך מײַן קול,
ווי יעדער דור געלאָזן וואָלט אין בלוט בײַ מיר אַ סימן
מיט הייסע עכאָס גלוסטיקע פון אוראַלטן אַמאָל.

מיר דאַכט, אַ יעדע שטימע לעבט אין מיר נאָך אַליין באַזונדער,
אַ יעדע שטימע וואַכט אין מיר מיט עכאָס פון אַ דור,
וואָס איז נישטאָ, פאַרשוווּנדן אין אַן אַנדערן יאָרהונדערט —
און איך טראָג אַליין דעם אָפּהילך אום פון זייער פרעמדער וואָר.

## עס שרײַט אין מיר

די בראשיתדיקע אוראַלטקייט נאָך ליגט אין מיר באַהאַלטן,
פון אונטער העמדער, שניפּסן וואַכט זי טיף אין מײַן געביין,
מיט גליִענדיקן דרום-ווינט, מיט צפון-שטורעם קאַלטן,
מיט ברוויזיקייט פון ימען און מיט גליווער פון אַ שטיין.

כאָטש דרויסנדיק, למראית-עין, גיי איך אום אַ טרוימער,
נאָר ס'שרײַט אין מיר דער בראשית נאָך מיט גלוסטונג און מיט גוואַלד —
אַן אורמענטש בין איך נאָך, וואָס קריכט אין דזשונגל אויף די בוימער,
וואָס דורך די צאַרטסטע ווערטער זײַנע הילכט נאָך אַליין דער וואַלד.

## עס בלײַבט אין דיר

דו הערסט דאָך נישט דײַן קלאַפּ פון האַרצן, נישט דײַן רויש פון בלוטן,
מיר זײַנען שטענדיק ווײַט פון זיך, נישט טראַכטנדיק — פאַרקלערט,
מיר הערן נישט אין זייגער־גאַנג דעם טיק־טאַק פון מינוטן,
ווי צוגעווינט זיי גייען דורך פאַרבײַ אונדז, נישט געהערט.

דו מיינסט, עס זעט דײַן אויג נישט, ווען דו זיצסט אַ טיף־פאַרקלערטער,
נאָר אַן דײַן ווילן כאַפּט דײַן בליק־אויף אַלץ — די גאַנצע וואָר,
וואָס בלײַבט אין דיר, וואָס זינגט אין דיר דערווײַלע שטום, אָן ווערטער,
נאָר ווערט אַ מאָל אין וואָרט בײַ דיר נאָך אויפגיין פּלוצלונג קלאָר.

## אַ מאַמע

מיט שׂריפה־שטעט מלחמהדיקע, דורכגעגליט מיט פלאַמען
עס האָבן פעלקער שטרײַטנדיק באַגעגנט זיך, געקריגט,
נאָר ערגעץ הינטער חורבה־ווענט געזעסן איז אַ מאַמע
און האָט איר קינד צום שלאָפן־גיין דאָרט מיט אַ ליד פאַרוויגט.

ווער ווייסט, נאָך וויפל דורות ס׳וועלן פלאַמען־נעכט פאַרקריצן
די הימלען די מלחמהדיקע, שׂריפהדיק צעגליט,
נאָר אין אַ קעלער וועט באַהאַלטן דאָרט אַ מאַמע זיצן
און אַלץ איר קינד צום שלאָפן־גיין נאָך וויגן מיט אַ ליד.

## פאַרקערט

די ווײַטקייט מאַכט אַלץ קלענער, און דער עבר מאַכט אַלץ גרעסער —
ס׳איז אַנדערש אַלץ אין שטח, און ס׳איז אַנדערש אַלץ אין צײַט.
ווי קליין עס ווערן אין דער ווײַט די העכסטע טורעמס, שלעסער,
ווי גרויס גייט אויף אַ מענטש אַ מאָל דורך דורותדיקער ווײַט.

אין צײַט איז אַלץ פאַרקערט, וואָס איצט באַטראַכט מען גאָר פאַר
קלײנקייט,
ווערט גרעסער, ווערט דערהויבענער גאָר, שפּעטער מיט אַ דור,
און אַלץ, וואָס לאָקט דיך איצטער מיט דער חכמה גאָר, מיט שיינקייט,
וועט אויסזען נאַריש, מיאוס אפשר שפּעטער מיט אַ יאָר.

## אין ערשטן טראָט

ס׳קען זײַן, אין ערשטן טראָט פֿון קינד, אין זײַן נישט זיכערן נאָך וואַקל
פֿון הייבן זיך און פֿאַלן, אַ צעשפּילטן אויפֿן דיל,
ליגט דאָרט שוין פֿון זײַן שפּעטערדיקן לעבן דער סך־הכּל
מיט אַלע כּלומרשט אויסדאַכטן פֿון שׂכל און געפֿיל.

אַזוי אין ערשטן שפּרײַז שוין, פֿול מיט אומרו און מיט צאַפּל
ליגט בלינדערהייט פֿאַרקנסט זײַן גאַנצער לעבנס־גאַנג, זײַן ציל,
זײַן וואַקל־שפּרײַז אַרויף־אַראָפּ, ווו בײַ דעם העכסטן שטאַפּל
וועט בלײַבן שטיין זײַן לעצטער טראָט — געענדיקט איז די שפּיל.

## ס׳האָט אַלץ אַן ערשטן מאָל

אַלץ מוז כאָטש איין און איינציק מאָל אין לעבן זיך צעבליִען,
עס האָט געמוזט בײַם שטיין אַפֿילו אויך אַ קינדהייט זײַן.
די זון האָט אויך געמוזט אַ מאָל זיך בראשיתדיק צעגליִען,
דערפֿילן יוגנטלעך אין זיך איר ערשט־אַנטפּלעקטע שײַן.

ס׳האָט אַלץ אַן ערשטן מאָל, אַ יעדע זאַך — אַ מענטש, אַ בלימל,
ס׳האָט אַלץ אַ יוגנט, כאָטש דערנאָך פֿאַרוועלקט עס און פֿאַרבליט,
און ס׳איז נישטאָ שוין מער דער בלוי פֿון בראשיתדיקן הימל,
און ס׳איז פֿון אייגן ליכט מסתּמא אויך די זון שוין מיד.

## אין צענדליקער געשטאַלטן

אָט ווי אַ שטראָם, וואָס האָט זיך פֿלוצלונג אָן אַ פֿעלדז פֿאַרהאַלטן
און לויפֿט פֿונאַנדער זיך אין ריטשקעס זײַטיקע צעפּראַלט,
אַזוי צעצווײַג איך זיך אַליין אין צענדליקער געשטאַלטן
ווען ס׳גיט מײַן לעבן פֿלוצלונג זיך געצוווּנגען אַ פֿאַרהאַלט.

אַזוי בײַ יעדן גורל־פּרוּוו ווער איך צעצווײַגט פֿילצאָליק,
איך רײַס אַ יעדע שטערונג דורך מיט אימפּעטיקן גוואַלט,
און כאָטש מײַן אויסזען בײַט זיך נישט — אַ מענטש איז דאָך איינמאָליק,
גייט אויף אין מיר בײַ יעדן שטער אַנטפּלעקט אַ נײַ געשטאַלט.

## וואַנדער־גלוסט

איך ווייס — איר קענט מיך קיינער נישט. אויף מיר איז גאָרנישט ניכּר,
אַז ס׳גייט דער שטילער מענטש צווישן אייַך אַרום פאַרשטעלט,
אַז אויף אַן אמת בין איך פון אַ וואַנדער־גלוסט גאָר שיכּור,
כאָטש מיך געיאָגט דער חורבן האָט צו וואָגלען אין דער וועלט.

אַז כ׳קען שוין אויף אַן אמת מער נישט בלײַבן אײַנגעזעסן —
מיך טראָגט אַרום אַ וואַנדער־פרייד באַהאַלטן אין מיר טיף
ווי ס׳טראָגט זי אַ מאַטראָס, וואָס קען דעם ים נישט שוין פאַרגעסן,
כאָטש ס׳לויפט אים נאָך דער יאָמער פון אַ טרינקענדיקער שיף.

## פון אַלע טעג

פון אַלע רײַזעס הערלעכע, פון אַלע לענדער, ימען
איז נאָענט מיר אויף אַן אמת נאָר מײַן קינדעריש־גרויע שוועל.
פון אַלע בליקן ליב איז מיר די אויגן פון מײַן מאַמען,
פון אַלע שטימעס זינגט צו מיר איר שטימע אַזוי העל.

פון אַלע טעג צעזוניקטע ליגט טיף אין מיר פאַרבאָרגן
אַ טאָג ווען איך בין ווי אַ קינד אַליין אין פעלד אַוועק.
איך זע נאָך אַלץ אָט יענעם גאַנג אין זוניקן פרימאָרגן,
כאָטש איך האָב דאַן אויף שטענדיק שוין פאַרבלאָנדזשעט אויף מײַן וועג.

## מיט גורלדיקע שפּורן

אָט ווי אַ יאַגדהונט, וואָס גייט נאָך פון בלוט דעם סליאַד, דעם ריח,
און ברענגט צוריק דעם צאַפּלרויב פאַרקלעמט אין זײַנע ציין,
אַזוי מיט אַלע גורלדיקע שפּורן אײַל איך, גיי איך
און ברענג פון דאָרט צוריק מײַן הייסן, בלוטיקן געוויין.

אַזוי אַדורך דער פרעמדער וועלט, וואָס שפּרײַזט לעם מיר דערנעבן,
ווו ס׳שרײַט נאָך אַלץ פון מײַן געבורט די ערשטיקע מינוט,
טראָג איך צווישן ציין פאַרקלעמטע צאַפּלענדיק מײַן לעבן,
וואָס טריפט פאַרוווּנדעט אַלץ נאָך אָפּ מיט הייסע טראָפּנס בלוט.

## מײַן יוגנטלאַנד

איך זע נאָך אַלץ מײַן יוגנטלאַנד, דאָרט איז נאָך גרין און בלוי,
נאָר ס'וועט מײַן פוס דעם ראַנד פון יענעם לאַנד נישט איבערטרעטן.
איך קוק אַראָפּ אַהין ווי משה פון דעם באַרג נבֿו —
נישט העלפן וועט מיר, פונקט ווי אים, מײַן בענקשאַפט און מײַן בעטן.

ווײַל פונקט ווי אים געווען איז פאַרווערט צו גיין פּ אַ ר ו י ס
אַזוי איז מיר באַשערט שוין אויף צ ו ר י ק נישט קענען קומען
צו יענעם לאַנד פון וואַנען כ'בין אַ מאָל אין וועג אַרויס —
מײַן יוגנטלאַנד, ווו כ'האָב די וועלט צום ערשטן מאָל פאַרנומען.

## איך בין זײַן סוד

עס קען דאָך זײַן, אַז ס'לעבט אין מיר די בענקשאַפט פון מײַן טאַטן,
דאָס טראָג איך אום זײַן גלוסט, וואָס איז געווען אין אים פאַרשטעקט,
און איך מיט מײַנע טראַכטונגען, מיט אַלע מײַנע טאַטן,
מיט יעדן וואָרט — בין איצט זײַן סוד, וואָס ווערט דורך מיר אַנטפּלעקט.

אַזוי בין איך מיט אַלע מײַנע פריידן, אַלע זאָרגן,
זײַן אָפּדעקונג — זײַן פֿלומרשטע פאַרטײַטשונג און באַשייד
פון אַלץ, וואָס ווי אַ סוד האָט ער געטראָגן טיף פאַרבאָרגן —
דער עכאָ דער אַנטפּלעקטער פון זײַן אומעט און זײַן פרייד.

## קאַרוסעלעס

דער ווײַטער זומערדיקער אָוונט אַלץ נאָך קינדעריש העל איז,
און איך, איך בין צו אים נאָך דורך די ווײַטקייטן פאַרהערט —
מיט אַלטע וואַלצן לויפן דאָרט נאָך אום די קאַרוסעלעס,
און איך בין אַלץ אַ יינגל נאָך, וואָס רײַט דאָרט אויף אַ פערד.

כאָטש נישט באַשערט איז מיר געווען שפּעטער זײַן אַ רײַטער —
צו פוס בין איך אין חורבן־טעג געלאָפן דורך דער וועלט,
און נאָר אין חלום טרעפט — איך רײַט נאָך אויף אַ פערדל ווײַטער
מיט אַלטע וואַלצן און מיט לעמפּלעך פאַרביקע צעהעלט.

## די שאַטנדיקע ווינטמילן

מיר זײַנען אַלע גורלדיק פאַרבונדן און פאַרפלאָכטן,
און קענען נישט אַרויסגיין פון דעם פלאָנטערדיקן קנויל —
מיר האָבן דאָך אַ לעבן־לאַנג מיט ווינטמילן געפאָכטן —
און פאַר דער וואָר דער אמתער געבליבן שטיין איצט הויל.

די שאָטנדיקע ווינטמילן זיי לעבן אונדז אַריבער
און יעדער דור ברענגט אויף דאָס נײַ דעם זעלבן דאָן קיכאָט —
ס׳וועט אַלץ זיין ווי געווען, דער זעלבער אומעט און דער פיבער,
די זעלביקע פאַרגענגלעכקייט, וואָס ווייסט נישט פון קיין גנאָד.

## איך וועל זיך אומקערן

איך וועל זיך אומקערן אַ מאָל פון יענער וועלט דורך לידער,
אויף מײַנע שורות־טרעפּ וועל איך אַראָפּשטאַפּלען צוריק —
און אויפגיין אין דער נאַכט וועל איך פאַר עמעצס אויגן ווידער,
און אויפהעלן פאַר עמעצן וועט אומגעריכט מײַן בליק.

און ער דערזען וועט דורך מײַן וואָרט ווי שׂריפה־גאַסן גליִען,
און הערן וועט ער אין דער נאַכט דעם פּחד־הילך פון טריט.
ביז ס׳וועט אַ מאָל אַ טויטע נאַכט אויך אים זײַן בליק פאַרציִען
און בלײַבן וועט דער הימל נאָר, די שטערן און מײַן ליד.

# אינהאַלט


אַרײַנפֿיר 5

## דערזעונגען

איך זע די וועלט 11
די ערד איז אַלט 11
אַ וווּנדערוועלט 12
בײַם לעצטן ראַנד 12
ברוגזע מענטשן 12
אַ יונגער בוים 13
די לײַכטער 13
אין נאַסן גלאַנץ פֿון טראָטואַר 13
דאָס פּנים פֿון דער וועלט 14
מײַן עבר 14
אין אַ וועלט וואָס אײַלט 14
אַן אַלט־פֿאַרגעסענער ראָמאַנס 15
פֿאַר נאַכט בײַם ים 15
אַ מעווע 15
לאַנדשאַפֿט 16
האַרבסטיקער פֿאַרנאַכט 16
אַ צווײַג 16
אַן אָפּשײַן נאָר 17
זעונגען 17
אין יעדן ניגון 18
דער שטיין 18
ווינטן 18
אַ געוויטער 19
דער הימל 19
דער צוים 19
וואָלקנס 20
דער וואַלד 20
יאָדלעס 20
פֿאַלנדיקע שטערן 21
די שטילקייט 21
צוויי ביימעלעך 21
דאָס בלעטעלע 22
זעק מיט מעל 22
מושלען אויפֿן זאַמד 22
פֿלויטן 23
אַ שאַרכנדיקער נעפּל 23
דער טאָג אַנטלויפֿט 24
האַרבסטיקע בלעטער 24
די שפּיל פֿון האַרבסט 24
האַרבסט בײַם ים 25
נאַכטיקע האָטעלן 25
געזיכטער 25
מיט צוגעמאַכטע אויגן 26
דער שפּרײַז פֿון יאָרן 26
פֿאַרגעסענע מענטשן 27
חלומות 27
אַ גולם־מענטש 27
שפּינוועבס 28
אַ שירעם 28
אין אַ רעגנדיקער נאַכט 28
דער שערער 29
אין מיטן פֿון קאָלוזשע 29
דאָס ליד פֿון וואַלד 29
דער וואַלד 30
אַ בוים אין פֿעלד 30
מיט מײַנע אויגן הער איך אָפּט 30
אין אימפּעט־גאַנג 31
ביימער 31
אַ פּוסטע נאַכט, אַ נאַכטיקע 31
אַ האַרבסטיקער פֿאַרנאַכט 32
דער אויסזען פֿון דער וועלט 32
אויף ס'נײַ 32
די צײַטונג־קעפּ 33
אַ פּוסטע גאַס 33
אַדורך זײַן קול 33
אַ פֿאַלשע פֿרייד 34
אַ געלער אָוונט 34
אויגן 35
עס טרעפֿט 35
אין שלאָף 35
עס קומט דער נײַער אַקט 36
פֿענצטער 36
עס לעשן זיך די פֿאַרבן 36

אַ פאַרנאַכטיקע גאַס . . . . . . 37
ס'איז נעפלדיק און זוניק . . . . 37
דורך פאַרבן אָפגעשפיגלט . . . . 38
אַ בלום . . . . . . . . . 38
מײַן גאַס . . . . . . . . . 38
ס'איז אַלץ פאַרמישט . . . . . 39
צימערן . . . . . . . . . 39
אין געוויטער . . . . . . . 39
בילדער . . . . . . . . . 40
אַ וויינענדיקער מלאך . . . . . 40
דער גרויער מענטש . . . . . 41
אַ בליק . . . . . . . . . 41
אין אונדזער צײַט . . . . . . 41
אַ ווינטער־שקיעה . . . . . . 42
דער מילכוועג . . . . . . . 42
אַ ווינטערווינט . . . . . . . 42
די טענצערין . . . . . . . 43
אַן אָפשײַן . . . . . . . . 43
די ערשטע אויפגעוועקטקייט . . . 43
אַן אַלטע קאַץ . . . . . . . 44
קינדער . . . . . . . . . 44
קינדערשע פאַרנאַכטן . . . . . 44
איך זע אים אויף דער גאַס . . . 45
דער אָנזאָג . . . . . . . . 45
מיט חניפה־רייד פון קנעכט . . . 45
עס ליכטיקט דאָס פאַפיר . . . . 46
די בלייכקייט פון פאַפיר . . . . 46
אָפט דאַכט זיך דיר . . . . . . 46
האַרבסט . . . . . . . . . 47
דער טאָג פאַרגייט . . . . . . 47
אין האַרבסטיקע פאַרנאַכטן . . . 47
אַ מילכיק־מוטנער שניי . . . . 48
עס גייט אַ שניי . . . . . . 48
גרויע שנייען . . . . . . . 48
דער שטעקן . . . . . . . . 49
אַנטי־איך . . . . . . . . 49
דעם גערטנערס שער . . . . . 49
אַ פרעמדע וועלט . . . . . . 50
ביכער . . . . . . . . . 50
אַ קרומע וועלט . . . . . . . 50
דער באַן־לאָקאָמאָטיוו . . . . . 51
אין זונטיקדיקן צוג . . . . . 51
דער אָוונטצוג . . . . . . . 51
אַ זעונג . . . . . . . . . 52
אַ לעצטער בלאַט . . . . . . 52
האַרבסטיקער געוויטער . . . . . 52
פאַרקערט . . . . . . . . 53
פאַרקערט ווי אויף דער וואָר . . . 53
פוסטע צימערן . . . . . . . 53
די כיטרע איבערחזרונג . . . . 54
דער טעפעך פון דער וועלט . . . 54
דאָס גאָלד פון טראָטואַרן . . . . 54
צווישן נאַכט און טאָג . . . . . 55
גאַסן אין באַגין . . . . . . 55
באַצײַטנס . . . . . . . . 55
פאַרטאָגעדיקער גרין . . . . . 56
אַ רגעדיקער צייכן . . . . . . 56
דאָס גרעזל . . . . . . . . 56
שויבן . . . . . . . . . 57
אַ געסל . . . . . . . . . 57
דער ווינט . . . . . . . . 57
אַ פאָרטרעט . . . . . . . . 58
אין גרינעם קלעם . . . . . . 58
די ערד . . . . . . . . . 59
די ערשטע זעונג . . . . . . 59
די ווײַטקייט . . . . . . . . 59
האַרבסטיקע פאַרבן . . . . . . 60
דער טײַך . . . . . . . . . 60
דער ים . . . . . . . . . 60
דער ברונעם . . . . . . . . 61
דער טאָג איז אַלץ נאָך דאָ . . . 61
אַ האַרבסטיקע גאַס . . . . . . 62
מאָנומענטן . . . . . . . . 62
דער ניגון פון די שטראַלן . . . 62
אַן אויסגעקרימטע סאָסנע . . . . 63
אַ ווינטער־לאַנדשאַפט . . . . . 63
אין אַלטן הויז . . . . . . . 63
האַרבסטיקע שקיעה . . . . . . 64
אַ געסל בײַם ים . . . . . . 64
צעבראָכענע אויטאָס . . . . . 64
ביכער . . . . . . . . . 65
אין אויפבליץ פון געוויטער . . . 65
דער נײַגער . . . . . . . . 65
דער יין המשומר . . . . . . 66
איינפנימדיק . . . . . . . . 66
אַ יאָדלע . . . . . . . . . 66
אַ קאַטערינקע . . . . . . . 67
דורך ריחות . . . . . . . . 67

## דאָס וואָרט

ס'איז קורץ מײַן ליד . . . . . . 71

צווישן שורה און שורה 71
ייִדיש 72
שפּראַכן 72
דער דיכטער 72
די שטומע וועלט 73
ס'ווערט איינס 73
די ווערטער קומען שפּעטער 73
אַ וואָרט — אַ שטיין 74
אַ וואָרט פֿון מײַן עבר 74
דאָס ליד 74
אין דיכטערס האַנט 75
דורך פֿרעמדע רייד 75
נישט דערזאָגטע ווערטער 75
די לעצטע שורה 76
אין דיכטערס וואָרט 76
אַ בוך 76
עס איז אין דיר פֿאַרבליבן 77
אויף יענער זײַט 77
ווערטער 77
יעדעס וואָרט איז ווי אַ טויער 78
דאָס ערשטע יוגנטליד 78
שטויביקע ווערטער 79
דאָס בייגעלע פּאַפּיר 79
אין אָפּשײַן פֿון דײַן ליד 79
ווען ס'בײַט זיך אַלץ 80
ס'איז אפשר גוט 80
מיך רופֿט דאָס ליד 80
אין פֿרעמדע שורות 81
נישט פֿאַרענדיקט 81
בײַ נאַכט 81
דײַן האַנט 82
דעם דיכטערס אוניווערס 82
דײַן ליד 82
דאָס ליד 83
נישט גלויב 83
אין ווערטער־צירק 83
מײַן קול 84
שוים 84
איך בין פֿון ווערטער שיכּור 84
דער ריטעם פֿון מײַן ליד 85
מײַן ייִדיש וואָרט 86
עס זײַנען ווערטער דאָ 86
בלויז דורך אַ וואָרט 86
אין טיר פֿון ליד 87
דאָס וואָרט פֿון גלויביקייט 87
דאָס פּנים פֿון דעם דיכטער 87
דאָס וואָרט 88
מיט מײַן וואָרט 89
צווישן וואָר און טרוים 89
דײַן ליד איז אויך אַ וועלטאַל 89
עס זינגט אין מיר דער חומש נאָך 90
ווערטער 90

## אויף יענער זייט

אויף יענער זײַט פֿון זאַכן 93
אין יענער שעה 93
ווו איז ער איצט 94
די ווײַל פֿון שאַפֿן 94
אויף יענער זײַט 94
חלומות 95
ערגעץ־ווו צווישן 95
אין לאַנד פֿון פֿאַרלאָרענע זאַכן 95
אין מײַנע נעכט 96
דער גאַנצער וועלטאַל לעבט אין מיר 96
ס'קען זײַן 96
ס'ווערט נישט פֿאַרפֿאַלן גאָרנישט 97
מײַן כּישוף־שפּראַך 97
די שטומע וועלט 97
איך וואָרט נאָך אַלץ 98
די לעצטע אַנטפּלעקונג 98
דעם איינזאַמענס געוויין 98
דער שטיין 99
אַן איינציקע רגע 100
ווו אַלץ איז אַנדערש גאָר 100
איבערחזרונג 100
אויף שפּיצן פֿינגער 101
דעם סוד פֿון וועלט 101
אַ וועלט נאָך נישט געבוירן 101
איצט האָבן מיר באַגעגנט זיך 102
אַ האַרבסטיקער ניגון 102
צווישן טאָג און נאַכט 102
אויסדאַכט 103
אַזוי טרעפֿט 103
מיר דאַכט 104
מײַן ניגון 104
דער גרעסטער סוד 104
צײַט 105
דער עפּילאָג 105
ווו אַלץ ווערט איינס 105
אַ נישט־אַנטפּלעקטע וועלט 106

אַ וועלט גאָר פאַרקערט 106
אויף יענער זײַט טיר 106
מיר מיינען 107

## זוניקע מאָטיוון

מײַן יוגנט 111
פאַרפרילינג 111
אַ פרילינגווינט 112
אַ פרילינגדיקער רעגן 112
כ'האָב ליב געהאַט 112
די וואָר איז נישט קיין וואָר 113
די זון מישט אַלץ צונויף 113
כ'האָב ליב דעם זומער 113
אַ וואָרעם 114
אַ וועוערקע 114
אַ זומער־פייגעלע 114
דער זומער־רעגן 115
דער פרילינג קומט 115
די ערשטע גרינקייט 115
דער ריח פון זשאַסמין 116
פריִער הארבסט 116
אַ זומערטאָג 120
דער פלי אַליין 117
אין שאָטן פון מײַן ליד 117
און דו וועסט זען 117
דער ווײַן 118
ווי קינדווײַז נאָך 118
אַ זומערדיקער רעגן 118
די זון 119
אַ זוניקער טאָג 119
אַ זומערטאָג 120
די בענקשאַפט פון די וואָרצלען 120
פרילינג 120
נאָך אַ געוויטער 121
פאַר טאָג 121
אין מײַנע פענצטער 121
איך קען נישט ווערן אַלט 122
אַלטמאָדישע ראָמאַנען 122
כ'האָב נאָר פאַרשפעטיקט 122
דער סודותפולער ווינט 123
יוגנטפרייד 123
דער ניגון פון דער וועלט 123
דער ריח פון דער ערד 124

## גלוביקע לידער

דער מענטש 127
כ'בין, גאָט אין דײַנע וועגן נישט באַהאַוונט 127
זיי קומען זיך צונויף אין מיר 128
דו שטייסט פאַרגאַפט 128
די שיינקייט פון דער וועלט 128
דער אייביקייט־געפיל 129
אין פלאָטער פון ספק און גלויבן 129
צו אַ שענערער וועלט 129
צום נײַעם, העלן טאָג 130
איך בין אַ שטויבעלע אַ קליינס 130
ווער ווייס 130
דער זונשטראַל 131
איך בין אַליין 131
מיך שרעקט 132
צום פאַרהוילענעם ציל 132
דיכטער 133
איך טרוי דיר, מענטש 133
דאָס ליד פון הויכן פלי 133
איך אָטעם ביידע אײַן 134
די קינדער־מעשׂה 134
אַ פײַערל 134
די ווײַל 135
הייב אָן פון אָנהייב 135
ווי אַ מאָל 135
איך וואָרט נאָך אויף זײַן סימן אַלץ 136
ס'איז גוט 136

## זיכרונות

אין זיכּרון 139
אין וואָכע נעכט 139
דער ריח פון קראָפּעווע 140
זיכרונות 140
מײַן זיכּרון 140
דאָס נאַכטלעמפּל 141
דער בלויער פויגל 141
בײַם בענטשן ליכט 141
אָן אָרעמאָן 142
איך זע נאָך אונדזער שטוב 142
מײַן טאַטע 142
מײַן באָבע 143
דעם שכנס שטוב 143
די באָבע 143
די בויד 144
דער גלעזער 144
אַ מיידל זינגט 144

וואָס איז פון דעם פאַרבליבן ? . . 145
דער נאָסער ליים . . . . . . . 145
ריחות . . . . . . . . 145
דײַן שאָטן . . . . . . . 146
מײַן שטעטל בײַ נאַכט . . . . . 146
יוגנט־זעונגען . . . . . . 146
קינדווײַז . . . . . . . . 147
מײַן יוגנט . . . . . . . 147
האַרבסט אין שטעטל . . . . . 147
כּל נדרי . . . . . . . . 148
נעילה . . . . . . . . 148
די לבנה . . . . . . . . 148
סוכּותדיקע ריחות . . . . . . 149
איך גיי אַרום אין פרעמדע שטעט . 149
דורך ווײַסע שׂריפות שנייִיקע . . 149
דײַן זיכּרון . . . . . . . 150
אַ ווײַטער טאָג . . . . . . 150


## נאָך אַלעמען


נאָך אַלעמען . . . . . . . . 153
פאַר שרעק . . . . . . . . 153
אַ חורבן־גאָס . . . . . . . 154
דאָס פּנים פון אַ קינד . . . . . 154
מײַן אומבאַקאַנטער פרײַנד . . . 154
אַט קוים וואָס איך דערמאָן זיך . . 155
עס שרײַט אַ וואָרט . . . . . . 155
דער לייטער . . . . . . . . 155
אַלטע וואַלצן . . . . . . . 156
דער שטורעמווינט פון מײַנע טעג . 156
חורבן־רויכן . . . . . . . . 156
איך האָב מײַן ליד פאַרהיט . . . 157
אַ תּפיסה־קאָרידאָר . . . . . . 157
דאָס טויטע וואָרט . . . . . . 157
ער האָט באַפוילן מיר . . . . . 158
די לידער פון מײַן נעכטן . . . . 158
די טיר איז צוגעמאַכט . . . . . 158
מײַן מאַמע . . . . . . . . 159
אין יענע טעג . . . . . . . 159
אַ חלום . . . . . . . . . 159
זיי טראָגן אום די זעונגען . . . 160
כ'געדענק נאָך . . . . . . . 160
עס טרעפט . . . . . . . . 160
אונדזער געשריי . . . . . . . 161
נאַכטיקע גאַסן . . . . . . . 161
חלומות נישט געחלומטע . . . . 162


## ניו־יאָרקער מאָטיוון


די שטאָט . . . . . . . . . 165
אַ זונטיקדיקע גאַס . . . . . . 165
זונטיק פאַר נאַכט . . . . . . 166
אַ שטילער טאָג . . . . . . . 166
פאַר נאַכט אין וואָלסטריט . . . 166
זונטיק אין דער פרי . . . . . 167
ברוקלין־בריק . . . . . . . 168
אין סאָבוויי . . . . . . . 168
אין דזשעז־געקלאַג . . . . . . 168
זומער . . . . . . . . . 169
די שוואַרצקייט פון איר לײַב . . . 170
אַ לאַמטערן . . . . . . . . 170
אַ פענצטער . . . . . . . . 170
פאַרנאַכטן . . . . . . . . 171
אַ פּוסטע גאַס . . . . . . . 172
אַ כמורנע גאַס . . . . . . . 172
אַ פּוסטער געלער סקווער . . . . 172
גלעזערנע ווענט . . . . . . . 173
אַ משוגענע גאַס . . . . . . . 173
איסט־סײַד . . . . . . . . 174
אַ זומערנאַכט אין שטאָט . . . . 175
שכנים . . . . . . . . . . 175
אַ נאַכטיק ליד . . . . . . . 175
אַ רעגנדיקער זונטיק . . . . . 176


## אומעטיקע לידער


אַ תּפילת הדרך . . . . . . . 179
הײַנט ווייס איך נישט . . . . . 179
דער טרויער . . . . . . . . 180
הער זיך צו . . . . . . . . 180
די שטרענגע איבערחזרונג . . . . 180
דאָס גייט דער האַרבסט . . . . 181
פאַלנדיקע בלעטער . . . . . . 181
האַרבסטיקע לאַנדשאַפט . . . . 181
צו זעכצן יאָר . . . . . . . 182
ס'פרוּווט אַלץ דערמאַנען מיך . . . 182
די ליבע . . . . . . . . . 182
עס בלײַבט אַלץ ווי געווען . . . 183
דיר דאַכט זיך אָפּט . . . . . . 183
ס'וועט אַלץ זײַן ווי געווען . . . 183
דער האַרבסטמאַנטל . . . . . . 184
דער פאַרנאַכט . . . . . . . 184
אַ רעגן גייט . . . . . . . . 184
אין פאַרנאַכט . . . . . . . 185

אין מײַנע יאָרן . . . 185
און שפעט איז שוין . . . 185
אַ גרויער גלײַכגילט . . . 186
אַ דעמער־ניגון . . . 186
אַ נעפּל . . . 186
צום אויסדאַכט־ציל . . . 187
די אַלטע עוולות . . . 187
דער נאָכטראַכט . . . 187
דורך שפּאַרעס פון די טעג . . . 188
נישטאָ קיין וואָג . . . 188
גליק . . . 188
אויף אַ ווײַטן שטערן . . . 189
אונדזער ערד . . . 189
אײנזאַמע מענטשן . . . 189
פון הינטערן נעפּל . . . 190
אַ פרײַנד געשטאָרבן . . . 190
פאַרנאַכטיקער רעגן . . . 190
אַ געלער בוים . . . 191
עס גייען רעגנס . . . 191
גאָטס מילן . . . 191
אַ טויטער אײַזן־שטויס . . . 192
וויפל ווערטער וועלקן . . . 192
דער ים . . . 192
אַ קילע זון . . . 193
דער שאָרך פון טויטן שטרוי . . . 193
טראָטואַרן . . . 193
כ׳וועל אַוועקגיין . . . 194
די אַלטקייט . . . 194
ווי נאָענט איז ער מיר . . . 194
און מעג די וועלט שוין אַנדערש זײַן 195
מיט אַלץ . . . 195
ס׳קען זײַן . . . 195
דער טעלעפאָן . . . 196
דורך מיר . . . 196
ערשטער וועלק . . . 196
שפּעטנאַכטיקער ראַדיאָ . . . 197
עס קושט מײַן מאַמע מיר . . . 197
מײַן עלטער־זיידע . . . 197
האַרבסטיקע פידלען . . . 198
די פאַרקערטע שפּיל . . . 199
די האַרבסטיקע זון . . . 199
האַרבסטיקע לאַנדשאַפט . . . 199
דער אומעט . . . 200
האַרבסטיקער רעגן . . . 200
דער ווינט פון דויער . . . 200
דער שטערנדיקער פאַרשפּילער . . . 201
דאָס לעצטע וואָרט . . . 201
דער ספק . . . 201
כ׳בין ערגעץ אין מיט . . . 202
פּאָעטן אין דער וועלט . . . 202
די זעלבע גורל־שיף . . . 202
מיט אויסגעטראַכטע רייד . . . 203
נאַכטיקער וואָקזאַל . . . 203
מיט ווײַטן, פאַרגעסענעם ווײ . . . 203
פאַר זיך אַליין . . . 204

## טעמעס און וואַריאַציעס

פון קינדערשן אַמאָל . . . 207
דער שבתדיקער וואַלד . . . 212
שאָטנס אין שפּיטאָל . . . 217

## שפּיגלען

כ׳ווייס אַלץ נאָך נישט . . . 223
אין שפּיגל . . . 223
די לאָמפּן . . . 224
דאָס חוזקט ער פון מיר . . . 224
מײַן פּנים . . . 224
נאַכטיקע שפּיגלען . . . 225
ראַזורעס . . . 226
דאָס שטומע צימער . . . 227
דער שפּיגל קען מיך גוט . . . 227
עס טרעפט . . . 227
אַ חלום . . . 228
אַנדערש . . . 228
און וועט דער שפּיגל פּלאַצן . . . 229
אַ מיידל בײַם שפּיגל . . . 229
אַלטע פאָטאָגראַפיעס . . . 230

## נאַכטיקע לידער

דער אַלטער לאָמפּ . . . 235
אין אַ רעגנדיקער נאַכט . . . 235
ביכער . . . 236
שאָטנס . . . 237
איך פלעכט זיך אײַן אין טונקל . . . 237
די שטילקייט . . . 237
אַ רויך . . . 238
ביימער . . . 238
אין פעלד בײַ נאַכט . . . 239
שטערן פאַלן . . . 239

דער שײַטער . . . . . . . . . 239
די קאַרוסעל . . . . . . . . . 240
בײַם ראַנד פֿון שטאָט . . . . . . 240
נאַכטיקער האַפֿן . . . . . . . . 240
בײַם ליכט פֿון לאָמפּ . . . . . . 241
עס טרעפֿט . . . . . . . . . 242
פֿון שלאָף צוריק . . . . . . . 242
אויף צוריק . . . . . . . . . 242
אין אַ שנייִיקער נאַכט . . . . . . 243
אַ ווינטערנאַכט . . . . . . . . 243
עס טאַנצט דער ווינט . . . . . . 243
דער נאַכטיקער ווינט . . . . . . 244
דער נאַכטיקער וואַלד . . . . . . 244
אַ נאַכטיקער געוויטער . . . . . . 244
די לבנה . . . . . . . . . . 245
די נאַכט . . . . . . . . . . 245
אין מיטן פֿון דער נאַכט . . . . . 245
שאָפּען־נאָקטיורנס . . . . . . . 246
אין רעגן . . . . . . . . . . 247
פֿרילינגדיקע רעגנס . . . . . . . 247
נאָך אַ רעגן . . . . . . . . . 248
טראָפּנס . . . . . . . . . . 248
די פֿינצטערניש . . . . . . . . 248
אין מיטן נאַכט . . . . . . . . 249
אין ליכט־און־שאָטן־שפּיל . . . . . 249
אַ ווײַסער געשריי . . . . . . . 249
נישטאָ . . . . . . . . . . . 250
ווען שטילער ווערט דער טאָג . . . . 250
אין חלום־לאַנד . . . . . . . . 251
די שאָטנס . . . . . . . . . . 251
נאַכטיקער ראַדיאָ . . . . . . . 252
אין ספֿק טאָג און נאַכט . . . . . 253
אין נאַכט אַרײַן אַוועקגיין . . . . . 253
ערבֿ פֿרילינג . . . . . . . . . 253
ווי כ'וואָלט גאָר זיך אַליין דערזען 254
אַ פֿונק פֿון ליכט . . . . . . . 254
די פֿינצטערניש . . . . . . . . 254
עס ווערט דער טאָג . . . . . . . 255
די שבת־לײַכטער . . . . . . . . 255
דער טאָג האָט אָפּגערוישט . . . . 255

## אין גורלדיקן קלעם

אויף דעם שאַכברעט פֿון מײַן לעבן 259
דער דריטער וועג . . . . . . . 259
דער דיכטער ווייסט באַצײַטנס . . . 260
גורל־איבערחזרונג . . . . . . . 260
אַ דורותדיקער שרײַ . . . . . . . 260
דורך זיך אַליין . . . . . . . . 261
עס זײַנען הויך די טרעפּ . . . . . 261
מײַן לעבן איז אַ שמאָלע גאַס . . . 261
ערגעץ זײַנען מיר אין מיטן . . . . 262
איך וואַרט נאָך ווו פֿאַרשטעלט . . . 262
אין רויש פֿון גאַס . . . . . . . 263
די אייביקייט . . . . . . . . . 263
אָדמס טרויער . . . . . . . . . 263
אַ וואַנדערער . . . . . . . . . 264
די ערשטע אַנטפּלעקונג . . . . . . 264
די זעלבע שטערן . . . . . . . . 264
דעם מענטשנס גאַנג . . . . . . . 265
דו קענסט נישט קומען . . . . . . 265
ס'איז אַלץ אין דיר . . . . . . . 265
טויט און לעבן . . . . . . . . 266
אויף אַלע וועגן . . . . . . . . 266
אין כּישוף־קרייז . . . . . . . . 266
זײַ ווערן איינס . . . . . . . . 267
צוויי געשטאַלטן . . . . . . . . 267
ווי שווער איז די געבורט . . . . . 267
די וועלט אַרום . . . . . . . . 268
ווי קען איך וויסן . . . . . . . 268
ס'קען זײַן . . . . . . . . . . 268
ס'איז דאָ אַ ווײַל . . . . . . . 269
נאָך קינדווײַז . . . . . . . . . 269
דער סאַקסאָפֿאָן . . . . . . . . 269
די צײַט . . . . . . . . . . . 270
דער זייגער פֿון מײַן לעבן . . . . 270
דער אָטעם פֿון קלאַוויר . . . . . 270
פֿון ווײַטע נעכט אַ גרוס . . . . . 271
אַ ווײַטע וועלט . . . . . . . . 271
די שפּיל . . . . . . . . . . 271
אַלץ געדענקט . . . . . . . . . 272
פֿון טיר צו טיר . . . . . . . . 272
די פֿינקל־רגע . . . . . . . . . 272
די קרוין פֿון יצירה . . . . . . . 273
ווער ווייסט . . . . . . . . . . 273
מיר . . . . . . . . . . . . 274
דער עכאָ פֿון אַ וואָרט . . . . . 274
אין קוש פֿון לײַדנשאַפֿט . . . . . 274
דאָס שפּינראָד פֿון לעבן . . . . . 275
אין האַרבסטן . . . . . . . . . 275
נײַע דורות . . . . . . . . . . 275

צום באַפרײַטן מענטש . . . . . . 276
די אומצופרידענע . . . . . . . 276
איך בין צו אײַך געקומען . . . . 276
דאָס נישט־געהאַטע לעבן . . . . 277
אין גרויען בין־הזמנים . . . . . 277
מײַן בליק . . . . . . . . . 277
איך האָב פאַרשפּילט . . . . . 278
דורך מײַן קול . . . . . . . . 278
עס שרײַט אין מיר . . . . . . 278
עס בלײַבט אין דיר . . . . . . . 279
אַ מאַמע . . . . . . . . . . . 279
פאַרקערט . . . . . . . . . . 279
אין ערשטן טראַט . . . . . . . 280
ס׳האָט אַלץ אַן ערשטן מאָל . . . 280
אין צענדליקער געשטאַלטן . . . 280
וואַנדער־גלוסט . . . . . . . 281
פון אַלע טעג . . . . . . . . 281
מיט גורלדיקע שפּורן . . . . . 281
מײַן יוגנטלאַנד . . . . . . . . 282
איך בין זײַן סוד . . . . . . . 282
קאַרוסעלעס . . . . . . . . . 282
די שאָטנדיקע ווינטמילן . . . . 283
איך וועל זיך אומקערן . . . . . 283



THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
DONNELL LIBRARY CENTER
FOREIGN LANGUAGE LIBRARY
20 WEST 53rd STREET, N. Y. 10019

# דערשינענע ביכער פון יוסף רובינשטיין

„מאָדעלן", לידער, וואַרשע, 1939, אַרויסגעגעבן פון ייִדישן פּען־קלוב, פּרעמירט מיט דעם י.ל. פּרץ־פּרײַז פון ייִדישן פּען־קלוב אין וואַרשע.

„מאָדעלן" (אויסגעקליבענע לידער פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע) מאָסקווע, 1940, פאַרלאַג „דער עמעס".

„נאַכט אויף נאַלעווקעס", לידער, ניו־יאָרק, 1949, אַרויסגעגעבן פון ייִדישן קולטור־קלוב אין באָסטאָן.

„מגילת רוסלאַנד" (ערשטער טייל פון דער פּאָעזיע־טרילאָגיע „דער דריטער חורבן"), ניו־יאָרק, 1960, פאַרלאַג „ציקאָ", באַקומען די יערלעכע פּרעמיע פאַר פּאָעזיע פון ייִדישן ביכער־ראַט בײַם „נאַציאָנאַלן ייִדישן וועלפער־באָארד" אין אַמעריקע.

„חורבן פּוילן" (צווייטער טייל פון דער פּאָעזיע־טרילאָגיע) ניו־יאָרק, 1964, פאַרלאַג „ציקאָ" באַקומען דעם לאַניע בימקאָ־פּרײַז פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

„יציאת אייראָפּע" (דריטער טייל פון דער פּאָעזיע־טרילאָגיע) ניו־יאָרק, 1970, פאַרלאַג „ציקאָ", פּרעמירט געוואָרן מיט דעם צבי קעסל־פּרײַז אין מעקסיקע, מיט דעם פּרײַז פון דער כאַנין־פונדאַציע בײַם אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק און מיט דער אַטראַן ליטעראַטור־פּרעמיע פון דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.